STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09067

DER HAKNKRAYTS (DI HAK AN KRAYTS)

Zelman Skalow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן סקאַלאָוו

דער האַקנקרייץ

זלמן סקאַלאָוו

דער האַקנקרייץ

(די האַק און קרייץ)

פאַרלאַג „יידיש בוך"   וואַרשע 1954

ZELMAN SKAŁOW

SWASTYKA NAD GETTEM

Zebrał, zestawił oraz przedmową zaopatrzył B. MARK

געזאַמלט, צונויפֿגעשטעלט און פֿאַרזען מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון ב. מ אַ ר ק

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 739. Nakład 5,500. Druk ukończono w czerwcu 1954 r.
Ark. druk. 9,25, ark. wyd. 8 Papier dzieł V kl. 61 × 68 cm. 80 g.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-53993

זלמן סקאָלאָוו (פּלוסקאַלאָווסקי)

זלמן סקאָלאָוו (פּסעוודאָנים פון פּלוסקאַלאָווסקי) איז געקומען אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן פון וואַרשע אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן. ער איז שוין דעמאָלט געווען א מחבר פון א באַנד דערציילונגען אונטערן נאָמען „ווייסע הענט" (דערשינען אין 1936). אין א צוויי יאָר שפּעטער האָט ער אַרויסגעלאָזט א באַנד דערציילונגען א. נ. „ציימן ביימן זיך" (אין יאָר 1938, אינעם פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער"). אינצווישן, אין יאָר 1937, האָט סקאָלאָוו פאַרעפנטלעכט אינעם ליטעראַרישן חודש-זשורנאַל „שריפטן" אַ נאָוועלע א. נ. „גרילן".

די צוויי דערציילונגען האָבן דערהויבערט פאַר סקאָלאָוון אַ פּאָזיציע אין דער יידישער פּראָזע. הגם ערטערווייז איז נאָך זיין סטיל געווען א צעפלאָסענער און אַן אומבאַהאָלפענער, האָט מען דאָך שוין דעמאָלט געקאָנט קאָנסטאַטירן, אַז סקאָלאָוו איז בפירוש א קערנדיקער טאַלאַנט, אַז ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַן אייגנאַרטיקן פּנים און מיט אַ זאַפטיקער, רייכער יידישער שפּראַך, אַז ער שעפּט זיינע מאָטיוון פון לעבן, קען גוט די נאַטור און איז בכוח זי אַרויסצוברענגען אין סוגעסטיווע בילדער. סקאָלאָווס סטיל האָט פאַרמאָגט אַן עלעגישן אונטערטאָן און איינציימטיק א שטאַרקע דראַמאַטישע אַנלאָדונג, וואָס האָט אויסגעדריקט די שאַרפע לעבנס-קאָנפליקטן, וועלכע האָבן דעם שרייבער אינטערעסירט.

די צוויי ביכער פון ז. סקאָלאָוו האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע פּראָגרעסיווע שרייבער אין וואַרשע. דאַקעגן אין די בירגערלעכע ליטעראַרישע קרייזן האָט סקאָלאָוו קיין מאָל נישט געהאַט. די סיבה דערפון האָט געשטעקט סיי אין דער טעמאַטיק פון זיינע דערציילונגען, סיי אין דעם שרייבערס באַציאונג צו די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. סקאָלאָוו האָט געשילדערט דער עיקר מענטשן אַנטוישטע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און אין א ריי אירע גרונט-דערשיינונגען אין דער יידישער סביבה. די צענטראַלע דערציילונג פון דעם באַנד „ווייסע הענט" איז „די צעפאַלענע קבוצה". אין אָט דער דערציילונג איז פאַראַן א סך אויטאָביאָגראַפישס. דער מחבר שילדערט דאָס לעבן פון א קבוצה אין ישראל און פירט אדורך א שאַרפע קריטיק פון דעם קבוצהשן סיסטעם, ווייזנדיק די אַנטוישונג, וואָס כאַפּט אַרום צום סוף אירע מיט-

בליִער. אין אַ גרעסערער דערציילונג פון צווייטן באַנד — „ציִיטן בייטן זיך" — שילדערט סקאַלאָוו די אַנטוישונג אין דעם ייִדיש-באַלעבאַטישן פּילאַנטראָפּישן סיסטעם אין פּאַריז. דער מאָטיוו פון אַנטוישונג און פאַר־ביטערונג שלענגלט זיך אַדורך דורך אַ גרויסן טייל פון סקאַלאָוו שאַפונ־גען. אמת, דער שרייבער דערהייבט זיך נישט צו פּראָטעסט, ער מאַכט נישט קיין רעוואָלוציאָנערע אויספירן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט שוין זיין עצם רעאַליסטישער אַרט שילדערן די ווירקלעכקייט, זיין דעמאַסקאַטאָרישער נוסח, געווירקט. צוליב דעם האָט סקאַלאָוו נישט געקאָנט געניסן פון סימפּאַטיע מצד די בירגערלעכע דעה־זאָגער אין די באַלעבאַטישע ספערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין וואַרשע, און זיי האָבן אים פאַרשוויגן.

סקאַלאָוו האָט אין זיינע פאַרמלחמהדיקע שאַפונגען באַריִרט נאָך אַנדערע טעמעס. זיין הויפּט־פּערסאָנאַזש איז אַ פאָלקישער. ער קען אויס־געצייכנט פּשוטע קליינשטעטלדיקע און דאָרפישע ייִדן, ייִדן, וואָס וווינען אין אָרעמע שטובן אויף דער פּעריפעריע, ייִדן אויסגעוואָרצלטע פון זייער אַלטער היים, אַרויסגעשליידערטע דורך דער אכזריותדיקער קאַפּיטאַליס־טישער ווירקלעכקייט איבער אומעטום פון געצוווּנגענער עמיגראַציע, ער קען זייערע צרות, זייערע חלומות וועגן שטילן גליק, זייערע ליבעס און ליידנשאַפטן. פון איין זייט מאָלט ער שאַרף און בייסיק עגאָיסטישע פּרי־צים, צביעותדיקע פילאַנטראָפּן, פאַלשע „מענטשן־פריינד"; פון דער צוויי־טער — שילדערט ער מיט ליבשאַפט פּשוטע מענטשן פון פאָלק און די קרבנות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אומרעכט, פון געזעלשאַפטלעכע אילו־זיעס, פון אויפגעצוווּנגענעם נע־ונד. ער קען אַריינדרינגען אין דער נשמה פון אומגליקלעכע פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועלכע גייען אונטער פון נויט און איינזאַמקייט אין דעם צעבושעוועטן ים פון קאַפּיטאַליסטישער אונ־טערדריקונג און מענטשנהאַס.

סקאַלאָוו איז געווען רייך אין לעבנס־דערפאַרונגען און אַ סך פּער־זענלעכע אַנטוישונגען, וואָס האָבן געהאַט זייער וואָרצל אין די אכזריות־דיקע דערשיינונגען פון קאַפּיטאַליסטישן אומרעכט און פון פאַרפירערי־שע נאַציאָנאַליסטישע אילוזיעס. די אייגענע ביטערע דערפאַרונגען האָט סקאַלאָוו איבערגעפּרעמט קינסטלעריש אין אַ טייל פון זיינע שאַפונגען.

די האָזיקע אַנטוישונג פון פּערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַק־טער האָבן אַרויסגערופן ביים שרייבער אַ געוויסן, הגם נישט ציל־באַוווסטן בונט. סיי אין געוויסע דערציילונגען פון ז. סקאַלאָוו, סיי ווען מען איז געקומען מיטן שרייבער אין פּערזענלעכן באַריר האָט מען געקענט פילן, ווי אונטער דעם אויסערלעך רואיקן טאָן, אונטער דער אויסערלעכער

פלעטמאטישקייט און האמעטנעדיקייט פולסירט שוין א נאך נישט איינגאנצן קריסטאליזירטער סאציאלער אומרו, ברויזט שוין אויף א געפיל פון פראטעסט און בונט, הגם סקאלאוו איז נאך דעמלט נישט פעיק געווען צו פארשטיין די סיבות פונעם בייז און צו דערזען די וועגן, וואס פירן צו זיין באזייטיקונג. פון דער אנטווישונג אין קאפיטאליסטישן סיסטעם, אין די קבוצות, און דער בירגערלעכער פילאנטראפיע האט זיך גענומען דער פארביטערטער טאן פון סקאלאוס געוויסע דערציילונגען. פון דעם מחברס סימפאטיע צו די געשטאלטן פון פאלק האט געשטאמט זיין לירישער טאן. אבער געפארט מיט דעם לירישן געמיט איז ביי אים געגאנגען א גאנץ באדייטנדיקער נאטוראליזם, וועלכער האט פארטונקלט דאס בילד און בעיקר דעם געדאנק.

די היטלעריסטישע אקופאציע, דאס געטא און די אכזריותדיקע אנגריפן פון די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער האט סקאלאוו אויפגענומען ווי א פאלקס־טרייער שרייבער. א ליידנדיקער אויף פיל קרענק, האט ער פונדעסטוועגן נישט רעזיגנירט פון שרייבן. ער איז אויך געווען אקטיוו ווי א נאענטער מיטארבעטער פון אונטערערדישן געטא־ארכיוו (רינגעלבלום־ארכיוו). אויף דער באשטעלונג פון דער ארכיוו־ליטונג האט ער אנגעשריבן א ריי רעפארטאזשן וועגן גירושים, וועגן גאסן־לעבן, וועגן פונקטן פאר הילף. די אלע רעפארטאזשן (זיי געפינען זיך איצט אין ארכיוו פון יידישן היסטארישן אינסטיטוט) זענען געשריבן מיט הארץ, מיט א געוואלדיקן מיטגעפיל צו די יסורים פון די יידן און מיט גרענעצלאזער שנאה און פאראכטונג צו די פעלקערמערדער. דאס זענען נישט קיין פשוטע רעפארטאזשן, אדער פאקטן־פארצייכענונגען, נאר אמתע קינסטלערישע ווערק, מיט א ברייט־אטעמדיקער שילדערונג פון דער סביבה און פון איינצלנע מענטשן. איינצייטיק האט סקאלאוו געשריבן א גרויסן ראמאן א. נ. „דער האקנקרייץ" („די האק אן קרייץ"), אין וועלכן ער האט געשטרעבט ארומצונעמען דעם גאנצן גורל פון דער יידישער מאסע, וואס איז פארשפארט געווארן אין געטא מיט אלע אירע סאציאלע ווידעראנאנדן, א ברייטע גאלעריע פון טיפן און פארשידענע שטאפלען פון איר גורל. סיי די רעפארטאזשן, סיי דעם ראמאן האט סקאלאוו אונטערגעשריבן מיט דעם כאראקטעריסטישן פסעוודאנים: ה. גרויל.

דאס ווערק „האקנקרייץ" („האק און קרייץ") איז דער איינציקער ראמאן פון די געטא־שרייבער, וואס איז צו אונדז דערגאנגען אדאנק דעם אונטערערדישן געטא־ארכיוו.

וועגן דער געזעלשאפטלעכער פאזיציע פון זלמן סקאלאוו אין ווארשעווער געטא זאגט עדות דער פאקט, וואס ער האט אנטיילגענומען אין

דער ליטעראַרישער אימפּרעזע פון 15-טן פעברואַר 1941 צוזאַמען מיטן קאָמוניסטישן שרייבער יהודה פעלד און אַנדערע. סקאַלאַוו האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבער אין געטאָ, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט פאַנגען אין דער נעץ פון דער דיווערסיע פון די גאַנצווייכס, וואַרשאַווסקים און זייער גלייכן. ווי עס דרינגט אַרויס פון זיינע ווערק פונעם געטאָ־פּעריאָד, האָט ער אַדורכגעמאַכט אין דער אָקופּאַציע־צייט אַ ווייטערדיקן פּראָצעס פון ראַדיקאַליזירונג.

וויאַזוי עס האָט זיך סקאַלאַוו געלעבט אין געטאָ, האָבן מיר, ליידער, ווייניק ידיעות. אין רינגעלבלומס אַרבעט „וויאַזוי עס איז אומגעקומען די יידישע אינטעליגענץ פון וואַרשע" לייענען מיר צ. א. די פאָלגנדיקע ווערטער:

„סקאַלאַוו זלמן האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן אויסדויער בשעת אַלע בלאָקאַדעס. ער פלעגט זיך אין דער צייט פון דער גרעסטער סכנה אַרומדרייען אין די גאַסן... איך האָב אים מיט איניקע אַנדערע ווערטפולע פּערזאָנען געהאָלפן אַריינצובאַקומען זיך אין בערשטער־שאָפּ, און פון דאָרט איז ער, ווייזט אויס, צוגענומען געוואָרן. סקאַלאַוו האָט אַ גאַנצע צייט געשריבן און דווקא אויף אַקטועלע טעמעס"...

סקאַלאַוו־גרויל דערפירט זיין ראָמאַן ביז 7 יוני 1941, ד. ה. ביזן אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט זיך געוויס געגרייט צו שרייבן די ווייטערדיקע טיילן און אפשר זיי געשריבן. זיין אינטענסיווע שרייבערישע טעטיקייט אין די סאַמע שווערלעכע באַדינגונגען פון געטאָ איז איבערגעשניטן געוואָרן דורך די עס־עסישע מערדער און זייערע געטאָ־פּאָליצייאישע באַהעלפער. סקאַלאַוו איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע פאָלקס־טרייע שרייבער פון וואַרשעווער געטאָ.

זיינע ווערק, און בעיקר דער ראָמאַן פון געטאָ־לעבן, וועלכן מיר גיבן דאָ איבער די לייענער, זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון די פאַרשאָלטענע דערשיינונגען און געשעענישן, וואָס עס האָט געבוירן דער אימפּעריאַליזם, קעגן וועלכן דאָס האַרץ פונעם שרייבער האָט זיך אַזוי שטאַרק געבונטעוועט. סקאַלאַוס שאַפונגען פונעם געטאָ־פּעריאָד זענען נישט בלויז אַ שאַרפער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די פאַשיסטישע רוצחים און נישט בלויז אַ טרייער דאָקומענט פון יענער גרויליקער צייט, נאָר אויך אַ הימן פאַר דער מאָראַלישער שטאַרקייט פון די פּשוטע געטאָ־אסורים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אויסדויער, אמתע מענטשלעכקייט, פאָלקס־סאָלידאַריטעט און אינטערנאַציאָנאַליסטישע געפילן אין דער סאַמע טרויעריקסטער תקופה פון אונדזער געשיכטע.

ב. מאַרק

ע ר ש ט ע ר ט יי ל

I

די באַן פון װאַרשע קיין אָסטראָלענקע איז שוין געװען פאַרפולט. אויפן פּעראָן זענען פאַרבליבן בלויז פאַרדאַגהטע פרויען. פון די װאַגאָנעס אַרויס האָבן זיך געטראָגן בהורשע קולות:

מלחמהלע, מלחמה,
װאָס ביסטו פאַר א פריצטע,
װאָס נאָך דיר נאָך יאָגן,
װאָס נאָך דיר נאָך לויפן
יינגלעך אויסגעפוצטע.

די באַן האָט גערירט.

— אך, װאַרשאַװאַ, מאַיאַ װאַרשאַװאַ, צי װעלן מ'ר זיך װידער זען? — האָט דער יונגער פאָרזינגער פלוצלינג אָפּגעריסן, ענדיקנדיק זיין גאַנצן זעלנערישן רעפּערטואַר.

אין א װינקל פון װאַגאָן איז געזעסן א קרעפּטיק־געבױטער גלח. ער האָט געקוקט מיט באַבריליטע אויגן אויפן שװאַרצן טאָװל פון א הייליקן ספר, װאָס איז געװען באַצירט מיט טיפע גאָלדענע אותיות. אויף זיינע קני האָבן זיך געשװאַרצט, װי די שרצים, דריי גרויסע, פעטע צייכנס: „א. ב. צ.‟ פון דער צייטונג,[1] אין װעלכער דער גלח האָט פון מאָל־צו־מאָל אַריינגעקוקט מיט זיין שטרענגן אָדלער־בליק.

— װייסט איר, — האָט דער קרעפּטיקער פריץ זיך געװענדעט מיט א געדיכטער ברוסט־שטים צו די מאַטראָסן־שילער (זיי זענען דאָ געשטאַנען אין ענגשאַפט ביי דער זייט) — צי װייסט איר, פון װאָס עס שטאַמט אַלץ אַרויס, אַלע צרות־צרורות אין דער היינטיקער װעלט? — זיין בליק איז געפאַלן אויף אַן אָרעם־געקליידעטן, איינגעהויקערטן ייד — מיר האָבן נאָך ליידער פאַר זיי קיין באַזונדערע װאַגאָנעס ביז אַהער נישט איינגעשאַפט... יאָ, עס שטאַמט דערפון, װאָס

---

[1] „א. ב. צ.‟ — א שװאַרצמאַהדיקע, פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע צייטונג אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן — באַמ. פון רעד.

ער, דער גדול זייערער מיטן נאָמען הימלערעק, געהערט צו דעם זעלביקן מין, ווי אָט דער פארשוין, וואָס איז אויך פון זיין אָפּשטאמונג... א זשיד!... יאָ אזוי איז עס... עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, מיינע קינדער, — האָט דער גלח עקשנותדיק איבערצייגט די פארחידושטע מאטראָסן — יאָ, א ייִד, א ייִד!... פארשטייט איר שוין, — האָט ער מיטן לאנגן פינגער געטייטלט — צוליב וואָס מיר פאָרן איצט פארגיסן בלוט? — ווייל (מיט דיקציע, באטאָנט) — ווייל דער ייִד איז זיין גאנצן מהות באגערט בלוט... די בריאה קאָן אָן בלוט נישט לעבן, ווי א פיש אָן וואסער...

צוזאמען מיט די מאָבילִיזירטע איז אוועק אויך דער הויכגעוויקסיקער ערנ־סטער בחור בערנארד, וועמענס משפּחה איז פארבליבן אויפן פּעראָן, צווישן באַ־גלייטנדיקן פּובליקום...

נישט קוקנדיק אויפן געזעגענען זיך מיט די נאָענטסטע און טייערסטע, איז די שטימונג ביים עולם נישט געווען קיין געפאלענע. עס האָט באדייט:

— מיר האָבן די מלחמה נישט געוואָלט, מען האָט זי אונדז קעגן דעם ווילן אָנגעוואָרפן. מיר נעמען אויף דעם ארויסרוף, נישט ווייל מיר ווילן, נאָר ווייל מיר מוזן. אויך זעלטן־ווער האָט געגלייבט, אז דאָס דראָענדיקע פייער וועט מיט אן אמת זיך צעפלאקערן.

בערנארדס פאמיליע האָט געלעבט זייט יאָרן אין איינעם פון די הויפן אויף גראנימשנע, אויפן צווייטן שטאָק. דער הויף איז געווען א לאנגער און א שמאָ־לער. די איינוווינער פון דעם הויף האָבן זיך אָפט געזען דורך די פענצטער און איינער דעם צווייטן געקענט פון יאָרן־לאנג. דער קאָפּ פון דער פאמיליע איז גע־ווען ר׳ גדליה בערמאן. פון אים האָבן זיך גענומען די צוויי גלידער, פון וועלכער די משפּחה האָט זיך פאנאנדערגעצווייגט. די שנור האָדעס (דער זון האָט נישט געלעבט) מיט אירע ביידע זין, בערנארד און אראָן, און דער טאָכטער, עדע, האָבן געבילדעט איין צווייג. מיט זיי האָט גדליה געלעבט צוזאמען. געגאנגען צו זיי איז מען דורך דער ערשטער טיר פון דער לינקער אָפיצינע. דער צווייטער צווייג איז באשטאנען פון דעם איידעם יוסף שפּיראָ, זיין פרוי — גדליהס טאָכטער — מינע, און זייער איינציקן זון — דעם סטודענט — ראפאל. צו זיי איז מען גע־גאנגען אין דער זעלבער אָפיצינע מיט א טיר ווייטער.

די צוויי משפּחות האָבן געלעבט פון ארבעט (נישט פון מסחר) און געהאט צו דיספּאָזיציע זייער חודשלעכן געהאלט. דער אלטער אליין איז אין די יונגע יאָרן געווען א טריקאָטאזש־ארבעטער (געארבעט ביי יענעם). איצט האָט ער פארמאָגט אן אייגן מאשינדל.[1] אין צייט פון סעזאָן פלעגט ער עס לאָזן אין גאנג.

---

[1] געווען א כאלופניק. — באמ. פון רעד.

בערנאַרד איז לויט וווּקס און כאַראַקטער געווען גראָטן אין זיידן. אַ שטרענגער צו אַנדערע און צו זיך, אַ גראָדליניקער מענטש, וועלכער פאַרטראָגט נישט קיין שום מאַכינאַציעס און פילט אַן עקל צו ליגן זאָגן, צו קליינלעכקייט און קאַרגשאַפט, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט ערנסטקייט און סאָלידקייט. בערנאַרד האָט פאַרמאָגט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. האָבנדיק הינטער זיך אַ געענדיקטע העכערע האַנדלס־שול, איז ער געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ זייף־פאַבריק. ער איז געווען אַ פאַרביסענער שונא פון פרעס און ווילטאָג. די אַרבעטער פון דער פאַבריק האָבן זיך באַצויגן צום יונגן באַאַמטן מיט אויפריכטיקער אַכטונג.

בערנאַרד האָט געפירט מיט זיך אַן עקסטרע בריוו[1] פון דער מומע מינע שפּיראָ (פון דעם צווייטן צווייג) צו איר מאַן יוסף, וועלכער האָט פונקט אין דער צייט פאַרבראַכט זיין אורלויב אין די ווישקאָווער וועלדער צוזאַמען מיטן זון ראַפאַל.

דאָס בריוול האָט בערנאַרד געדאַרפט באַזאָרגן אונטערוועגס. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט אין דעם דאַטשע־אָרט ריביענקאָ. ביי דער קליינער סטאַציע, פאַר דער אייזערנער בריק, זענען געשטאַנען דאַמען און פּידזשאַמען, געמיטלעך געשמועסט, געניסנדיק פון לופטיקייט און זונענשיין. דאָ איז „יידן־ריינע“ לופט. דאָ וווינען אין פּענסיאָנאַטן און אייגענע ווילעס קריסטלעכע מאַגנאַטן. — און פון דער צווייטער זייט, אַריבערפאָרנדיק דעם בוג, ליגט דאָס טיפּיש צונויפגעשטיקטע יידישע שטעטל מיט זיין מקוה און יידישן דלות.

אויפן ווישקאָווער וואָקזאַל איז בערנאַרד אַרויסגעשטיגן אויף אַ וויילע פון דער באַן, אָפּצוגעבן דעם בריוו, וועלכן ער האָט געפירט מיט זיך פאַרן פעטער יוסף.ביים וואָקזאַל האָבן געוואַרט פורמאַנעס. איינער פון זיי איז געזעסן אויף די קאָזלעס, גרייט אָפּצופאָרן. ער האָט געטראָגן אַ קאַפּל אונטערן יידישן היטל, איז געווען גראָטן אין זיידן גדליה. בערנאַרד איז צוגעלאָפן צו אים, אים דערלאַנגט אַ מטבע צוזאַמען מיטן קאָנווערט, האָט אין יידן אייליק אַריינגעטענהט:

— פאַניע־לעבן, זייט וויסן, אַז דער בריוו איז אַ וויכטיקער, עקסטרע באַזאָרגן!

—אַלץ איז היינט געוואָרן עקסטרע און וויכטיק, — האָט דאָס יידל אָפּגעענטפערט און אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד. בערנאַרד האָט אים נאָכגעשריגן:

— זאָגט זיי, זאָלן זיי גלייך די מינוט פאָרן אהיים... הערט נאָר...

* * *

ראַפאַל איז געווען אַ סטודענט פון הומאַניסטישן פאַקולטעט אין וואַרשע. ער איז געווען מיט לייב־און־לעבן אַריינגעטאָן אין די ביכער, אָבער אין דער

[1] די פּאָסט האָט גלייך אויפגעהערט צו פונקציאָנירן — צושריפט פון מחבר.

זעלבער צייט האָט ער געהערט אין א ספּאָרט-פאַריין און איז טעגלעך געפאָרן הינטער דער שטאָט שפּאַצירן אויף זיין ראָווער. מיט אַ באַזונדער התלהבות האָט ער שטודירט פילאָזאָפיע, האָט געגישטערט אין די ביכער, געשריבן צום טעקסט אייגענע באַמערקונגען, וועלכע האָבן באַזירט אויף אָבסערוואַציע און אייגענע דערפאַרונגען. ראַפאַל האָט זיך פאַרליבט אין אייגן ביבליאָטעקל, וואָס האָט געזאָלט בילדן אַ באשיידענעם אָנהייב צו אַ גרעסערער זאַמלונג פון באַדייטנדיקע ווערק.

זיין פאָטער יוסף האָט געאַרבעט אויף אַ שטעל, געפירט בוכהאַלטעריע אין אַ באַקאַנטער פירמע. זיין חודשלעך געהאַלט האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט נאָכצוגעבן זיין זון אין זיינע גייסטיקע שטרעבונגען. אָנהייב פרילינג 1939 איז אָבער געשען אַ פאַל, וואָס האָט אָפּגעקילט דעם יונגן מתמיד אין זיין האַזיקן ברען. יידן-פיינטלעכע סטודענטן פון א באוווסטער מארקע[1] האָבן זייט א געווייסער צייט געשטערט די רו אין לאַנד, זייענדיק אַ געוויר אין די הענט פון א שכנישער מלוכה.[2] די דאָזיקע גרופּע האָט, אונטערן איינפלוס פון אגענטן פון דעם קריגערישן „דריטן” רייך, געשאַפן אין די אוניווערסיטעטן אַן אַטמאָספער פון צעשטערונג. אינמיטן דעם פאָרטראַג אין דער גרויסער אוניווערסיטעט-זאַלע האָט א גרופּע סטודענטן-שלעגער זיך געוואָרפן אויף אייניקע אָנוועזנדיקע יידן, זיי צעביילט און צעשטאָכן. ראַפאַל האָט אויף זיין חלק באַקומען א מעסער-שטאָך אין דער זייט. אַ פאַרבלוטיקטן האָט מען אים געבראַכט אין שפּיטאָל, ווו ער האָט הדשים-לאַנג געמוזט פאַרבלייבן אויף קוראַציע. ערשט דאַן, ווען דער זומער איז שוין געווען ביים סוף, איז ראַפאַל געווען בכוח זיך צו שטעלן אויף די פיס און צוזאַמען מיטן פאָטער אוועקפאָרן אויפן לאַנד. צוליב דעם האָט יוסף פאַרשפּעטיקט מיטן נעמען אורלויב, כדי צו קאָנען אַרויספאָרן אויפן לאַנד צוזאמען מיטן זון. דעם 15טן אויגוסט זענען פאָטער און זון ארויסגעפאָרן. ווי יעדעם יאָר, זענען זיי אויך איצט געפאָרן אין אַ שכנישן שטעטל מיט אַ מאָלערישער נאַטור — קיין ווישקאָוו, ווו יוסף, דער פאָטער, איז געבוירן, האָט פאַרברענגט זיינע קינדער-יאָרן, זיך דערצויגן ביז זיין קומען קיין וואַרשע. דאָ, הינטער דער שטאָט, האָט נאָך געוווינט זיין אַלטע מוטער, ווי פריער, מיט איר טאָכטער און איינקלעך. ראַפאַל האָט מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון זיינע ביכער, האָט אויף דער פרייער לופט ווייטער געגישטערט אין די קליינע אותיותלעך, זוכנדיק א פאַרענטפערונג אויף וועלט-פּראָבלעמען.

---

[1] פון די פאשיסטיש-אנטיסעמיטישע אָרגאניזאציעס פון אָ. נ. ר., ענדעציע, סאנאציע, ס׳רוב מיטגלידער פון די פאשיסטישע א. ג. קאָרפּאָראציעס — באַמ. פון רעד.

[2] פון היטלער-דייטשלאנד — באמ. פון רעד.

דאָס שטעטל ווישקאָוו ליגט אויף דער זייט פון בוג מיט זיינע פלאָשעס און וועלדער. אפילו דער מלחמה=אַליאַרם האָט נישט געקאָנט פאַרדאַרבן דעם ריח פון די געוויקסן, די פרישקייט פון די כוואַליעס און דאָס געזאַנג פון די פייגל.

II

איצט האָט ביי די בערמאַנס אין וואַרשע זיך אָנגעהויבן א סדרה מיטן איינשאַפן לעבנס=מיטל אויף אַ געוויסער צייט, מיטן שטיין אין „אָגאָנקעס", מיטן הערן דורכן ראַדיאָ פאַראָרדענונגען, באַריכטן און אַליאַרמען קעגן לופט=אָנגריפן. יעדער טאָג, יעדע אַדורכגעלעבטע שעה איז געוואָרן אַ געשעעניש. פון דער פּראָווינץ האָבן זיך געצויגן פורן מיט פליטים — פון די גרענעץ=שטעט און אויך פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום וואַרשע. מען איז געקומען פון לאָדזש און אַרומיקע שטעטלעך. די צייטונגען האָבן געבראַכט נעפלהאַפטע באַריכטן, געדרוקטע אין געאייל אויף איינצלנע בלעטלעך און אָן אַרטיקלען. אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנען לאַנגע רייען נאָך ברויט — שטעהנווייז און גאַנצע טעג. פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען האָבן געהודזשעט איבער די קעפּ. פיר=פינף מאָל אַ טאָג האָבן סירענעס אַליאַרמירט די געפאַר. דאָ=און=דאָרט זענען הייזער צעשמעטערט געוואָרן און האָבן מענטשן פאַרשאָטן אונטער די חורבות. דער קאַמף אַרום ברויט איז אָבער שטאַרקער געווען ווי דער פחד פאַרן טויט — די רייען זענען געשטאַנען אומבאַרירט. זעלטן=ווער האָט געפועלט ביי זיך אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ אַן אנדערן, א פרעמדן — אַפילו אין גרעסטער געפאַר.

פון 5 באַגינען איז מינע געשטאַנען אין דער ריי ביי אַ בעקעריי. אַזייגער 10 איז זי געקומען צום פאָטער מיט אַ קליין ברויטל אונטערן אָרעם. זי איז אריין אַן אויפגערעגטע פון דער ידיעה, אַז די שטאָט ווישקאָוו, וווּ עס געפינען זיך איר שוויגער, שוועגערין און, לעצטנס, איר אייגענער מאַן מיטן זון, איז אויפן פינפטן טאָג פון קריג שוין געווען פאַרברענט אויף קויל. ווישקאָווער יידן האָבן געלאָזן אויף הפקר זייער האָב=און=גוטס. ווער עס האָט געקאָנט לויפן, איז געלאָפן איבער דער בריק אין די וועלדער אַריין, צו די שכנישע דערפער און שטעט, אויך קיין וואַרשע, — ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

אין דער נאַכט פון זעקסטן אויפן זיבעטן סעפּטעמבער, זעקס טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, איז געוואָרן פאַראָרדנט דורכן ראַדיאָ: „יונגעלייט פעיקע צו טראָגן געווער, פאָלגן נאָך דער אַרמיי". אין אַ טאָג אַרום איז די דאָזיקע פאַראָרדענונג געוואָרן אויפגעקלערט ווי א פאַרדריסלעכע מיספאַרשטענדעניש. א באַפעל איז געפאַלן: „באַריקאַדן אויף די גאַסן פון וואַרשע! אויפנעמען דעם פאַרטיידיקונגס=קאַמף!". דערווייל זענען די וועגן אַרום וואַרשע שוואַרץ

געווען פון אוועקגעגאַנגענע. זיי זענען געגאַנגען דורך וועגן און אומוועגן אין די טיפקייטן פון לאַנד.

אויף די גאַסן האָבן זיך געטומלט באַריקאַדן. די ציווילע באַפעלקערונג אַליין האָט זיי אויפגעריכט לויט באַפעל און אָנווייזונגען פון מיליטער. טיפע און ברייטע גראָבנס, אַרומגעשטעלט מיט באַלקנס, ברעטער און מעבל־שטיקער. דער אַדורכגאַנג אין די גאַסן איז געווען באַשווערט, און מענטשן זענען אָנגעלאָפן פיל, פון שעה צו שעה.

* * *

אין צען טעג אַרום — נאָכן אָפּגעבן דעם בריוו פאַרן פעטער יוסף אויפן ווישקאָווער וואָקזאַל — איז בערנאַרד (ער האָט איצט געטראָגן די צייכנס פון א סערזשאַנט) געגאַנגען מיטן זעלביקן וועג — מיט זיין אָפּטיילונג — צוריק קיין וואַרשע. ער איז געגאַנגען מיט דער ביקס אויף דער האַנט, נאָך אים — נאָך אַנדערע, טריט נאָך טריט, טאַפּנדיק דעם וועג לויט די שמאָלע געסלעך פון דער געוועזענער שטאָט. די שטאָט האָט מער נישט עקזיסטירט. בלויז האָ־און־דאָרט האָבן געשטאַרצט קוימענס, ווי עדות פון געוועזענעם, אָפּגעמעקטן, ישוב.

ערגעץ־ווו אין א געסל איז פאַרבליבן אין איינזאַם הייזל, וואָס דאָס פייער האָט פאַרזען, זיך אָנעסנדיק צו זאַט. א קליין שילדל: „שטאָט־באָד“. דאָרט זענען אויף א קאַפּלנער פאָדלאָגע געלעגן פאַרוווּנדעטע יידן. די עלטערע האָבן געזאָגט ווידוי — ווער באַזונדער און ווער אין כאָר צוזאַמען. קינדער האָבן געוויינט. בערנאַרדן האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערקענט דעם אַלטן באַלעגאָלע, וואָס איז אַזוי געראָטן אין זיינע גדליה מיט זיינע באָרד־און־פּיאות. צי האָט ער באַזאָרגט צו יוספן דאָס בריוול מיטן ווינטשיקן אינהאַלט? צי האָבן פעטער און זון נאָך באַצייטנס באַוויזן צו פאַרלאָזן די שטאָט?

בערנאַרד האָט זיך געאיילט. איבערן שטעטל האָט געמבולט מיט אייזן און בליי, ווי שטיין און שוועבל פון א פייערשפּייענדיקן ווולקאַן, ווו־נישט־ווו האָבן זיך באַוויזן סימנים פון ציווילע. פון די קעלערן אַרויס האָט מען געהערט געוויינען פון קליינע קינדער.

די זעלנער זענען אַדורך דורכן גרויסן שטאָטישן סאָד. צווישן אַסטערעס און כריזאַנטעמען זענען געלעגן צעשמעטערטע בינשטאָקן. די בינען זענען באַפאַלן די דורכגייענדיקע, בייסנדיק זיי מיט רוגזא אין די קערק. ביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער דער שווערקייט פון זאַפטיקע קלאָפּסן. די זעלנער האָבן אַראָפּגעטרייסלט פון א בוים די באַרנעס, זיך געאיילט אַריבערלויפן די בריק. די לאַנגע הילצערנע בריק איז געלעגן צופוסנס. קוילנוואַרפער זענען נאָך געשטאַנען פאַרשאַנצטע, און זיי האָבן געמוזט אין געציילטע מינוטן ווערן אוועק־

גענומען, ווייל די בריק — אויך די אייזערנע — האָט א ליאַדע מינוט געמוזט ווערן אויפגעריסן דורך סאַפּערן אין דער לופט. דאָ־און־דאָרט זענען געלעגן פּעק מיט בעטגעוואַנט, צעקוועטשטע קוישן מיט שטובּיקער ווירטשאַפט. אַן אַלטיטש־קע פרוי האָט געבלוטיקט אויף איר פּאַק. א קינד האָט לעבן איר געשוידערט פאַר שרעק. אַ קנאַל און נאָך איינער — ביידע בריקן זענען געפלויגן אין דער לופט.

אויך איצט איז געשטאַנען א זומערדיק וועטער. דער ברעג האָט געשמעקט מיט סמאָלע פון וואַלד, כאָטש דער וואַלד האָט געפלאַמט צוזאַמען מיטן דאָ־טשע־אָרט ריביענקאָ, מיט זיינע ווילעס, פּענסיאָנאַטן. פּעק מיט בעטגעוואַנט און וועש זענען געלעגן צעזייט ביי דער זייט פון שאָסיי. אַן עלטערער ייד האָט שוין קענטיק קיין כוח נישט געהאַט צו לויפן. ער איז געלעגן ביים וואַסער, נישט גע־רופן נאָך הילף. מיט א ניגון פון תהילים האָט ער פאַר זיך געזונגען: „על נהרות בבל...“

איצט, אויף דער צווייטער זייט פון בריק, האָט מען זיך מער נישט געאיילט. סאַניטאַרן האָבן איבערגעבונדן פאַרוואונדעטע זעלנער ווי אויך ציווילע.

* * *

דעם בריוו פון זיין פרוי האָט יוסף נישט דערהאַלטן. די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט מיט דער שנעלקייט פון אַ קינאָ־בילד. מען האָט פון מענטשן שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין פּינקטלעכע דערלייזדיקונג פון טאָג־טעגלעכע ענינים. אייגנטלעך האָט זיך יוסף אין א שטרענגער קאַטעגאָרישער אַרויספאָדערונג קיין וואַרשע (דער אינהאַלט פון בריוו) לגמרי נישט געניייטיקט. ער האָט אליין פאַר־שטאַנען, אַז די צייט איז צו ערנסט אויף צו געניסן פון פּלאַזשע און וואַלד־לופט. ער האָט זיך געפּאַקט צו פאָרן אַהיים.

זועגן פאָרן מיט דער באַן, ווי געוויינלעך, האָט שוין מער נישט געקאָנט קיין רייד זיין. די באַנען זענען געוואָרן רעזערווירט פאַרן מיליטער, און עס האָבן אויסגעפעלט וואַגאָנען. מע האָט געמוזט זוכן א פור אָדער וואַרטן אויף א צופע־ליקן אויטאָבוס. איז אָבער מיט ראַפאַלן געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון פאָרן בכלל. ראַפאַל, וואָס האָט זיך שוין געפילט אויף אַזוי פיל גוט, אַז ער פלעגט פאָרן טעגלעך א שעה אויפן ראָווער, האָט שפּאַצירנדיק זיך אָנגעשטויסן אויף א מיליטערישן מאָטאָציקל און דערביי זיך צעטרייסלט אַזוי, אַז די פאַרצויגענע וווּנד האָט זיך ווידער געעפנט. ראַפאַל האָט געקראָגן פיבער, אַזוי אַרום איז דאָס געפּלאַנטע אַוועקפאָרן נישט צושטאַנדגעקומען. דערווייל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואַרשע אַליין איז אין דער זעלבער לאַגע. מען האָט באַשלאָסן צו וואַרטן. אין גאָרטן האָט מען איינגע־

אָרהנט טיפע גרובנס — דאָס הויז האָט פארמאָגט א לאנגן גאָרטן מיט גרינס — און באדעקט זיי מיט באלקנס און ערד.

די איינריכטונג איז געוואָרן אדורכגעפירט און איז אויך צוגוצגעקומען. די פארשעהן פון איבערגאנג זענען געווען געציילטע. פיינטלעכע לופט־שיפן האָבן פארוואָרפן דאָס אומבאשיצטע שטעטל מיט אויפרייס־ און צינד־באָמבעס, פליענדיק נידעריק איבער די קעפ פון דער ציווילער באפעלקערונג.[1]

* * *

די נייע מאכט — אויפצומאָרגנס:

זיגער און באזיגטע.

צו פיר אין א רייע, ווי די זעלנער, געטריבענע אין שנעלן טעמפאָ, פון די זייטן און פון הינטן צוגעשטופט מיט באגנעטן, א קילאָמעטער נאָך א קילאָמעטער און דער ריכטונג צו פולטוסק — אזוי זענען הונדערט דרייסיק יידן געגאנגען, שלעפנדיק די צעווייטיקטע פיס. ווונדן האָבן געבלוטיקט, פנימער זענען טויט געווען פון בלאסקייט.

— טעמפאָ, טעמפאָ, פערפלוכטע געזעלשאפט!

— לאוז־באנדע!

קוים מיט די לעצטע קרעפטן האָט זיך ראפאל געשלעפט, מיט די הענט פארשטעלט די געעפנטע וווּנד.

—קאָנסטו נאָך? טוען דיר נישט ווי די פיס? — דער טאטע באמיט זיך צו פרעגן גלייכגילטיק. ראפאלן קלעמט דאָס הארץ פארן פאָטער מער ווי פאר זיך אליין... אָט הענגען זיינע גרויסע ברילן איבערן געל־בלאסן, אויסגעצויגענעם פנים... ער זעט פאר די אויגן די פארזאָרגטע מאמע... אוודאי טראכט זי איצט וועגן אים אין דער מינוט. אָבער ער איז שוין געווען אזוי צעבראָכן, אז אין אים האָט אָנגעהויבן קוועלן גלייכגילטיקייט צו זיך און צום ארום.

א פעסטער שטויס פון א קאָלבע אין א זייט האָט ארויסגעפירט ראפאלן פון דער דאָזיקער פארפרוירנקייט.

— וואָס ווילן זיי פון אונדז האָבן? — האָבן די יידן געקרעכצט. — וואָס גייען זיי טון מיט אונדז? פאר וועמענס שולד אזא נקמה?

א גרויער זקן האָט זיך געשלעפט אויף זיין שטעקעלע. בלוט איז אים גערונען פון די ציין איבערן האַלדז. ער האָט געזונגען פסוקים פון תהילים.

— האלט שנאויץ!

---

[1] עס איז נישט קלאָר, צי דאָ פעלט עפּעס, מחמת די מאַשין־שריפט איז צעשעדיקט, אָדער דער מחבר האָט דאָ בכיוון איבערגעריסן — באַמ. פון רעד.

אויף צו להכעיס האָט א פֿויגל זיך צעטרעלט אויף א בוים, ווילדע גענדז האָבן געשריגן אין דער לופֿט, עס האָט געשמעקט פֿונעם גראָז, און א חשק האָט די מענטשן ארומגענומען, זיך צוצוטוליען צו דער באוואקסענער הופּטיקער פֿרעמדער ערד מיט געוויין פֿון א קינד.

יוסף האָט געטרונקען דער גומען. עס האָט אים שוין גאָרנישט געארט, געקימערט האָט ער זיך נישט וועגן זיך, די אומרואיקייט איז געוואקסן אין אים וועגן גורל פֿון זון. דער באָדן, איבער וועלכן מען איז געטרעטן, איז געווען אין גריבער. די ערד, א פֿאַרזעצטע מיט קארטאָפֿל און קרויט, איז געלעגן א הופּטיקע — נישט געקוקט אויף די וואונדן. א סטייע וואָראָבייטשיקעס האָט זיך געדרייט איבער די קעפּ פֿון די געטריבענע ייִדן.

יוסף האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קינדער-יאָרן. אָט ברויזט א פֿארלאנג אין זיין קינדערישן דמיון — צו ווערן א פֿויגל מיט פֿייגלען גלייך, צו שוועבן אין דער לופֿט, ווי א יונגער אָדלער איבער טאָלן און פֿעלזן, א פֿולער מיט האָפֿענונג, מיט קראפֿט און מיט פֿרייד...

ווייסע טויבן האָבן ווי סימבאָלן געפֿלאטערט איבער די קעפּ פֿון די געטריבענע קנעכט — ווי ווייסע זעגלען אונטערן בלויען הימל...

— לאָז, באנדע!

די „באנדע“ קנעכט האָט פֿארריסן די קעפּ צו דער סטאיע טויבן, זוכנדיק טרייסט אין דער פֿלאטערנדיקער ווייטקייט...

— ווילסט עסן? — האָט יוסף א פֿרעג געטון דעם זון. זיי זענען כסדר געלאָפֿן אין דער זעלביקער ריי. — איך האָב פֿאר דיר א קיכל.

נאָר ראפֿאל האָט פֿארוונדערט געקוקט אויפֿן טאטן. עס האָט אים ווי געטון, וואָס דער טאטע מאסקירט זיך — נישט צו דערוועקן קיין חשד וועגן דער ערנסטער סכנה.

ווי אויף צו להכעיס האָט יוסף געפֿילט אויף זיינע באקן א מילד ברענען פֿון דער זון. טאקע צוליב דעם איז ער דאָך געקומען אהער צוזאמען מיט ראפֿאלן, — צוליב דער דאָזיקער ברכה פֿון דער נאטור, וועלכע האָט זיי איצט מיט איר רייכקייט באשאָנקן, ווי א מאמע באשענקט אירע קראנקע קינדער.

יוסף האָט באמערקט: ביי דער זייט פֿונעם שאָסיי שטארצט ארויס פֿון פֿעלד א מאסיווער שטיין. ווידער האָבן די קינדער-יאָרן אויפֿגעלעבט אין זיין דמיון. יוסף האָט געלערנט אין א ווישקאָווער חדר. — אזוי זענען דאָך ייִדן אויך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געטריבן געוואָרן פֿון די רוימישע רויבער — פֿון זייער לאנד... אָט ציען זיי, די קנעכט, דעם שווערן יאָך פֿון די קייטן. פֿארשוויצטע, אין וואונדן, מיט פֿארטריקנטע, צעפֿלאצטע גומענס פֿאר דורשט, פֿאלן זיי צו צום הארטן איינזאמען שטיין פֿון דער מאמען — פֿון דער מאמע רחל — אויפֿן וועג קיין בית-לחם — מיט יללות און געבעטן, זוכנדיק טרייסט אין דעם טונקעלן שטיין...

— ראטעווע, מוטער, אונדזער וויטאָג איז גרויס, אונדזער צער איז נאָך גרעסער, מוטער. מא...

יוסף איז שוין געווען ווייט פון רעליגיעזע טראַדיציעס. ער האָט אָבער איצט מיטאַיינמאָל זיך דערפילט צוריקגעשטויסן צו יענעם אורקוואַל פון דערנידערונג און פיין. יוסף, וועלכער האָט תמיד געטראָגן הויך דעם קאָפּ, האָט איצט דעם קאָפּ געהאַלטן אַראָפּגעבויגן צו דער ערד. ער האָט דערפילט אין זיך די אומגע־הויערע שווערקייט פון עול און די גייסטיקע פולקייט פון אייביקן ייִד.

— האַלט! שטיין בלייבן!

א סטאַיע וואָראָנעס האָט זיך צעקראַקעט איבערן פעלד. פון אַלע זייטן זענען זיי אין שוואַרצע מחנות זיך צונויפגעפלויגן.

— קראַ—קראַ, קראַ... — אומגעדולדיק, ווי צו אַ שמחה, צו אַ פעטן מאָל־צייט, ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג זיך היימיש געפילט מיט די בלוי־מונדירטע זעלנער, מיט זייערע גלאַנציקע באַגנעטן, וועלכע שפּיגלען צו זיי מיט אַזוי פיל חן.

צוויי הינט האָבן זיך געשפּילט צווישן סטויגעס תבואה. זיי זענען אַנטלאָפן אין פּחד, אויסגעצויגן פון אַ באַהעלטעניש זייערע שמאָלע קעפּלעך, זיך פאַר־גאַנגען אין אַ געוואָי...

— אַכטונג! — האָט געדונערט אַ קווייטשעדיק קול פון אַ מונדירטן — גלייכקוקן!

די ייִדן, אַלט און יונג, האָבן זיך געשטעלט אויף „באַטשנאַשטש", געקוקט גלייך אויף אַ פאַררוסטענער נאָז פון אַ גראָבבייכיקן מאַן און אַן אָפיצערן־אוני־פאָרם. דער מאַן האָט אָנגעשטעלט אויף זיי זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. דאָס איז געווען דער העלד, וועלכער האָט מיט טריומף פון אַ זיגער טרוקן באַפוילן:

— פאַרניכטן דאָס געזינדל!

ווייטער געטריבן, צוגעפירט צו אַ פייכטער לאָנקע. ווידער מושטירט, גע־אַרבעט מיט קאָלבעס איבער די קעפּ, מיט די באַגנעטן אין די זייטן, באַפוילן זיך אויסצושטעלן איינער הינטער איינעם, אין אַ לאַנגער רייע, אַ רייע פון הונ־דערט און דרייסיק מאַן, איינער צו איינעם געדריקט. אַלע גלייך אָן באַוועגונג...

— אַכטונג! גלייכקוקן!

אַ זאַלפּ פון הינטן, נאָך אַ זאַלפּ און נאָך...

זיי פאַלן מיט די פּנימער צו דער ערד. פאַלן אָן אַ קרעכץ. קרעכצן טוען בלויז די, וועמען די קויל וועט באַלד טרעפן — זיי וואַרטן אויף דער ריי...

— מאַמע, מא...

אַ זאַלפּ, דער לעצטער...

ראַפאַל פּילט ווי דעם פּאַטערס האַנט גליווערט אין זיינער... אַ קלעמענדיקן ווייטאָג פּילט ער אין ליגנקן אָרעם — דאָ שטעקט אַ קויל — — —

דער אַלטער באַלעגאָלע, וועמען בערנאַרד האָט געבעטן באַזאָרגן דעם בריוו, האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. די ערשטע קויל האָט אים אויסגעמיטן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן פעלד. אַ צווייטע קויל האָט אים אָבער צוגעטשוועקע־וועט צו דער ערד. ער האָט זיך פונדעסטוועגן אַ שטעל געטון אויף די פיס, וועלנדיק פאַרבלייבןביים רעשט לעבן. מיט אים האָט זיך פאַראינטערעסירט דער קאָמענדאַנט אַליין.

— האַלט, בעסטיע! — האָט ער אַרויסגעדונערט מיט כעס און אַריינגעקנאַלט אַ קויל פון זיין רעוואָלווער אין אַלטנס ברוסט.

צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט דער זקן נאָך געלעבט, זיך געקלאַמערט מיט ביינערדיקע פינגער אין דעם שטעכנדיקן גראָז. זיינע בליקן האָבן זיך גע־טראָפן. איין מאָמענט. דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעציטערט, ווי דער יאוש און גרויל פון זקנס בליק וואָלט אין זיין אייגענעם געמיט זיך אָפּגעשפּיגלט... און אויפ־געטערעגטער האָט ער באַפוילן:

— שמייסט אַריין דעם הונט אין גרוב!...

דאָס איז געווען אַ טיפער קאַרטאָפל־גרוב, וווּ דער 70־יעריקער ייד איז פאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקערהייט.[1]

הונדערט און דרייסיק זענען זיי געווען, פון פאַרשידענע שטעט און השגות צום לעבן. דער גורל האָט זיי אַלעמען אַהערגעבראַכט, כדי צו מיסטיקן מיט זייער בלוט די פּולטוסקער פייכטע ערד.

די זון איז צוגעפאַלן. נאַכט. צווײי הינט האָבן געניש־טערט אַרום פאַרגלי־ווערטע מענטשישע גופים... די ערד האָט געקרעכצט פון דער ווייטער האַרמאַטן־שיסעריי... מיטן גרויען פון באַגינען האָט אַ געדיכטער טוי זיך געלייגט אויפן גראָז. אַ פויעריש פורל איז געפאָרן אין פעלד מיט סאָכע און זאַק — נאָך קאַר־טאָפל... וויאָ!... דאָס פעלד איז געווען צעפּליקט, און אַ געשריי האָט דער פויער פאַרנומען, ווי פון די אינגעווייד פון דער צעוויטיקטער ערד אַרויס:

— ר א ט ע ו ע ט ! — — —

---

[1] אַן ענלעכער פאַל איז געשען אין אַלעקסאַנדער ביי לאָדזש. נאָכן אַריינקומען האָט דאָס מיליטער מיט דער הסכמה פון אָרטיקן (שוין דייטשישן) מאַגיסטראַט באַפוילן די 26 צופעליק געכאַפּטע יידן, אויך צוויי קריסטן — פּאָליאַקן אויסצוגראָבן פאַר זיך אַליין אַ בשותפותדיקן קבר אויפן יידישן בית־עלמין. אַ געוויסער 67־יעריקער ייד. י. זשאַרנאָווסקי, וועמען די קויל האָט פיר מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעמיטן, איז געוואָרן אַריינ־געוואָרפן אין קבר און נישט קוקנדיק אויף זיין געראַנגל געוואָרן פאַרשאָטן לעבעדיקער־הייט. — צושריפט פון מחבר.

* * *

„פּאַטער אונדזער, גיב אונדז היינט דאָס טעגלעכע ברויט.
זײַ אונדז מוחל אונדזערע עבירות...“

ווען ראַפאַל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן אויף אַ נאַרע אין אַ פּויעריש הײַזל. אן אַלטע פּויערטע האָט געשאָקלט איף אים מיטן קאָפּ. אַ האָן האָט געקרייט.

— זאָגט מײַן מאַמען, זאָגט איר, זי זאָל ראַרט נישט טרויערן... מען האָט אונדז גענומען... מײַן פּאַטער אויך... אויסגעטראַכט אויף אונדז, אַז מיר האָבן געשאָסן צו זייער מיליטער...

— מען זאָלט באַהאַלטן אַ דאָקטאָר, צו איבערבינדן די וווּנד — האָט דער פּויער אויסגעשפּיגן — אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז אַלץ האָט מיט דער ערד זיך אויסגעמישט...

ער האָט געהערט אַ יאָמערדיק געוויין, ווי נאָך אַ טויטן... דאָס האָט די אַלטע באַקלאָגט אירע אייגענע זין. זיי זענען אַוועק אין מלחמה.

III

אָ, מײַן ראָזמאַרינע־בלום, פּאַנאַנדערבלי.
איך גיי באַלד צו מײַן מיידל,
צו מײַן אויסדערוויילטער,
כ׳וועל פרעגן זי...[1]

די ראַדיאָ־סטאַציע „וואַרשע 2“ האָט פון צײַט צו צײַט געגעבן זעלנערישע מעלאָדיעס און פאָלקס־לידער. דער שטענדיק האָפערדיקער ניגון פון דעם ליד האָט איצטער געקלונגען מיט טרויער און בענקשאַפט, אַרויסרופנדיק טרערן בײַ פּענטימענטאַלע צוהערער.

אין דעם דאָזיקן טאָג איז דאָס פרימאָרגן־ליד פון ראַדיאָ באַוואָרנט פון אַ רעליגיעזן לאַטייניש טעקסט. דער ניגון האָט געקלונגען מיט אויפּאָפּערונג און אונטערטעניק־מרפּעתקייט צום בליענדן שיקזאַל. דער ספּיקער האָט גערעדט מיט אַ שטי־לער געבראָכענער שטים. זײַן קול האָט האַרמאָנירט מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אויפן פראָנט.

גלײַך מיטן באַגינען האָט עמעץ אָנגעקלונגען צו די בערמאַנס אין טיר. האָ־דעם האָט גראָד געהאַלטן אַ וואַרעמפּלאַש בײַ דער לעבער. זי האָט זיך אַ כאַפּ

---

[1] אַ זעלנעריש לידל אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן — באַמ. פון רעד.

געטון פון בעט און אָנגעהויבן וועקן אראָנען. אראָן איז געלעגן אויף דער אָטאָמאנע אין אָנצוג — מען איז שוין געשלאָפן פון זיכערקייט־וועגן אין אָנטאָן. ער האָט זיך אראָפּגעכאפּט פון געלעגער און א דענערווירטער זיך געאיילט צו דער טיר. דער קלונג איז געווען פון א היימישן, פון א גאָר נאָענטן. עדע, וועלכע איז גראָד געווען ביים „אָגאָנעק“, האָט נישט געקאָנט אזוי קלינגען: טאָפּלט, קורץ און ענערגיש צוזאמען. אזוי קלינגען האָט געקאָנט נאָר איין מענטש אין דער משפּחה — בערנארד אליין.

— בערנארד, דו? בערנארד??

— יאָ, מאמע, דאָס בין איך... ווידער די מוטער מיט דער וואַרעמפּלאַש?...

— ס'מאַכט נישט אויס, אָבער ווי זעסטו אויס, מיין זון? אַ זעלנער, צי אין ציוויל?

— יאָ, אזוי זעען מיר אויס, — האָט זיך בערנארד געאיילט — איך מוז זיך גלייך מעלדן אין דער קאָמענדע... אנטלאָפן בין איך, נישט פון דער ארמיי, ניין, פון געפאנגענשאַפט לויף איך, פון אָטוואָצק. פיר טעג זענען מיר געווען פארשפּארט אין א שאָפּע, האָבן מיר די שאָפּע צעוואָרפן און אליין אנטלאָפן... יאָ, אזוי זעען מיר אויס. עס פעלט פון דער האנט אַליין, צו וואָס מען נעמט זיך, דער זעלנער האָט נישט קיין ביקס און נישט קיין קוילן... עפּעס א בייזער רוח פארפאָלגט די ארמיי און בינדט איר די הענט...[1] וואָס מאכסטו וואָס, אראָן? ווי גייט עס דיר אויף דער פריי? — האָט בערנארד א פרעג געטון דעם ברודער — זעסט אויס, ברודער, ווי נאָך א תפיסה...

אראָן איז ווירקלעך געקומען פון א פּראָווינצער תפיסה, וווּ ער איז געווען פארשפּאַרט ווי אַן אומגעוווּנטשענער ליבקער עלעמענט.[2]

— וווּ איז יוסף מיט ראַפאלן? — האָט בערנארד זיך אליין איבערגעשלאָגן.

— און עדע וווּ איז?

— יוסף? ראַפאל?! איין גאָט ווייסט, וואָס מיט זיי איז געשען... מסתּמא דאָרט פארבליבן...

— וווּ דאָרט? אין ווישקאָוו?

מינע איז ארײַנגעפאלן א פארסאָפּעטע.

---

[1] אין רעזולטאַט פון דעם פאראט פון דער סאנאציע־רעגירונג און פון איר מיליטער־שעף רידז־שמיגלי האָט די ארמיי געליטן פון מאנגל אין געווער, די מערב־גרענעץ איז פאַקטיש געשטאנען אָפן פאַר די היטלערישע חיילות. די סאַנאַציע־קליקע מיט מאָשטשיצקין, בעקן און רידז־שמיגלין איז אנטלאָפן, לאָזנדיק דאָס לאנד אויף הפקר. — באמ. פון רעד.

[2] אַראָן איז געווען אַ קאָמוניסט און געזעסן אין תפיסה פאַר זיינע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען און טעטיקייט — באמ. פון רעד.

— בערנארד טייערער, אפשר האסטו א גרוס?! — זי האט זיך צעשלוכצט און געשמעקט פון א פלעשעלע וואלעריאן=טראפנס.

— ווישקאוו? ווישקאוו? — האט בערנארד זיך פארטראכט. — דער טייוול ווייסט, לאזט זיך אקארשט דערמאנען... אין ווישקאוו איז דאכט זיך קיינער נישט פארבליבן. זיי זיצן ערגעץ אין א שכניש שטעטל...

— אבער מיין הארץ, בערנארד? וואס זאגט מיר אזוי דאס הארץ?... א ד פרעג ווישקאווער, זאגן זיי מיר, אז זיי ווייסן נישט, זיי ווייסן נישט איינער פון צווייטן...

בערנארד האט זיך אויפגעהויבן, גענומען געזעגענען, — איך מוז זיך גלייך מעלדן אין דער קאמענדע... ווו איז ערע? ווו איז דער זיידע?

— דער זיידע — אין „אגאנעק“, ערע שטייט אויך אין „אגאנעק“, און באלד וועט מען אויך אראפגיין צו שטיין. אלע האבן היינט איין באשעפטיקונג...

בערנארד איז אוועק. דער ראדיא=אפאראט האט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט.

— אוואגא, אוואגא! (אכטונג, אכטונג!) נאדכאדזשי, נאדכאדזשי (עס קומט אן, עס קומט אן)... פזשעשעדל! פזשעשעדל! (דורכגעגאנגען).[1]

סירענעס האבן געפייפט, אל ארמירנדיק וועגן דער געפאר. איבער דער שטאט זענען געפלויגן פיינטלעכע עראפלאנען, באמבע=ווארפער, און נאך זיי נאך — אייניקע פוילישע יעגער.

די בערמאנס האבן פארלאזן די וווינונג, זיך אראפגעלאזט אונטן אין א קעלער=שטוב, ווו זיי פלעגן פארברענגען די צייט פון די לופט=אנגריפן ביי יעדן אליארם.

IV

אין א קעלער=שטוב, אין א ווינקל פון הויף, האט געוווינט דער גארבער=ארבעטער סראלקע מיט זיין ווייב און קינדער. פינצטער און פייכט איז געווען אין זיין שטיבל... זעלטן=ווער פון די שכנים פלעגט אריינשטעקן א פוס אין דער נידעריקער הייל, אחוץ דעם נישט=געבעטענעם אדמיניסטראטאר און דעם הויזוועכטער וואלענטי. זיי פלעגן שוין אפילו צו אפט אריינשטעקן די נעזער נאכן פארלעגענעם דירה=געלט. אין דעם דאזיקן גרוב האט סראלקעס ווייב, ביילע,

[1] די סיגנאלן פון ראדיא וועגן דעם, אז עס קומען אן דעם שונאס עראפלאנען, און אז זיי זענען אוועק — באמ. פון רעד.

געהאָדעוועט איין גרויסן זון און פיר קליינע מיידלעך, פון וועלכע די עלטערע, זשעניע (12 יאָר אַלט), האָט אַרויסגעוויזן מוזיקאַלישע פעיקייטן ווי אויך צום באַלעט. דער זון, אַן 18־יעריקער שניידער־אַרבעטער, סאַלעק, איז שוין געווען אַ פאַרליבטער אין סאַבינען (אַ יידיש מיידל), וואָס איר דיקע מאַמע האָט גע־הייסן די פליישעריקע שפרה; זי האָט געהאַנדלט מיט כשר פלייש. סראָלקעס קינ־דערלעך, וועלכע האָבן באַזוכט פאַרשידענע שולן און גערעדט אויף אייגענע און פרעמדע לשונות, האָבן פאַרלאַנגט איצט אין די אַלע לשונות ברויט און קאַרטאָפל, קאַרטאָפל און ברויט...

עס איז אָבער געשען אַזוי, אַז ווען אַלע פאַרמעגלעכע מענטשן אין וואַרשע האָבן פאַרפולט זייערע שפּייז־קאַמערן מיט פּראָוויאַנט, האָט סראָלקעס האַרץ זיך פאַרפולט מיט בטחון: „אַבי געזונט" — אַזאַ מענטש איז געווען סראָלקע.

— עס איז אַן איבעריקער עול, — זאָגט ער — צו ראַבעווען, צו פאַרגרייטן אויף יאָרן. אָט — דערציילט ער וועגן זיך — בין איך אין די יונגע יאָרן געווען אַ ייד אַ גביר — אויף מיר און אויף אייך אַלע געזאָגט געוואָרן — כ'האָב גע־וונען אַ מאַיאָנטעק אויף דער לאָטעריע. איז וואָס פאַר אַ פּעולה, אַז פון אַלע עסקים, וועלכע איך האָב געהאַט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך... היינט, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ פּראָסטער האָרעפּאַשניק און פאַרשפּאָר מיר דעם קאָפּ צו ברעכן איבער די אַלע מאַכינאַציעס...

— איך האָב זיי אין טראָק — פאַרענדיקט ער, ווי זיין געוווינהייט איז. דאָס איז זיין באַליבט ווערטל, כאָטש ער ווייסט אַליין נישט, וואָס דאָס באַדייט.

— „נאַפּליעוואַט" — קלערט ער אויף. — ער האָט געדינט אין רוסישן מיליטער בעת דער וועלט־מלחמה. דאָס רוסישע ווערטל געפעלט אים.

— נאַדכאָדזשי, וואָס? זאָלן זיי נאַדכאָדזשען!

די באַלאַגערונג פון וואַרשע האָט סראָלקען געמאַכט פאַר אַ גרויסן מיוחס. זיין פייכטע אונטערערדישע דירה איז געוואָרן דערהויבן (נישט אָפיציעל) צו דער מדרגה פון אַ „סכראָן", אין וועלכן עס פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן די באַדראָטע איינוווינער פון די העכערע שטאָקן. אַראָפּקומען צו סראָלקען פלעגט איצט די גבירטע פון הויף, די וואָלפאָווע אַליין, פון איר פיר־צימערדיקער דירה אויפן דריטן שטאָק. נאָך איר נאָך פלעגט אַריינקומען איר קינד, די אָנגעבלאָזענע 6־יעריקע ליאָליע מיט איר יידישער פלעגערין ליזע, וועלכע פלעגט געוויינלעך שלעפּן מיט זיך אַ קויש מיט מאכלים. דאָ אונטן האָט די וואָלפאָווע זיך געפילט זיכער מיטן לעבן. דאָ האָט זי געקאָנט אפילו צופּראַווען די שמינקע אויף די ליפּן.

אויך איצט איז אין סראָלקעס קעלער־שטוב געזעסן די וואָלפאָווע און האָט פאַרעסקט געגראַבלט אין קויש מיט די מאכלים. סראָלקעס קליינוואַרג איז גע־שטאַנען אַרום קויש, האָט געבליצט מיט די אייגעלעך, אַ סלינע האָט באַנעצט

זייערע בלאַסע ליפּעלעך. די דיקלעכע ליאָליע האָט אין זיך געפּאַקט שאָקאָלאַד, באַרנעס און ווייַנטרויבן.

אין א זייט פון דער נייגעריקער חברה האָט זיך געהאַלטן די 12־יעריקע זשעניע, אָבער דאָס קליינוואַרג פלעגט בלייבן שטיין ווי די פּיקסעלעך, ווי די שאַקאַלן, שלינגענדיק די סלינע פון אייגענעם מויל. בלויז ליזע פלעגט פון צייט־צו־צייט צוואַרפן בגנבה פאַר די פּיצלעך קינדער א ביסקוויט אָדער א סוכאַר.

דער אָנגריף האָט געדויערט, אַז עסקאַדרע אַעראָפּלאַנען האָט געהודזשעט אין דער לופט, עס האָט געקנאַלט אָן אויפהער.

...ברזזז... שויבן פליען, פענצטער פאַלן ארויס צוזאמען מיט די ראַמען. סראָלקע האָט זיך געוויצלט ווי זיין שטייגער:

— איך האָב אים אין טראָק...

א געדיכטער רויך האָט זיך אָבער געריסן פון בוידעם. סראָלקע איז גלייך צו זיך געקומען, האָט אַלאַרמירט די יוגנט פון הויף און איז צוזאמען מיט וואַלענטינען, דעם לאַנגוואָנצענדיקן הויז־וועכטער, ארויפגעלאָפן אויפן בוידעם. דער „סטריך" האָט שוין געפלאַמט, אויפן בוידעם איז אָבער געשטאַנען גרייט וואַסער און זאמד. א האַלבע שעה האָט חברה געאַרבעט מיט רידלען און העק. מען איז דאָסמאָל אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

דער אָנגריף האָט זיך געענדיקט. וואָלפּאָווע איז אוועק צו זיך מיט האַק־און־פּאַק. ביילע, סראָלקעס ווייב, האָט געמוסרט איר קליינוואַרג פאַרן ארייננקוקן ווי בעטלער אין וואָלפּאָוועס קויש. סראָלקע האָט איר אָבער געטרייסט:

— זיי בטוח, ביילקע, אויב נישט פון א באָמבע, וועלן זיי פון הונגער אוודאי און אוודאי נישט שטאַרבן... זע נאָר, ווו איז ער, דער סאַלעק, גאַנצע טעג? — האָט זיך סראָלקע דערמאָנט אין זיין זון — מיר וואָלטן באַדאַרפט א בליק טון אין פעלד נאָך קאַרטאָפל...

סאַלעקן איז אָבער פּונקט איצט דאָס לעבן געוואָרן טייער, צו טייער, עס צו פאַרטוישן אויף א קוישל קאַרטאָפל, וואָס מען וואָלט געקאָנט אין בעסטן פאַל ארויסקראַצן פון די אונטערשטאָטישע בייטן צוזאמען מיט בליי. איבער סאַלעקן האָט איצט געטריי געוואַכט סאַבינעס אויג. די זעלבע סאַבינע האָט ביי אירע נישט פאַרענדיקטע 17 יאָר זיך זאט אָנגעטרונקען מיט בענקשאַפט און צער — צוליב דער האָפענונגסלאָזער ליבע.

סאַלעק און סאַבינע האָבן זיך געקענט פון דער שולע, ווו דער מלאך פון ליבע האָט זיי ביידן פאַרפלאָנטערט אין זיין זייידן געוועב.

מיט דער צייט האָט זיך סאַלעק אנטוויקלט אין אַ קרעפטיקן פאַרשוין — בלוט און מילך, סאַבינע דאַקעגן איז פאַרבליבן ביי אַן אָפענער ברייטער נשמה פאַר גוטסקייט און ליבע, אָבער דערביי געווען מאָגער און שוואַך.

מיט אָפענע בלויע אויגן האָט סאַבינע געקוקט אויף איר חברם אוועקגיין, דאָס לעבן האָט פאַר איר פאַרלוירן יעמוועדן רייץ. דאָס האַרץ האָט גענאָגט און אַפילו געווייטאָגט.

מיטן אָנהייב פון קריג איז אָבער סאַבינע מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן ווי א ריז. זי האָט געהאַט איצט איין גרויסע אויפגאַבע — צו באַשירמען איר אומדאַנקבאַרן ייִנגל פון דער שוועבנדיקער גרויסער סכנה.

צי סאַלעקס חושים זענען מיטאַמאָל מסוגל געוואָרן אויפצונעמען די ליידן פון זיין קליינוווקסיקן מיידל? סאַבינעס געטרייִשאַפט האָט גערירט דאָס אייז אין בחורס האַרץ. מען האָט באַדאַרפט האָבן, אַז א האַלבע וועלט זאָל זיך שטעלן אין פלאַמען, כדי די פאַרלאָשענע ליבע צווישן סאַלעקן און סאַבינען זאָל אויפסניי זיך צעפלאַקערן.

אָט פאַרוואָס דאָס לעבן איז סאַלעקן טייער געוואָרן, נאָך טייערער ווי ברויט מיט קאַרטאָפל.

* * *

איינעם פון די ווינקלען ביי סראָלקען אין קעלער האָט פאַרנומען ביילעס שוועסטער, בלומטשע, צוזאַמען מיט איר מאַן, א ריזיקן פאַרשוין, וועלכן בלומטשע פלעגט יעדעס מאָל וואָרענען:

— זע נאָר, סענדער, צעקוועטש נישט אָקאָרשט אין פולאַפ דיין ציליגדערהוט...

סענדער איז געווען פון פאַך א טרעגער, נאָר דאָס „טראָגן" אליין האָט סענדער געהאַלטן פאַר א בייזאַך. געשטרעבט האָט ער צום ציריק: צום „פראַנצויזישן קאַמף" אָדער באָקס. פון אויסנוצן די פעיקייטן האָט אָבער אין קליינעם שטעטל ביי לאָדזש, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, נישט געקאָנט זיין קיין רייד. סענדער פלעגט באַווייזן קונצן מיט אייזנס, וועלכע ער פלעגט בייגן איבער זיין שטאָלענעם קאַרק אין פאָדקאָוועס און אָרנאַמענטן. דאָס זיצן און גאָרנישט טאָן איז פאַר אים געווען ערגער ווי א קרענק — אַזוי פלעגט ער זיך אויסדריקן וועגן זיך אליין. סענדער איז געקומען קיין וואַרשע, ווייל אזא „אָסאָבע" ווי ער קאָן זיך וואַרפן דעם „דויטש" צו פיל אין די אויגן. ער האָט צוזאַמען מיטן פוילישן מיליטער זיך „אַריינגעכאַפּט" קיין וואַרשע.

דאָס ברויטל, וואָס בלומטשע פלעגט „אויסשטיין" אין דער ריי, האָט געסטאַייעט פאַר אים אויפן אויבערשטן צאָן. בעת די אָנגריפן האָט ער ארומגעטראָגן זיין הונגעריקן גוף איבערן הויף. ער האָט מיט רוגזה געכראָמסקעט געזייערטע אוגערקעס, וואָס זענען נאָך געווען אין פאַרקויף. אָבער נאָך מער ווי די געזאַלצענע אוגערקעס איז סענדערן געשטאַנען אין האַלדז די וואָלפּאָווע.

— פיקן, ווען אלע זענען הונגעריק, אין אזא ביטערער צייט, וואָלט איר געדארפט, מאדאם, כלעבן, ביי געשלאָסענע טיר-און-פענצטער, ביי פארמאכטע לאָדנס, — האָט ער איר געגעבן צו פארשטיין.

וואָלפאָווע האָט פארשטאנען דעם שטאָך. ווייל זי האָט אין סראָלקעס קעלערשטוב זיך כסדר געגייטיקט, פלעגט זי אראָפּשיקן פון צייט-צו-צייט פאר סראָלקעס קינדערלעך רעשטלעך פון מיטאָג.

* * *

ר' גדליהם לוח האָט שוין געוויזן — מיטוואָך, 13 סעפטעמבער, זון-פארגאנג 5.45. עס איז געווען ערב ראש-השנה, און פונקט אין דער צייט פון זון-אונטערגאנג האָט זיך אויסגעלאָזט איבער דער יידישער געגנט פון ווארשע דעם „פירערס" צאָרן.

אייניקע פיינטלעכע עסקאדרען האָבן אין שוואנען-אָרדענונג געקרייזט אונטער די וואָלקנס, געדווישט איבער די קעפּ ווי א מחנה הייטעריקן. ווי געווינלעך, האָבן פוילישע שוץ-הארמאטן און מאשין-געווער, וועלכע זענען געשטאנען אין פארשידענע פלעצער פון שטאָט, באגלייט די באָמבע-ווארפער מיט א שטורעם פייער. דאָס איצטיקע מאָל זענען אָבער די פיינטלעכע עסקאדרען געווען טעטיקער ווי אלעמאָל. צינד-באָמבעס האָבן זיך א שאָט געטון ווי די פייגעלעך. א טייל פון זיי איז געפאלן אויפן ברוק, זיך צעפלאטשט אין א גליענדיקער קאשע. זיי זענען טאקע גלייך אויפן אָרט דורך די שכנים פארשאָטן געוואָרן מיט זאמד און געווארן אומשעדלעך. א טייל אָבער האָט דורכגעזעצט די בלעכערנע דעכער און אונטערגעצונדן די ביידעמער. אויך אהין האָבן געטראָפן די יונגעלייט פון דער ציווילער וואך אין יעטוועדן הויף. רידלעס און זאמד זענען געווען. קיין מוט האָט נישט געפעלט. ווו-נישט-ווו האָבן זיך פונדעסטוועגן אָנגעצונדן הייזער. דער צוטריט פאר די פייערלעשער איז געווען באשווערט צוליב די באריקאדן. ווען די שכנים פון הויף האָבן מיט אייגענע מיטלען נישט געקאָנט איינלעשן דעם אָנגעכאפטן דאך, האָט דאָס הויז געפלאמט פון אויבן ביז אראָפּ. נאָך ערגער איז געווען מיט די הייזער, וועלכע האָבן באקומען פון אויבן אראָפּגעשיקט א שווערע אויפרייס-באָמבע, מיט א צינד-באָמבע פארבינדן. דאָ זענען געווען צענטליקער, צענטליקער קרבנות. דאָ זענען אונטער רואינען פארבליבן די איינוווינער פון די העכערע, אָפט אויך פון די נידעריקע שטאָקן מיטן האָב-און-גוטס.

ווען דער אָוונט איז צוגעפאלן, איז די שטאָט, וואָס פלעגט אין משך פון די נעכט זינקען אין פינצטערניש, געווען א העל-באלויכטענע — צו דער דיספּאָזיציע פון פיינטלעכע אעראָפּלאנען. די נאכט האָט געשמעקט מיט פּולווער און אש.

בערנאַרד איז געקומען צו לויפן אויף א מינוט. האָט געבראַכט פאַר דער
פאַמיליע א האַלב ברייטל. ער איז אָבער גלייך אוועק צו זיין אָפּטיילונג, וועלכע
ער האָט ענדלעך געפונען. מינע האָט כסדר געזוכט ווישקאָווער, כדי צו דערוויסן
זיך וועגן מאַן און זון. אראָן האָט אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיידיקונג פון
וואַרשע. צו הילף פלעגט אים קומען וואָלפּאָוועס ליזע. זי איז געווען א גרויסע
בריה... דער זיידע גדליה האָט געזאָגט טעגלעך סליחות. זיין געגויער לוח האָט
שוין באַוויזן דעם טאָג פון ערב יום=כיפור. א שווערע באָמבע האָט געטראָפן
אין צוויי מנינים דאַוונענדיקע יידן פונקט צו כל נדרי און אויסגעמישט די מענטשן
צוזאַמען מיטן ברוק. גאַלעוו‌קער יידן האָבן געדאַוונט מיט התמדה, באַגלייטנדיק
דאָס פייעט (פיוט) מיט חסידישן געזאַנג, כאָטש אין דער זעלביקער צייט זע=
נען די שכנישע הויפן פאַרשאָטן געוואָרן מיט שראַפּנעלן און גראַנאַטן פון פיינט=
לעכע האַרמאַטן. דאָס געווער איז שוין איצט געשטאַנען האַרט ביי וואַרשע: אין
ביעלאַני, מאָקאָטאָוו און וואָליע. איצט האָבן פון אַלע ריכטונגען געפייפט איבער
די קעפ שראַפּנעלן. מען איז נישט געווען זיכער אפילו אין די שמאָלע געסעלעך
צווישן די הויכע מויערן. דאָס פייפן האָט זיך איבערגעחזרט אָפטער און נאָענ=
טער. איבער די קעפ פון דער ציוויליער באַפעלקערונג האָט געשוועבט דער טויט.
די צאָל טויטע איז געוואַקסן מיט יעטוועדער שעה. די בית=עלמינס זענען געווען
געשלאָסן (דאָס באָמבאַרדירן האָט זיי נישט געשוינט), האָט מען די טויטע בא=
האַלטן פּראָוויזאָריש אין די סקווערן צווישן בליענדיקע האַרבסט=בלומען — עס
האָט קיין פּלאַץ נישט געפעלט.

דעם זונטיק אויף צומאָרגנס נאָך יום=כיפור איז געווען א טאָג איינער פון
די בלוטיקסטע. אויפן ברוק לעבן סראָלקעס טיר איז געלעגן א גליענדיקע מאַסע,
האָט האַסטיק געברענט, שמעלצנדיק אונטער זיך דעם אַספאַלט פון הויף מיטן
ארומיקן זשוויר. סראָלקע האָט אָנגעשעפּט זאַמד פון הויף און פאַרשאָטן די
מאַסע. אין דער רגע האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַרן א רויך דורכן דאַך, ווו עס האָט
געפּלאַצט א צווייטע באָמבע. סראָלקע איז געלאָפן צום סטריך, געפלויגן ווי א
יונג ייִנגל, אריבערגעשטיגן אין די טרעפּ וואָלענטינס 15=יעריקן זון, וואַצלאַוון,
וועלכער איז אויך מיט גרוים חשק געפלויגן ארויף. ביים אראָפּשטייגן פון די
טרעפּ, שוין נאָכן איינלעשן, איז אָבער סראָלקע צוזאַמען מיט וואַצלאַוון פאַר=
שאָטן געוואָרן פונעם גרוז: א גראַנאַט האָט דערלאַנגט אין אן אויבערשטן שטאָק,
צעטרייסלענדיק א טייל וואַנט. א גאַנצע שעה איז סראָלקע געלעגן אונטערן גרוז
צוזאַמען מיט וואַצלאַוון. ווען מען האָט ענדלעך דעם גרוז פון זיי אָפּגעשאָטן,
האָבן זיי ביידע צוזאַמען זיך א שטעל געטון אויף די פיס, ווי גאָרנישט
געשען... א צינד=באָמבע האָט אָבער דערלאַנגט אין פאָדערשטן טייל פון דאַך.
דער גאַנצער פראָנט האָט אָנגעהויבן פלאַמען מיט אַזא קראַפט, אַז יעטוועדער
לעשן איז געווען געפערלעך און אומזיסט. דאָס הויז האָט געברענט. ביי סראָל=

קען אין קעלערשטוב איז געוואָרן א מהומה. זשעניע, סראָלקעס טאָכטער, האָט געשלעפּט די מאַמען ביי דער האַנט מיט קולות:

— לאָמיר אַנטלויפן, מאַמע, איך וויל לעבן, לאָמיר גאָרנישט מיטנעמען, לאָמיר אַלץ איבערלאָזן!...

לויפנדיק פאָרויס מיט די קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט געצויגן נאָך זיך פאַר די הענטלעך, איז זשעניע פּלוצלינג אומגעפאַלן א פאַרוווּנדעטע פון א קליינעם שראַפּנעל־שטיק. א סאַניטאַריון האָט זיך גראָד געפונען אין דער נאָענט. זי האָט זשעניען איבערגעבונדן די וווּנד. דער שפּיץ נאָז איז געהאָנגען אויף א הייטל. אחוץ דעם האָט זיך זשעניע באַקלאָגט, אז זי האָט אויפגעהערט צו זען.

סראָלקע האָט א כאַפּ געטון אויף די הענט די טאָכטער, זי געטראָגן אין שפּיטאָל. דער פּאָטער איז געווען זייער צעטראָגן. דאַקעגן דאָס מיידל האָט איצט געשוויגן, זיך געלאָזט טראָגן דעם גורל אַנטקעגן מיט געהעכערטן מוט. פאַר־נאַכטלעך איז סראָלקע צוגעקומען צום שפּיטאָל „שווענטעגאָ דוכא", וווּ עס האָט זיך געפונען פאַר דער קראַנקער א פּלאַץ.

אין ברענענדיקן הויז איז פאַרבליבן בלימטשע. קיינער האָט נישט באַ־מערקט, אפילו סענדער, אז בלימטשע האָט באַקומען ווייען און מיטן טומל זיך פאַרנומען צו געבוירן אין קעלערשטוב א קינד. ערשט אין א שעה אַרום, ווען א פייערלעשער־קאָמאַנדע האָט זיך איינגעגעבן אַדורכצורייסן צווישן די באַרי־קאַדן און אָפּראַטעווען די לינקע אָפיצינע פון הויז, האָט מען געקראָגן פאַר דער קינפּעטאָרין א הייבאַם. בלימטשע האָט געבוירן א לעבעדיקן זון.

די נאַכט איז געווען א ראָזע פון שרפות. עס האָט כסדר געשטונקען מיט נבלה און פּולווער. אויף די גאַסן און די שטאָטישע פּלעצער זענען געלעגן געהר־געטע פערד. די חיות זענען געלעגן אָפּטמאָל געדריכט איינע לעבן דער אַנדערער. דאָס זענען געווען נישט בלויז זעלנערישע פערד, נאָר אויך באַלעגאָלישע און פויערישע. מאָביליזירטע אין שטעט און שטעטלעך, געבראַכטע אַהער פון אַלע עקן לאַנד — צו מיסטיקן מיט זייער פלייש די וואַרשעווער סקווערן. אָבער נישט אַלע פון זיי האָבן געמיסטיקט די ערד. פיל פון זיי איז געווען באַשערט צו גע־ניסן פון גרעסטן כבוד, פון וועלכן א פערד, א האָרעפּאַשניק, וואָלט קיינמאָל נישט געטרוימט אפילו אין חלום. יענע פון זיי, וואָס זענען נישט געווען גע־שוואָלן, האָבן גענאָסן פון דעם גליק צו ווערן געקאָכט און געבראָטן אין די אויס־געצייכנטע, פיינסטע קיכן פון קריסטלעכע און טיילמאָל יידישע באַלעבאָסטעס. די יאַטקעס האָבן פאַרקויפט פערדן־פלייש. וואָס בלוטיקער די שלאַכט, אַלץ פרישער איז געווען דאָס געריכט פון דעם דאָזיקן מין. ווער עס האָט פאַרמאָגט א ריכטיקן קיכמעסער און נישט געהאַט קיין גראָשן צו גיין אין יאַטקע, האָט פראַנק־און־פריי אויף דער גאַס געשניטן די פעל פון א געפאַלענער חיה, זיך אויסגעשניטן

קאָטלעטן און ביפשטיקן, וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. אויף א בכבודיקן סוף האָבן זיך דערוואַרט די קליינשטעטלדיקע טראַנטעס פון גאָר דעם לאַנד.

אין דעם טאָג האָט דער וואַרשעווער ראַדיאָ אויסגעזונגען פון זיך די לעצטע מאַרשן.

דער בעלוועדער איז געשטאַנען אין פלאַמען. אין פלאַמען איז געשטאַנען דער באַרימטער קלויסטער פון הייליקן יאַן מיט זיינע קינסטלערישע טורעמס און פרעסקן. אויך דער קעניגלעכער שלאָס. און איבער דעם אַלעם האָט אומבאַוועגלעך און שטאָלץ ווי פאַרצייטנס, אַראָפּגעקוקט, אומבאַשעדיקט, פון דעם הויכן פּיעדעסטאַל די בראָנזענע געשטאַלט פון דעם קעניג זיגמונט.

V

א פרישער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. אין דעם באַגינען האָט דער ראַדיאָ קיין פרימאָרגן-ליד נישט געגעבן. נישט אין דעם, און אויך נישט אין די שפּעטערדיקע טעג. די עלעקטרישע סטאַנציע איז געווען באַשעדיקט. גדליהס לוח (דער אַלטער פלעגט יעדן פרימאָרגן אַראָפּרייסן א בלעטל פון זיין לוח) האָט געוויזן — מאָנטיק, י״ב תשרי שנת תרצ״ט — 25-טער סעפּטעמבער יאָר 1939. אָנגעבנדיק ביי דער זייט דאָס מעניו פון מיטאָג: אַרבעס-זופּ, קאַלבס-לעבער אויף היינערפעטס, א פאַרבייסעכץ — באַרנעס מיט וואַניליע-קרעם.

אין יענעם טאָג זענען די מויערן געשטאַנען ווי צעקרישלטע שאַכטלען שוועבעלעך גרייטע אין יעדער מינוט זיך אָנצינדן און אויסברענען ווי שטרוי. דאָ און דאָרט האָט א רויך געשפּאַרט דורכן דאַך און דורך די פענצטער. די לאָקאַטאָרן זענען דאַן געלאָפן ווי מייז פון איין הויז צום אַנדערן, ווער מיט פעקלעך און ווער אָן זיי, צוואַרטן אין טויער און אין קעלער-גענג — כדי ווייטער צו לויפן אין אַנדערע גאַסן. צו זוכן גליק האָט אין יענעם טאָג קיינער זיך נישט געקאָנט אונטערנעמען. אַזאַ מין שפּאַציר איז געווען צו ריזיקאַליש און האָט זיך באַצאָלט מיטן לעבן. ווייל אַחוץ שראַפּנעלן און גראַנאַטן, וועלכע זענען געפלויגן איצט פון אַלע ריכטונגען, אַחוץ צינד- און אויפרייס-באָמבעס, וועלכע זענען געשליידערט געוואָרן אויף יעדן מעטער שטאָט פון צענטליקער און דאָסמאָל הונדערטער באָמבע-וואַרפער, האָבן די זעלביקע אַראָפּלאַנען, נישט געפינענדיק אויף די פּלעצער פון שטאָט קיין ממשותדיקן ווידערשטאַנד, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט א גערויש איבער די גאַסן, פאַרשיטנדיק זיי מיט קוילן פון מאַשין-געווער און אַפילו מיט האַנט-גראַנאַטן. יעדער רגע האָט אַן אַנדער פויגל מיט געפילדער זיך א זינק געטאָן מיט זיין באַגאַזש אין דער נידער, אויסצולאָדן אים פון דער נאָענט — נישט צו מיידן דעם ציל. די שטאָט איז געווען פול מיט רויך און מיט שטויב. ווי אַלע טעג

אין דעם חודש סעפּטעמבער, איז דער טאָג געווען א זוניקער, א טרוקענער. אין דעם געדענקלעכן מאָנטיק איז די שטאָט פאַרבליבן אָן וואַסער — עלעקטריש ליכט האָט געפעלט נאָך פון נעכטן.

אין אָוונט איז די שטאָט געווען באַלויכטענער ווי אַלעמאָל, געברענט האָבן אַלע גאַסן. וועגן לעשן די שׂרפות האָט, צוליבן מאַנגל אין וואַסער, שוין נישט געקאָנט זיין מער קיין רייד. דאָס פייער פלעגט זיך פאַרהאַלטן און אויסגיין ערשט ביי די בלינדע גרענעצנדיקע ווענט.

ביי סראָלקען אין קעלער זענען געזעסן די שכנים ווי פריער. אָפּגעברענט איז געוואָרן בלויז דער פראָנט. אָוונט־צייט האָט ליזע געבראַכט די נייעס, אַז דער שפּיטאָל אויף עלעקטאָראַלנע, ווו זשעניע איז פאַרבליבן, ליגט אין חורבות. א שווערע באָמבע האָט געטראָפן אין די פאַרוווּנדעטע, דער בנין ברענט.

סראָלקע האָט זיך געלאָזט צום שפּיטאָל, מיט אים צוזאַמען ליזע, די פיינט־לעכע האַרמאַטן האָבן נישט אויפגעהערט קיין מינוט. סראָלקע און ליזע האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט פון די מויערן, וועלכע האָבן געדראָט א ליאַדע רגע איינצופאַלן און צעדריקן זיי מיט זייער ברענענדיקער שווערקייט. עס איז געווען אַרום זיבן אָוונט, די טויערן פון די הייזער זענען שוין געווען געשלאָסן. די ציווילע וואַך האָט נישט אַריינגעלאָזט קיין פרעמדע, אומבאַקאַנטע. זיי זענען געלאָפן אונטערן האָגל פון קוילן. ווידער זענען די גאַסן פאַרפולט געווען פון זעלנערישע פערד. פערד מיט לאַכנדיקע פנימער, מיט אַרויסגעסקאַליעטע ציינער, אָדער מיט פאַרשטשעמעטע יאַסלעס פון ווייטאָג. פערד, אומבאַקאַנטע ווי זעלנער. דאָס אַלץ איז פאַרבליבן פון נעכטן אויף היינט — צו סקווערען אונטער דער מאָרגנדיקער, גאָלדענער זון, וועלכע האָט מיט מילדקייט און חן מיט דער פולער האַנט באַ־שאָנקען דאָס לאַנד אין זיינע טראַגישע טעג.

ליזעס ידיעה וועגן שפּיטאָל איז געווען א ריכטיקע. דער גרעסטער טייל פּאַווי־ליאָנען איז געשטאַנען אין פייער. און אונטער די חורבות זענען געלעגן צעקוועטשטע בעטלער מיט בעטגעוואַנט, ווי אויך מענטשלעכע קערפּערס.

איין מאָמענט איז געווען אַזאַ, ווען סראָלקע איז געווען זיכער, אַז זשעניע איז טויט.

— אָט איז זי — האָט ער אויסגעשריגן א צעטומלטער.

צווישן די טויטע איז געלעגן א מיידל מיט א פאַרבונדענעם קאָפּ. אָבער ליזע האָט גלייך באַמערקט לויטן קאָליר פון קליידל און העמד, אַז דאָס איז א פרעמדע. זיי האָבן געזוכט ווייטער, גענישטערט אין גרוז — דאָס קינד איז נישט געווען. און עס האָט קיינער פון די פאַרבליבענע באַדינטע נישט געוווּסט וועגן עפּעס צו זאָגן.

* * *

דעם 27-טן סעפטעמבער, מיטוואָך 12 בייטאָג, איז מיטאמאָל אנטשוויגן געוואָרן די קאנאָנאדע. קיינער, אפילו מיליטער-לייט, האָט נישט געקאָנט דערקלערן, וואָס עס באדייטן די שווארצע צלמימלעך און אותיות אויף די בייכער פון די פייגלען, וועלכע זענען אזוי נידעריק געפלויגן איצט איבער די רויכערנדיקע שטאָטישע דעכער.

דורך אלט-שטאָט האָבן זיך געצויגן מענער און פרויען מיט עמערס און קעסלען. זיי זענען געגאנגען אראָפּצו צום ווייסל נאָך וואסער. אויפן סקווער פון גאָווע-מיאסטאָ (נײַ-שטאָט) זענען געלעגן איניקע צעגטלייך טויטע, ווארטנדיק צו ווערן באהאלטן אין די פלאכע און שמאָלע גראָבנס, וועלכע זענען טאקע דאָ געווען פאר זיי צוגעגרייט. א ביסל אין אן אנדער זייט האָבן קינדער געפירט א קאראהאָד... דאָס זענען געווען די אָרעמע קינדער פון אלט-שטאָט.

פאר דער גאס זענען געהאָנגען פלאקאטן, אונטערגעשריבענע פון גענעראל ראָמער, דעם אָנפירער מיט דער פארטיידיקונג פון ווארשע. דער גענעראל איז מודיע, אז ווארשע, אויך מאָדלין גיבן זיך אונטער דער איבערמאכט פון קעגנער, כדי צו שוינען די שטאָט פארן רואין, ווי אויך — צוליבן פולשטענדיקן מאנגל אין געווער און אמוניציע.

אין די טעג פון איבערגעבן די מאכט האָט זיך הפקרדיק גוטס געוואָלגערט אין די גאסן. געהערשט איבער דעם האָבן רעשטלעך פון פוילישן מיליטער. אי-בערהויפּט איז דאָס גוטס באשטאנען פון זעלנערישע זאפּאסן. זיי זענען גע-וואָרן פארקויפט צו שפּאָט-ביליקע פרייזן, אָפטמאָל פארטיילט אומזיסט צווישן דער באפעלקערונג.

אין הויף פון צעשמעטערטן קעניגלעכן פאלאץ איז פאָרגעקומען די חלוקה פון זעלנערישן קיכל, פון קאווע און טאבאק. סוכארעס זענען געוואָרפן געוואָרן אין דער לופטן פון זעלנער, און צעכאפּט פון יונגע, שטארקע בעלנים. די שוואַ-כערע האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זייט, אויס מורא צעטראָטן צו ווערן אין דעם אנטשטאנענעם כאאָס און פלאָנטער פון פיס און הענט.

וואלענטיס יונג ווייבל, מאלגאָשא, האָט געהאלטן, אז עס שאדט נישט, אויב ביי דער געלעגנהייט זאָל זיך — איינמאָל אין לעבן — א מענטש קאָנען פארגינען אדורכשפּאצירן זיך אומגעשטערט דורך די רעפּרעזענטאציע-זאלן פון פאָדערשטן טייל שלאָס, וואָס דאָס פייער האָט גראָד געשוינט.

יאָ, אלץ איז פאראן, וואָס א מענטש באדארף, כדי צו פירן אן אָנשטענדיק לעבן: פאָטעלן פון ברייטע פליוש, זיידענע פאראוואנען, אויך א באָד-צימער מיט אזא באמת פרעכטיקער איינריכטונג, ווי עס פּאסט פאר מלכים.

— אַך=און=ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן, — האָט מאַלגאָשא אויפן קול זיך פאַנאַנדערגעשלוכצט, און ווייל קיינער פון זייטיקע איז דערביי נישט געווען — דער עולם האָט זיך געממיתט ביים כאַפּן סוכאַרעס — האָט מאַלגאָשא זיך גענומען (טאַקע בלויז לזכרון) דעם קליינעם פּאַראַוואַן פון זעלטענעם פּיאַלעטן=זייד — אַזאַ „באַגאַטעלע“ קומט צונויף אַמאָל אין פאַמיליען=לעבן אויך. בפרט, אַז מען ווײנט אין אַזאַ ענגשאַפט.

— אָט, ווען דער וואַצלאַוו ווערט נישט מיט איינמאָל פאַרשאָטן, — האָט מאַלגאָשא איר פאַרהדראָס אויסגעלאָזט צום מאַן — ווידער האָט דער כלב זיך מסתמא אַוועקגעשלעפט איבער דער וועלט.

וואַצלאַוו האָט געהאַט א מאַניע צו רייטן איבער די דעכער פון ווייטלויפּנדיקע צוגן. ער האָט געשטרעבט צו וואַנדערן איבער שטעט און לענדער. איז שוין דריי טעג, פון יענעם מאָנטיק אָן, אַז קיינער האָט אפילו פון זיין געביין נישט געוווסט, אָבער צוזאַמען מיט אים איז פאַרלוירן געוואָרן אויך סאַלעק, סראָלקעס זון. אויך ער איז פון מאָנטיק אָן נישטאָ. די לעצטע, וועער עס האָט אים געזען, איז געווען די פליישערקע שפרה, וועלכע ווינט קעגנאיבער אויף דער זעלבער גראַניטשנע. אָבער וואָס איז די פעולה, אַז אויך סאַבינע, שפרהס טאָכטער — אויך זי האָט זיך ביז אויף היינטיקן טאָג נישט אָפּגעפונען. אייַן אויבערשטער ווייסט, וואָס מיטן מיידל האָט געקאָנט פּאַסירן. שפרה שאָקלט אַרימטאָקראַטיש מיטן קאָפּ. אָבער ביילע סראָלקעס פילט איר נישט מיט אפילו אויף א האָר. „אַזאַ אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וועלכע טראָגט תמיד דעם בויך פאַר דער נאָז און גרויסט זיך מיט פליוש, איז ווערט אַמאָל דעם שטעקן אויך“.

ווי עס זאָל נישט זיין, טוט אָבער ווי דאָס האַרץ, א מאַמעס האַרץ, סיי אויף דעם סאַלעקן און סיי אויף זשעניען.

VI

אויפן געגשער בית=עולם זענען געלעגן מענטשן אין די הונדערטער, צונויפגעקלייבענע פון פאַרשידענע עקן שטאָט. איצט, נאָך דעם ווי די קאַנאָנאַדע האָט אויפגעהערט, האָבן משפחות געבראַכט אַהער זייערע אומגעקומענע קרובים, זיי איבערגעלאָזט אויפן הויף פון בית=עלמין. אויף א לייידיקן העק זענען געגראָבן און פאַרפולט געוואָרן טיפע, קאַנטיקע גריבער. טויזנטער, טויזנטער טויטע יידן האָבן געפונען זייער רו אין בשותפותדיקע, אָנגאָמענדיקע קברים, אין זייערע מלבושים, אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען. אָפטמאָל מיטן פאַרמעגן.

ביילע מיט ליזען זענען אַרויף אויפן בית=עולם. איך שפרה איז אַהערגעקומען זוכן צווישן די מתים איר טאָכטער. אויף דער ערד, אין די פערד=שטאַלן,

אין די טהרה־שטיבלעך, אויפֿן הויף, אויך אין דער לאַנגער הויפּט־אַלעע זענען געלעגן די גופֿים אין הויפֿנס, איינער לעבן צווייטן, איינער אויפֿן צווייטן, פֿרויען, מענער און קינדער. ווער מיט אָפּגעריסענע פֿיס און הענט, און ווער גאַנץ, אויך אַזעלכע — מיט ברייטלעך צוגעדריקטע אונטער די אָרעמס. זיי האָב געפֿונען זייער טויט נאָך לאַנגע שעהן מאַרטערניש ערגעץ ביי אַ בעקעריי. די גופֿים זענען געלעגן אַלע אָנגעוואָרפֿענע אין געאייל. די קבֿרנים האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

ליזע האָט געזוכט זשעניען. פֿאַר דער צייט, וואָס ליזע פֿלעגט אַראָפּקומען צו סראָלקען אין קעלער, האָט זי זיך צוגעבונדן צום קינד, און עס האָט איר באַנג געטאָן, וואָס גראָד זשעניע איז געווען דער איינציקער קרבן אין דעם גאַנצן הויף. אָבער אויך דאַסמאָל איז זשעניע צווישן די טויטע נישט געווען. איר איז נישט באַשערט געווען פֿאַרשאָטן צו ווערן אין חורבן שפּיטאָל. ווען דער אויפֿרייס איז פֿאָרגעקומען איז זשעניע געלעגן אין אַ זייטיקן פּאַרטער. דער אייבערשטער שטאָק האָט זיך אויף איר אַראָפּגעשאָטן צוזאַמען מיט די חולאים. אייניקע חולאים האָבן מיט זייערע גופֿים צוגעדעקט איר בעט, באַשיצנדיק זי אויף אַזאַ אופֿן פֿון די באַלקנס, וועלכע זענען אין אַ רגע אַרום מיט אַ טראַסק אַראָפּגעזונקען. אינסטינקטיוו האָט זשעניע אַראָפּגעריסן פֿון די אויגן דעם באַנד און געלאָזט זיך פֿליען דורך אַ טיר, וועלכע האָט אונטערן דרוק פֿון לופֿט זיך אַליין געעפֿנט. דער אימפּעט האָט זי געטראָגן איבער פּלעצער און גאַסן. אויף דזשיבאָווסקע איז זשעניע אַריינגעפֿאַלן אין אַ הויף. די סאַניטאַרין פֿון הויף האָט אַרומגעבונדן זשעניען די וווּנד. דאָס מיידל האָט געפֿיבערט, איז נישט געווען אימשטאַנד אַפֿילו צו דערציילן, וועגן זיך פֿון וואַנען זי לויפֿט. דריי טעג נאָכאַנאַנד איז געהאָנגען פֿאַרן טויער אַ צעטל: „דאָ געפֿינט זיך אַזאַ און אַזאַ (סימנים) פֿאַרוווּנדעטע קינד". די סאַניטאַרין אַליין האָט גענומען זשעניען צו זיך אין וווינונג און אויפֿגעהאָנגען דאָס צעטל. אויפֿן דריטן טאָג איז זשעניע געקומען צו זיך, דערציילט, וואָס מיט איר איז געשען, אַזוי אַרום האָבן סראָלקע און ביילע צוריקגעפֿונען זייער קינד...

* * *

פּויליש מיליטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געווער אויף פֿאַרשיידענע פּלעצער פֿון שטאָט. די זעלנער זענען גרופּנווייז געגאַנגען צו זיך אַהיים. ווי־נישט־ווי האָבן איינצלנע פֿאַרשפּעטיקטע זיך געבלאָנקעט איבער די גאַסן, האָבן געטיילט און פֿאַרקויפֿט דער אויסגעהונגערטער באַפֿעלקערונג די רעשטלעך פּראָוויאַנט.

בערנאַרד איז געקומען פֿון מאָדלין. ער איז געווען נידערגעשלאָגן. אנטוישט. אַ רעזיגנירטער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער אָטאָמאַנע, קייענדיק דאָס

פוילישע ווערטל: „גלוד, סמרוד, נענדזא“ (הונגער, עיפוש, גוויט). יאָ, דאָס איז אונדז איצט פאַרבליבן.

פון דער גאַס האָט געשטראָמט זעלנעריש געזאַנג. דייטשיש מיליטער האָט געזונגען דאָס ליד:

„ווען דאַס יודען־בלוט פאָם מעסער רינט“...

אויף דער גאַס איז פינצטער. די מויערן שטייען ווי בלינדע, פאַרוווּנדעטע ריזן. אַנדערע זעען אויס ווי צום טויט פאַרמשפּטע, מיט אַרומגעבונדענע געזיכטער, נישט צו קוקן מיט די אייגענע אויגן אויף די שפּייענדיקע לופעס פון האַרמאַטן, וועלכע זענען אויף זיי געווענדעט.

שטיל. אָבער די שטילקייט ביינאַכט האָט געשראָקן מער ווי דער גרילציקסטער אַליאַרם. שטילקייט, ווען די גאַס מיט אירע מויערן ליגן געבונדענע — ווי רינדער אין שעכטהויז. דאָס איז געווען אַ שטילקייט פון אַ ריז אַ געוואָרגענעם, אַזעלכן, וואָס קאָן קיין קלאַנג פון זיך נישט אַרויסגעבן, ווייל עמעץ אַ שטאַרקערער פאַר אים האָט דאָס מויל אים פאַרשטעקט מיט אַ פאַרעיפּושטן קנויל, זייגע ליפּן פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס.

— האַלט ס׳מויל! — — — אַ שאָס אין דער נאַכט. — דעם שאָס האָט געקראָגן אַ יובילער, וועלכער האָט דאָס מויל נישט געהאַלטן, אָן עפּן געטון דאָס פענצטער צו אַליאַרמירן, אַז רויבער האַבירן זיין גוטס...

אין די שטילע נעכט איז מינע געזעסן אין דער פאַראייניזאַמטער שטוב, האָט געוואַרט אויף אַ נאַכריכט פון מאַן און זון. ווען אין דרויסן האָט געטאָגט, האָט זי געוווּסט, אַז עס הייבט זיך פאַר איר אָן אַ פרישער טאָג פון פיינלעכן וואַרטן. אָבער אַ טאָג טיילט זיך אין שעהן, און אַ שעה אין מינוטן. ווען דער טאָג איז אַן אייביקייט פון לײַדן, דאַן איז אַ שעה פון לײַדן אויך אַן אייביקייט. אין איין מינוט ווערט גרוי אַ קאָפּ, און עס צעמישט זיך אין מוח דער געזונטער פאַרשטאַנד.

דערווייל איז נאַכט. די נאַכט פליסט אָפּ אין קאָשמאַרן. ערגעץ־וואו פאַרמאַכט זיך אַ טויער. ערגעץ־וואו באַווייזט זיך אין אַ פענצטער אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ פון אַ ליכטל. אַ שאָס פון אַ ביקס. אַ געשריי: „האַלט!“ דערגרייכט צום אויער אין שלאָף — עס פאַלט אַנידער אַ מענטש אויפן טראָטואַר — נאָך אַ דאָקטאָר געלאָפן צוליב געבורטס־ווייען פון זיין פרוי. און אפשר טאַקע דער דאָקטאָר אַליין. זיבן אָוונט איז פּאָליציי־שעה. און נאָך פאַר זיבן שטאַרבט אָפּ דאָס לעבן אויף דער גאַס, ווי דער פּולס פון האַרץ.

* * *

די גאַרבעריי, אין וועלכער סראָלקע האָט געאַרבעט, איז געלעגן אין שטיקער. אחוץ דעם אַז די פאַרבליבענע סחורה רעקווירירט געוואָרן פון דער נייער מאַכט. סראָלקע האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז מען מוז זיך גלייך שטעלן צו אַ נייער אַר־

בעט. אלץ איינס צו וועלכער: צו שלעפן משאות, צו פארריכטן וווינונגען... יאָ, אין די וווינונגען העננט אלץ ווי נאָך א חורבן. עס פעלן שויבן, מוז מען די לעבער גלייך פארשלאָגן מיט דינעם דיקט. מען מוז אים זוכן, קויפן, פאנאנדערשנײַדן... צו טייערע פרייזן באקומט מען שויבן, און די גבירים... די גבירים האָבן הפקרדיק געלט. עס פעלט אוים ארבעטס־הענט. מען דארף בלויז פארמאָגן א קעסטל אויף גלאָז און א דימענט דערצו — דאָס גלאָז צו שנײַדן. אָבער ווער ס'איז פלינק אזוי ווי סראָלקע, און מען פוילט זיך נישט, איז אבי געזונט — קיין פרנסה וועט נישט פעלן. עס איז קאַלט, עס גייט צו ווינטער, שויבן מוז מען ארײַנשטעלן, ווײַל דיקט אליין וואַרעמט אדורך און דערלאָזט נישט קיין ליכטיקייט. פאר דער מלחמה האָט מען געדארפט שרײַען איבער די הויפן: „שאָבן, שאָבן!" — א גאנצן טאָג, אפילו אין חלום בײַנאכט, און טאַקע בלײַבן בײַם חלום, הײַנט אָבער, פארשפּאָרט מען וועגן דעם צו דערמאָנען.

די וואָלפאָווע קלאפּט ארײַן:

— שויבן, פאניע סראָלקע, זאָלט איר לעבן. עס גייט צו ווינטער.

די בערמאנס:

— שויבן. מיר פרירן... האָט רחמנות.

ברויט איז טײַער, א רעצעפּט פארן מיידל, פאר זשעניען, קאָסט אויך. מען מוז דאָך פארהיטן דאָס צווייטע אויג זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן (איינס איז קאַליע). פון הימל קאָן מען זיך דערהוארטן בלויז אויף א קויל אין קאָפּ.

— ווו איז אָבער פונקט אצינד אהינגעקומען דער תכשיט, דער סאַלעק, צו אלדי שווארצע יאָר! מענטשן גייען הײַנט אריבער די גרענעץ, צי איז ער אויך נישט אמאָל אריבער?

ביילע רוט נישט. זי העלפט דעם מאן אין דער ארבעט, פאסט צו דאָס גלאָז און קנעט דעם קיט.

זשעניען פארגלוסט זיך ראצוכעס (לאטקעס). פאר געלט קריגט מען שוין הײַנט קארטאָפל און זשעפּאַק־אייל. עס איז אפילו א געשעפט צו פארקויפן ראַ־צוכעס אויף דער גאס. ביילעס ראצוכעס האָבן פארשמעקט דעם „פלאץ פארן אייזערנעם טויער". ביילעס קליינוואַרג האָבן געשמאַק געלייזט צו 20־קער א שטיק. זשעניע האָט זיך געלאָבט מיט ראצוכעס, א חוץ דעם, וואָס ליזע פלעגט צו ברענגען. און וואָס פלעגט די קלײַנע ליזע נישט צו ברענגען פאר איר? קאָנדענסירטע מילך, וויטאמינען, אפילו סלאָנינע... און טאַקע אלץ פאר אירעטוועגן, פאר זשעניען. פאר איין זאך האָט זשעניע געציטערט — פארן שטרענגן, אָפּגעקראַצטן אלטן שפּיגל, וועלכער איז א פארשטויבטער געהאָנגען איבער איר בעט. זי האָט באשלאָסן צו בעטן ליזען, זי זאָל איר קויפן א ריין קליין שפּיגעלע, טאַקע פאר איר אליין. דאָס דאָזיקע שפּיגעלע וועט איר ווײַזן — דאָס וועט זי האַלטן בסוד אזוי לאנג, ווי די וווּנד וועט זיך נישט אינגאנצן פארציִען: די נאָז וועט ווערן צוריק נאָז, ווי

געווען, און אויך דאָס אויג וועט אָנהייבן אויפדאָסניי שטראַלן ווי א טייערער בריליאַנט... דער אַלטער שווערער שפּיגל, וועלכער האָט ווי א שיכור קרום גע־פּינקלט אויף דער וואַנט, האָט זשעגיען געשראָקן. זי האָט זיך אויף קיין נומט פון אים נישט דערוואַרט. און טאַקע דער האַמעטנער שפּיגל איז געווען שולדיק דערין, וואָס זשעגיע האָט געוויינט אויפן קול. גראָד איז אין קעלער־שטוב אַראָפּגעקומען ליזע, זי האָט גענומען איר טרייסטן:

— וויין נישט, קינד, עס וועט דיר שאַטן צום אויג. וועסט ווערן געזונט.. ווילסט א שפּיגעלע? טאָ נעם דיר מיינס.

די קליינע האָט אויפגעהערט צו וויינען, האָט גענומען איר האַנט אין איר שויס, און ליזע האָט איר דערציילט מעשיות און מעשיות פון זיך און פון איר מאַמען, וועלכע האָט זיך אַמאָל צעשיידט מיט איר מאַן (ליזעס פאָטער), און פון איר פאָטער, וועלכער לעבט מיט א צווייטער פרוי — ווייל פאָטער און מוטער האָבן נישט געלעבט בשלום. ליזעס מעשיות זענען אין זשעגיעס מוח איינגעוואַקסן צו און עפּאָפּעע. זי האָט ענדלעך געזאָגט:

— אַז איך וועל ווערן געזונט, וועל איך אָנשרייבן אליין א מעשה פון א לעבן, ווי אַזוי א מענטש האָט געלעבט און געלעבט... ניין, נישט אַזוי ווי עס איז — נאָר אַזוי ווי ער וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין. פאַרשטייסטו, ווי ער אליין וויל...

פּלוצלינג האָט זי געשטעלט ליזען די פראַגע:

—צי ליבסטו אים, ליזע?

— וועמען? — האָט ליזע א פאַרוואונדערטע זיך אומגעקוקט און איז רויט געוואָרן.

— אַראָנען, אַראָן בערמאַנען... אויך איך האָב ליב געהאַט צו קוקן אויף אים, ווי ער פלעגט אַזוי זיצן אָנגעלענט אין דער האַנט און טראַכטן ווי א פילאָ־זאָף... געדענקסט בעת די נאַליאָטן? (לופט־אָנגריפן).

ליזע איז שוין געווען אויף די טרעפּ, ווען זשעגיע האָט אינדערשטיל אַרויס־געצויגן דאָס געשענקטע שפּיגעלע פון אונטערן צוקאָפּנס, האָט צעלאָזט די באַנ־דאַזשן און לאַנגע, לאַנגע מינוטן געשפּיגלט איר פאַרקריפּלטע באַק, איר פאַר־טונקלט אויג און צעפליקטע נאָז.

* * *

אַראָן בערמאַן איז געווען ענלעך צום ברודער בערנאַרד לויטן וווקס, האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט אַן אַנדער קאָנסטרוקציע פון כאַראַקטער. ער איז געווען א גוטמוטיקער און באַשיידענער יונג, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַרום אים האָט געשוויבלט פון סוחרישן טומל, פון איילעניש און כיטרעקייט. אַראָן

האָט פֿאַרמאָגט א זעלטענע געלאַסנקייט ביי א גרויסער אַמביציע. די מידות האָט ער געירשנט פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער, וועלכן ער האָט אפילו נישט געדענקט. די מענטשן, מיט וועלכע אַראָן איז געקומען אין באַרירונג, האָבן מיסגעברויכט מיט זיין גלויבן און צוטרוי צום מענטש. אַראָן איז אָבער פֿאַרבליבן אזוי ווי ער איז. אנדערש האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיין. טראָץ דער טומלדיקייט און אָפּטמאָל פֿאַלשקייט פֿון זיינע פֿריינד, איז ער פֿאַרבליבן דער קאַליקע, וועלכער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פֿאַרשטיין דעם טעם פֿון געלט-גיריקייט און כאַפּעריי; ביי אזא גייסטיקן באַגאַזש איז אים נישט פֿאַרבליבן עפּעס אנדערש, ווי צו ווערן א לערער פֿאַר קינדער. און אזא איז ער טאַקע געווען. „לינקע“[1] איבערצייגונגען, ארויסגעזאָגטע בעת זיין ארויסטריט אויף א לערער-צוזאַמענפֿאָר, האָבן אַראָנען געבראַכט צום געריכט און צו תּפֿיסה. באַפֿרייט האָט אים איצט די מלחמה.

מיט ליזען האָט זיך אַראָן באַקענט בעת די אָנגריפֿן, אונטן אין סראָלקעס קעלער-שטוב, און בעת דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער שטאָט. דעם מיידלס ענערגיע און אקטיווקייט האָבן אַראָנען אימפּאָנירט, אים געהאַלטן אין שפּאַנונג. ליזע איז געווען א גרויסער מאַדים צו קריגן א ברויטל. ביי אזא געלעגנהייט פֿלעגט זי לאָזן אין גאַנג אירע פֿעיקייטן. אירע חסרונות האָבן איר מער גענוצט ווי די מעלות. אין דער צייט, ווען אַראָן פֿלעגט ארומגיין מיט די ארבעטער-באַטאַליאָנען איבער די פֿאָרשטעט, האָט ליזע באַקומען עפּעס ערגעץ פֿון דער זייט און פֿלעגט מכבד זיין דעם בחור מיט א האַלב ברויטל. אין דעם פּרט האָט ליזע אויסגענוצט איר ווילדע מיידלשע ענערגיע. זי פֿלעגט אָנקומען צו א פּראָטעקציע פֿון א פֿאַרבייגייענדיקן זעלנער. אַראָן האָט געוווּסט, אז די פּשוטע ליזע האָט א גוטן קערן אין איר וועזן, וועלכער מוז אָבער אָפּגערייניקט ווערן פֿון פֿאַרשידענע פּסולת. צו פּסולת האָט אַראָן פֿאַררעכנט אויך דעם פֿאַקט מיט די צוויי געשמאַקע ברויטלעך, וועלכע ליזע האָט געבראַכט פֿון „פּלאַץ בראָני“. די דאָזיקע מתּנה האָט די נייע מאַכט — לשם פּראָפּאַגאַנדע — געטיילט פֿאַר דער אויסגעהונגערטער באַפֿעלקערונג. (די פֿאָרשטייענדיקע חלוקה פֿון ברויטלעך און זופּ איז געווען פֿאָרויסגעזאָגט מיט 2 טעג פֿריער דורכן פּוילישן פּרעזידענט פֿון שטאָט).[2]

ליזע האָט דערציילט, אז א סך מענטשן זענען געקומען אויפֿן פּלאַץ צו געניסן פֿון דעם געשאַנק. די ברויטלעך זענען געשליידערט געוואָרן אין דער לופֿט

---

[1] קאָמוניסטישע — באַמ. פֿון רעד.

[2] סטאַזשינסקי. דער מחבר איז דאָ געווים אויסן צו קריטיקירן סטאַזשינסקין פֿאַר זיין פֿאָרויסזאָגן די „טובֿות“ פֿון דער היטלעריסטישער אַרמיי — באַמ. פֿון רעד.

צו די אויסגעשטרעקטע הענט. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן געאַרבעט, געמאַכט אויפנאַמען פאַרן פילם, וועלכער זאָל באַווייזן פאַר אויסלאַנד די רייכקייט און דאָס וווילטאָג פון דער זיגערישער מאַכט... פאַר א גרויסן פעלער האָט אראָן אויך פאַררעכנט די ווילדע ענערגיע פון ליזען, וואָס האָט איר געמאַכט מעגלעך צו באַקומען אוממיטלבאַר פון א דייטשישן זעלנער א היפּשע פּאָרציע קאָנסערווירטן שמאַלץ צוזאַמען מיט א טוץ קאָמפּלימענטן וועגן איר געראָטנקייט און פיינקייט. פּסולת האָט נישט געפעלט. אָבער דער קערן איז געווען אומפאַרדאָרבן און געזונט.

מיט ליזען האָט אראָן געפּלאַנט צו גיין איבער דער גרענעץ אין דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט.[1]

VII

ווי עס פאַלט צו די נאַכט, ווערט גדליה וואַך. ער הייבט זיך אויף פון זיין בעט, ציט אַרויף די קאַפּאָטע, די שטיוועלער, און הייבט אָן אַרומקריכן איבער די צימערן. ווען אַלע פענצטער אויפן הויף און אויף דער גאַס שוואַרצן פון פינצטערניש, רוקט ער אָפּ אַ שענקל, עפנט אויף צוויי פאַרמאַסקירטע טירעלעך און גייט מיט א ליכטל אַריין אינדערמיט אין אן ענגן חדר. דאָ שטעלט ער אַנידער דאָס ברענענדיקע ליכטל — דאָ פילט ער זיך זיכערער. דאָ, אין דער ענגער קאַמאָרע אָן פענצטער געפינט זיך גדליהס אַן אוצר. פאַר דעם אוצר איז ער גרייט אָוועקגעבן דאָס לעבן. שפּרייזט טאַקע גדליה די גאַנצע נאַכט אין די האַרטע שטיוול, לאָזט נישט רוען די שכנים פון אונטערשטן שטאָק. פון דער יוגנט אָן אַרבעטער פון טריקאָטאַזש, האָט גדליה זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן מאַשינדל. טאַקע דאָס מאַשינדל האָט ער געהיטן. פאַר דעם מאַשינדל האָט ער געציטערט, עס זאָל נישט פאַלן דערויף קיין „בייז אויג". אָבער נישט בלויז צוליב דעם שלאָפט נישט גדליה. ער קאָן נישט פאַרגעסן דאָס אייניקל מיטן איידעם — דאָס אומגליק, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. נאָכדעם ווי א פויערטע פון פּאַוואָלאָוועס (ביי פולטוסק) האָט אויפן טיש אַוועקגעלייגט ראַפּאָלס דאָקומענטן, האָט זיך שוין קיינער נישט געקענט בלענדן מיט דער האָפענונג, אַז טאַטע און זון וועלן מיט א נס זיך אָפּגעפונען לעבעדיקערהייט.

— מען וואָלט באַדאַרפט זיי ברענגען צו קבר־ישראל.

---

[1] קיין ראַטנפאַרבאַנד, די באַפרייטע געגנטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד אָדער מערב־אוקראַינע — באַם. פון רעד.

גדליה האָט זיך צעוויינט ווי א מענטש, וועלכער וויינט אויס דעם סך־הכל פון 70 יאָר. ער דערמאָנט זיך אָבער: די פויערטע האָט דערציילט, אַז אין דער גאַנצער געגנט ארום ווישקאָוו־פולטוסק זענען דערוויטערט געוואָרן אַלע ייִדן. — די געגנט ווערט געכשרט.[1]

ארום האַלבער נאַכט זאָגט גדליה חצות: „על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו...“ אָן א ניגון, מיט א געוויין. אזוי וויינט א געשלאָגן קינד, וואָס ווייסט נישט פון קיין געזעצן און גרענעצן. בייטאָג שמעלצט ער חלב, פארפולט דערמיט א בלעכן שאַכטל. דרייט קנייטלעך פון וואַטע — כדי צו באַלייכטן ביי דער נאַכט די מיקראָסקאָפּישע אותיותלעך פון תוספות מיט רש״י. אָפּטמאָל הערט מען גדליהן מרוקען — דאָס אימפּראָוויזירט גדליה אונטער דער נאָז מיט א טיפן גמרא־ניגון:

„מה דאָך טיטום הרשע איז אומגעקומען פון דער וועלט דורך א קליין פליגעלע“... דאַן באַווייזט זיך אויף א רגע א ליכטיקער שטראַל אויפן צעאַקערטן פנים און לעשט זיך באַלד אויס פונדאָסניי.

ווידער שפּרייזט ארום גדליה אהין־און־צוריק אין די האַרטע שטיוול. דאָס לעבן איז נמאס. וואָרעם וואָס איז דער מענטש אין זיין גאַנצן מהות, מיט זיין קערפּער און נשמה, אויב עפּעס א חיה, א פאַרזעעניש, רחמנא ליצלן, וואָס הערשט איבער אים, נעמט אים אָפּ דאָס רעכט דעם נאָמען מענטש צו טראָגן, אין די טיפקייטן פון האַרצן דאָס געשטאַלט פון גאָטהייט צו דערציען?

עס צעפלאַמט זיך גדליהס פאַרמעטן פנים. ער הייבט אויף א פויסט צום סופית אין א דראָונג, ער לאָזט אָבער פאַלן די הענט צוריק:

א כופר־בעיקר קאָן מען ווערן, רחמנא־ליצלן — דערשרעקט זיך גדליה פאר זיך אליין, פארן אייגענעם געדאַנק. ער באַמיט זיך איינשלאָפן. ער פילט אָבער, אַז דער שלאָף האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיינע וויעס. דאָס געשאַנק פון דער נאַטור, וואָס מאַכט פאַר א מענטשן פאַרגעסן די אנגסטן, איז אים נישט באַ־שערט צו געניסן. דעריבער שלאָגט דאָס בלוט צום האַרצן און צום קאָפּ.

דער וואַנט־זייגער האָט אין געלאַסענעם טעמפּאָ באַוועגט זיין אומרו, ציילנ־דיק די רגעס. דער אַלטער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין עמעצנס שיפל, איבער שטילע וואַסערן צו פליסן — א זאָרגלאָזיק קינד אין א וויג.

אין הויז ווערט מיט יעדן טאָג שטילער. פון צייט־צו־צייט טוט עמעץ א געשריי: „בייגל — צוואַנציק גראָשן א שטיק“. אָדער: „שמאַטעס קויף יאָך“. ער דערשרעקט זיך פארן עכאָ פון אייגענעם קול און פארשווינדט אויפן אָרט. מען הערט נישט קיין געפּילדער אפילו פון א קינד. ווו זענען די קינדער? די שול־קינדער? צי האָט אויך ביי זיי אָפּגענומען דער חשק צו זינגען, צו פיל־

---

[1] יודן־ריין — באַמ. פון רעד.

דערן, אפילו צו רעדן? דאָס הויז ווערט מיט יעדן טאָג ליידיקער. דער שוסטער (אונטן, לעבן סראָלקען) האָט שוין אויפגעהערט צו קלאַפּן — א ייד טאָר נישט נייען קיין נייע שיך. בלויז דער סטאָלער לאָזט זיך נאָך הערן פון שעה צו שעה. די אחריות פון די פרויען איז איצט א גרעסערע ווי אלעמאָל. מענער האָבן מורא זיך צו ווייזן אין גאַס. א שרעק איז באַפאַלן אפילו די שטאַרקסטע. ווייל די מורא צו ווערן געכאַפּט אויף דער ארבעט האָט נישט באַדייט די שרעק פאַר דער ארבעט גופא, דאָס האָט באַדייט — צו ווערן פאַרניכטעט און פאַרשפּיגן פון א בינטל אויסוואָרפן־דעגענעראַטן — פון זעלנערישע שטיוול צעטראָטן צו ווערן ווי א פאַרזעעניש, א וואָרעם. איין טאָג, און אָפטמאָל א שעה פון אזא „ארבעט" באַדייט: אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן סיי פיזיש, סיי גייסטיק. דעריבער פלעגן דערליידיקן געשעפטן מייסטנס די פרויען. אויף זיי איז געלעגן דער עול פון דער שטוב־ווירטשאַפט צוזאַמען מיטן עול פון פרנסה.

אינגאַנצן אנדערש איז געווען ביי סראָלקען. אמת, דער שאַנס פון די שויבן האָט זיך אפילו געענדיקט, אָבער סראָלקע האָט זיך לגמרי נישט געפילט ביי זיך דער באַזיגטער, ווייל וואָס שייך פרנסה, איז אונטערגעקומען א פריש „פּיקסל". דאָסמאָל איז דאָס שוין געווען א פרנסה א זיכערע, מיט אַן אדרעס. א פירמע — פונקט ווי ביי לייטן. ווער עס איז געווען אין א נויט און באַדאַרפט, איז אָנגעקומען צו סראָלקען. און באַדאַרפט האָבן פיל, פיל...

באַשטאַנען איז סראָלקעס פרנסה דערפון, אז ווער עס האָט געמוזט גיין לויט דער ריי ארבעטן פאַר די אָקופּאַנטן, און געמוזט גיין האָבן אלע יידן (בלויז יידן) — איז געלאָפן צו סראָלקען, אים באַצאָלט פאַרן טאָג, און סראָלקע האָט געגרן פאַר יעדן געאַרבעט. באַשטעלט צו אזא ארבעט האָט פּוילישע פּאָליציי.

— ערגער איז, זעט איר — דערקלערט סראָלקע — אויב איר גייט ארומ אין גאַס און א „דאַטש" כאַפּט אייך. דאָס כאַפּן איז ערגער, ווייל כאַפּן „יענע" בלויז צו פּייניקן און צו חוזקן, און ווייטער ניקס.

טאָג־טעגלעך ארבעט סראָלקע צוזאַמען מיט אנדערע אין דער ציטאַדעל, מען שלעפּט ארויס פון די מאַגאַזינען ביקסן און קוילן, קעסטלעך גראַנאַטן — מאַקע פּויליש געווער — מען שלעפּט אָן אויפהער. סראָלקען טוט ווי דאָס האַרץ:

— און טענהן האָט מען געטענהט, אַז קיין ביקסן זענען נישטאָ, נישטאָ קיין קוילן און נישט קיין גראַנאַטן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד... הייגט שיך? פולע מאַגאַזינען מיט זעלנעריש שוכוואַרג...

מילא, קיין גרויסער פּאָליטיקער איז ער נישט, סראָלקע, אָבער ארבעט האָט ער געהאַט איבערגענוג.

— ערגער איז, זעט איר — קלערט אויף סראָלקע — אויב איר בלייבט שטיין אָן ארבעט.

און טאקע אין קריטישן טאָג איז סראָלקע געבליבן שטיין אָן ארבעט. עס הייסט ארבעט איז געווען גענוג. ביקסן זענען געווען אין די חמורים, אפילו גראנאטן, שיך אויך. אָבער אזוי ווי עס איז גראָד געפאלן א רעגן, און די „דאטשן" האָבן קיין חשק נישט געהאט צו פארנעצן זייערע ווילגעבוירענע בע־זער, האָבן זיי סראָלקען צוזאמען מיט אנדערע געלאָזט שטיין און סאמע מבול און דווקא אין א „פּאָזשאָנדעק".

דער „דאטש" האָט ליב „פּאָזשאָנדעק", ימח־שמו!

— אכטונג! גלייכאומקוקן!

— דאָנערוועטער נאָכאמאָל!

און דער רעגן — אונטערן קאָרק, הינטער דער ברוסט, אונטערן העמד...

סראָלקע האָט נישט פארענדיקט די דערציילונג. ער האָט געפיבערט. לעבן זיין בעט איז געשטאַנען דער באבריליטער פעלדשער פון הויף. אגב האָט סראָלקע דעם טאָג פאר אים געארבעט. איצט האָט דער זעלבער פארשוין אים געמאטערט מיט קאָנעס, באנקעס און ביטערע קרייטעכצער.

— אָ, קיין ארבעט פעלט נישט, באָרכאשעם, — האָט סראָלקע אָנגעהויבן רעדן פון היץ. — קניען! לאָז! — — — —

— איך האָב אים אין טראָק! — האָט ער פלוצלינג אויסגעשאָסן.

אין טיר האָט עמעץ געקלאפט.

— סראָלקע, אויף מאָרגן פאר מיר ארבעט...

אָבער סראָלקע באווייזט דאָך מאָרגנע קונצן. ער ליאַרעמט:

— האַלאָ! יודע, יודע, יודע!... האַלאָ יודע!...

דעם פעלדשערס מערמאָמעטער האָט געוויזן פערציק און אריבער. ביילע האָט געליגט צום מאַנס קאָפּ פייכטע טיכער. ליזע, וועלכע האָט פארלאָזן ביי־וואָלפאָווען די שטעל, און זיך אריינגעצויגן צו סראָלקען אין קעלער־שטוב (אויף זשעניעס פארלאנג), האָט די ערשטע געוווסט, אז מיט סראָלקען איז שמאָל. זי איז געלאָפן נאָך אייז.

פלוצלינג איז דער חולה אראָפּגעלאָפן פון בעט, הייבנדיק די רעכטע האנט צום סופיט מיט א געוואלדיקן געפילדער:

— הייל! הייל! הייל!

האָט מיט א הייזעריק קול זיך פאַנאַנדערגעזונגען:

„דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס,

איבער אַלעס אין דער וועלט..."

און פארענדיקט דאָס ליד מיט ווילדן געלעכטער:

— אכטונג! גלייכאומקוקן! דאָנערוועטער נאָכאמאָל!

— כא־כא־כא־כא־כא־כא!

— איך האָב אייך אין טראַק, סוקיניסיני!

ביילע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר מאָן איז געשען. אַזוי שנעל איז פאָרגעקומען די ענדערונג אין איר משפחה.

— קיין שום קויל האָט דיך נישט גענומען, סראָלקע!

— קיינמאָל אין לעבן נישט קראַנק געווען!

— האָסט געחוזקט פון דאָקטוירים מיט רפואות...

אַזוי האָט ביילע מאָנאָטאָן געזונגען איר טויטן־ליד, צווישן די קינדערלעך, וואָס זענען געזעסן אַרום.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ביילע אויסגעזונגען אין נאָגנדיקע מעלאָ־דיעס איר פאַרלוסט. צוויי ליכטלעך האָבן געצאַנקט אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ ווייכן קנאַק, און משונהדיקע שאָטנס האָבן ווי פּאַיאַצן אויסגעטאַנצט זייערע טרויעריקע טענץ. די קליינע ליכטלעך האָבן געשאַפן פּאַר זשעניען אַן אילוזיע פון אַ קינאָ, וווּ עס ווייזט זיך דער אָנהייב און סוף פון אַ לעבן: אָט צעפלאַמט זיך דאָס ליכטל, און אָט ברענט עס זיך אויס ביזן סוף.

— אויף אַזאַ נעסאַנעטויקעף האָב איך זיך נישט געריכט, אַז דאָס זאָל מיך טרעפן, — האָט ביילע נישט אויפגעהערט צו קלאָגן.

ביילעס קלאָגעריי האָט צעוואָרעמט די פאַרגליווערטע הערצעלעך פון די קינדער, זיי האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— טאַטעשי! טאַטעשי...

ביילע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר אָרט.

— ליגסט סראָלקע, ווי אַ פלאַכטע!... עס ברענט!... אַ שרפה!... דעם ווירטס הויז ברענט, סראָלקע!... אַ באָמבע האָט אין דאַך געטראָפן!... אַ צינד־באָמבע!... ליגסט נאָך? פוילסט זיך? כא־כא! אַ פוילער ביסטו געוואָרן, מיין מאַן — — — ! אַ בראַנד־באָמבע איז אין מיין האַרץ אריין! — — פריער ביסטו אַזוי נישט געלעגן...

אויף צומאָרגנס איז צו די אָנגעזאַמעלטע קברים אויפן ברעג פון בית־עולם צוגעקומען אַ פרישער שמאָל קבֿרל. דאָס איז געווען אַ קורץ קבֿרל מיט אַ באַזונ־דערן נומער — אַ פּלאַץ פאַר זיך אַליין און גאָלדענעם זאַמד.

אונטערוועגס, צוריקגייענדיק פון בית־עולם, איז ביילע, צוזאַמען מיט לי־זען, „איינגעלאַדן“ געוואָרן צו אַן אַרבעט. עס איז געווען ערגעץ־ווו צו וואַשן פּאָדלאָגעס אין אַ געוועזענעם יידישן שול־בנין, וועלכער איז געשטאַנען איצט אין רשות פון די זעלנער.

ליזע מיט ביילען האָבן ביזן אָוונט געשלעפּט וואַסער, וואַשנדיק די פּאָד־לאָגעס. פון דער אַרבעט זענען זיי געקומען צעווייטיקטע, פול מיט רעזיגנאַציע.

ליזע האָט פאַרלוירן איר זיכערקייט און ענערגיע. זי האָט זיך געפילט צעטראָטן און פאַרשפּיגן.

VIII

דער אַלטער גדליה האָט אַרונטערגעשווירן זיין גרוי בערדל, אַראָפּגענומען דאָס יידישע היטל מיטן קאַפּל, אָנגעטאָן דעם אַרויפגעשלעפּט אויפן קאָפּ א גרוי נאַרטן-היטל. איצט האָט ער געהאַט אן אויסזען פון א הויז-וועכטער אָדער א האַלצהעקער פון דאָרף. אחוץ זיין בערדל און זיין מאָגערער ברוסט האָט אין אים געאָרגישט דערמאָנט זיין יידישן אָפּשטאַם, זיין חצות-זאָגן און לערנען גמרא מיט רש״י און תוספות.

שוין מער ווי א חודש, אַז גדליה איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין זיין שטוב, מורא האָבנדיק פאַר דער ליכטיקער שיין, פאַרן קאַפּל און, דער עיקר, פאַר דער באָרד.

גדליה האָט זיך געשטעלט פאַר דער גאַס און אָנגעהויבן שעפּן לופט. ער האָט געשעפּט מיט פולע הויפנס. א יעסיענדיקער טאָג איז געווען, און כאָטש די חרובע מויערן פון אנטקעגנאיבער זענען געהאַנגען ווי מתים, און יעטוועדע רגע גרייטע זיך אַראָפּרייסן פון דער שטריק — האָט גדליה אַריינגעצויגן לופט מיט דער פולער ברוסט.

דער הויז-וועכטער וואַלענטי איז פאַרביי, האָט א שמייכל געטאָן מיט די וואָנצן צום אַלטן:

— פּאַניע בערמאַן, מען כאַפּט...

גדליה האָט אָנגעשטרענגט אן אויער: — כ'הער נישט... אָבער וואַלענטי האָט אים אין פּנים אַריינגעריליצט:

— ביסט א ייד צי נישט? אויב א ייד, טאָ שטיי נישט ווי א כראָביע ברייט-לעך פאַר דער גאַס, פאַרשטאַנען צי ניין?

עס איז נישט געווען וועגן צו פאַרשטיין. פאַר גדליהס פּנים האָט א יונגער זעלנער געפאָכעט מיטן בלויזן שטילעט:

— יודע, קאָם!

וואָס מיט אים האָט פּאַסירט ווייטער, האָט ער נישט געקאָנט געדענקען. דורכגייער האָבן געזען, ווי אן אַלטיטשקער ייד האָט באַקומען א פּעטש ישטוים אין דער זייט, ווי ער איז אַנידערגעפאַלן, זיך צעהאַקט דעם קאָפּ. זיי האָבן געזען ווי א צווייטער, אין אָפיצירן-אוניפאָרם, האָט אַרויפגעלאָזן אויפן זיקן א גרייסן וואָלפישן הונט, און ווי יענער האָט דעם אַלטן געצופּט אזוי לאַנג ביז דעם קאָרק, ביז ער איז צו זיך געקומען און אויפגעשטאַנען פון דער ערד.

א צעבלוטיקטער איז גדליה איצט געשטאַנען אין א לאַנגן הויף צוזאַמען מיט אַנדערע, אויך אַלטיטשקע, מיט גרויע לאַנגע פּאות און בערד. זיי זענען געשטאַנען אין רייען ווי זעלנער „אויף אַכטונג“ — אַזוי האָבן באַפוילן די לייט. איצט האָט איינער א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— קניען, קניען!

עס האָט אים קיינער נישט פאַרשטאַנען, האָט ער מכבד געווען מיט זיין גומענעם שטעקן גדליהן צוזאַמען מיט אַנדערע.

— קניען, שמוציקע באַנדע!

איצט האָט די באַנדע פאַרשטאַנען, וואָס מען פאַרלאַנגט, מען האָט זיך געמוזט שטעלן אויף די קני. גומענע שטעקנס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איבער די גרויע קעפּ. ווידער האָט דער אָפיציר באַפוילן:

— זינגען!... זינגען, פערפלוכטע באַנדע!

יאָ, עס איז געווען א געזאַנג, חסידישע נגונים פון אַלעקסאַנדער און גער, אַדורכגעפלאָכטענע מיט טרייסט- און געבעט-רייד:

— „גאָט וועט אונדז העלפן... א כפּרה וועלן גיין פאַר אונדז אונדזערע שונאים“.

בלויז אן איינאונאייבציקער איז געווען אין דער „באַנדע“, אן אראָפּגעפאַלענער פון מוט. ער האָט נישט געזונגען.

— וואָס זינגסטו נישט, טינוף?

אן עלאַסטישער גומי-שטעקן האָט אים צוריקגעבראַכט צו די געדאַנקען. דאָס איז געווען דער הויזוועכטער וואַלענטי. דאָס בלוט האָט אים גערונען איבער די אויגן, אים באַזאַלצן די צונג. ווען מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען ביי אים נישט געפרעגט, צי איז ער א ייד אָדער נישט. זיין עטוואָס קרומלעכע נאָז האָט אים געמאַכט ענלעך צו א סעמיט — נאָך מער פון די יונגעלייט, וואָס האָבן דאָ צוזאַמען מיט די זקנים דעם טאָג „געאַרבעט“. באַקומענדיק גלייך אויפן אָרט אויסגעהאַקטע ציין און א פּאָרציע גומעס (עס האָט נישט געהאָלפן דאָס צלמען זיך), האָט וואַלענטי זיך שוין מער נישט געוועכט.

טא-טא-טא-טא, טא-טא-טא-טא,
טאַטאַטאַ, טאַטאַטא, טא-טאַא
טא-טא-טא-טאַטאַ-טא
טאַטאַטא, טאַטאַטא, טאַא — — —

וואַלענטי האָט א רעזיגנירטער מיטגעזונגען צוזאַמען מיט אַלע, באַמבלענדיק דערביי און אויסזינגענדיק מיט די הענט, אַזוי ווי עס איז געווען דער באַפעל. וואַלענטי האָט געגלאָצט ווי א צעמישטער, ער האָט זיינע אויגן נישט געטרויט. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען מיט וואָס עס שמעקט א פאַרלוירענע שלאַכט. דאָ איז געשטאַנען א פריזיר-געזעל אין א ווייסן פאַרטוך ביי דער זייט

פון א חסיד אין שטריימל און פאות, און טאקע פון מויל פון דעם קרימלעכן פון דעם דאָזיקן חסיד האָט כסדר געטריפט דאָס נאָגנדיקע „טאַטאַטאַטאַ“, אזוי מעכאניש און איינטאָניק, ווי א טריפנדיקע כראָנישע וווּנד.

— טאטא, טאטא, טאטא, טאטא...

דאָ, אין דעם לאנגן בלינדן פאבריק־הויף, וועלכער האָט אויסגעזען ווי א תפיסה, האָט וואלענטי דערפילט דעם גרויל, וואָס איז אויסגעפאלן אויפן גורל פון זיינע מיטבירגער־יידן. אפילו א רחמנות־געפיל צו דער דאָזיקער מחנה האָט ער דערשפירט אין זיין ברוסט.

— טא טא טא טא...

עס איז אויך געווען אזא מינוט, ווען אָפווישנדיק מיט דער האנט דעם שווייס פון זיינע וואָנצן, האָט ער געוואָלט זיך א שטעל טאָן אויף די פיס און אויסשרייען צו די מונדירטע אויפן קול:

—צי וואָס מאַטערט איר מיך אומזיסט? איך בין א געבוירענער ריינער אַריער.

ער האָט זיך אָבער געשעמט פאר זיך אליין און אויך פאר גדליהן, וועלכער איז אויף די קני געשטאַנען א פארשטיינערטער, כאָטש א צעקאַליעטשעטער.

אָפיצירן האָבן גרויסמוטיק געשמייכלט, געמאכט פאָטאָגראפישע אויפ־נאמען.

— טא טא — — —

— שטייג! אָרדנונג! דו יודע!

דער אלטער גדליה האָט אין פארגעסנקייט נאָך ווייטער געזונגען, געטאקעט ווי רעגן איבער בלעך. א שטויס מיטן פוס האָט אים דערמאָנט אין דער „אָרד־נונג“.

איצט איז געקומען דער באפעל צו טאנצן. די יידן, אלט און יונג, האָבן געפאָרעמט א קאַראַהאָד, אָנגעלענט אָרעם צו אָרעם, קאָפּ צו קאָפּ. וואלענטי איז פארבליבן אליין, נישט וויסנדיק וואָס ווייטער. ער האָט זיך אָבער באלד געכאפט, האָט אויף כוח אָפגעריסן ביי די טאנצנדיקע אן אָרעם פון אן אָרעם, האָט פארנומען א פלאץ אינדערמיט.

ערשט אין מיטן טאנץ, ווען וואלענטי איז צוזאמען מיט די יידן געגאנגען אין קאַראַהאָד, איז דער וועכטער פון פאבריק־הויף גראָה פארבייגעגאנגען און האָט דערקענט אין וואלענטין א מיטגליד פון זיין פאריין. דער וועכטער האָט פארשטאנען צו זאָגן: „אריער, קריסט“. אזוי ארום איז וואלענטי באפרייט גע־וואָרן און געקאָנט באצייטנס זיך אָפטראָגן אהיים. ביים געזעגענען זיך האָט ער געקריגן אלס לעצט־געלט א פאָר פלעצלעך אין זיין אַרישן הינטער־חלק פון א זעלנערישן שטיוול:

— פארפלוכטער שווין!

די אמתע פארוויילונג האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן.

— ווארפט אויס מיט די הענט אָט אזוי און אזוי! — האָט אן אָפיציר באַפוילן. זיין גאָמבע האָט זיך געקנייטשט פאר פעטקייט. ער האָט אינגאנצן געפייערט פון געטרונקענעם וויין. איבער די יונגישע פנימער צעלייגט זיך א שמייכל:

— עס שטינקט מיט יוד, סאַראַ באַנדע!

איצט באקומט גדליה א שווערע שמידישע צוואנג — צו שערן די בערד. מיט פארבלוטיקטע פינגער לייגט צו גדליה די צוואנג צו א גרייזגרויער באָרד פון א צעפומלטן ייד, פון איינעם צום צווייטן, יעדער איינער מוז שפייען גדליהן אין פנים אריין און פאטשן אין באק.

און נאָכאמאָל האָבן ביימשן געפלאטערט איבער דערשלאָגענע יידישע קעפ.

— לאָז, הערונטער די לומפן־באַנדע!

דער באַפעל האָט באדייט — אראָפוווארפן פון זיך די מלבושים און די ש״ך און בלייבן שטיין האלב־נאַקעט אונטערן רעגן, וועלכער האָט אָנגעהויבן טריפן. איצט בלייבט די „באַנדע“ שטיין נאַקעט. ציצית פלאַטערן, פאָטאָגראפישע אַפאַראַטן מאכן אויפנאמען. שיכורע פנימער ווערן צעשמאָלצן פון נחת:

— ייד, ווער צעזעצט!

עס האָט גערעגנט. דער רעגן האָט געהאט די חוצפה צו פארנעצן די בלויע מונדירן פון די זיגער צוזאמען מיט די יידישע פאות און בערד. די דאָזיקע דערשיינונג, האָט זיך געדאכט, איז געווען מצד דער אומדערצויגענער נאַטור א פארזען, וואָס מוז גלייך קאָריגירט ווערן. קענטיק, אז די ווילגעבוירענע האָבן געהאט אזא געפיל, ווייל זיי האָבן באשלאָסן דעם כעס אויפן רעגן אויסלאָזן צו יידישע פלייצעס. ווידער האָבן זיך די שטעקנס געלאָזט ווילגיין איבער די גרויע קעפ פון דער יידישער אָרעמקייט. גדליה האָט געפילט, אז די כוחות פארלאָזן אים אויף שטענדיק. ער איז אנידערגעפאלן אין זיין בלוט. זיינע אויגן זענען געהאנגען איבער מעשענע קנעפ:

— האָט רחמנות!

אָבער פון די קנעפ האָט געשטראָמט גזלנישע רציחה. דורשטיקע גומענס פון מונדירטע גארן נאָך בלוט, און ווען דאָס בלוט שטראָמט שוין צו גענוג — דאן צעלייגט זיך א שמייכל איבער וועלפישע יאסלעס:

— יוד, קרעפיר!

דער לאנגער פאבריק־הויף איז געווען א פארשלאָסענער אויף אלע שלעסער. אויף דער גאס האָבן מענטשן נערוועז געטאָן זייער טאָג־טעגלעכע ארבעט. עס האָט נאָך קיינער נישט געוווסט, אז הינטער די טויערן פון דעם פינצטערן הויף פלאקערן שייטער־הויפנס פון מילטאלטער, מענטשישעביינער קראכן אונטער די רעדער פון טאָרטור־מאַשינען — אז דאָ בושעוועט ווילד־געוואָרענער שיגעון איבער צעבראָכענע, שוצלאָזע זקנים.

א קינד האָט זיך צעזונגען. אַן אָרעם אָפּגעריסן יידיש קינד האָט אויסגעזונגען אין שכנישן הויף מיט אַ קלאָגנדיק קול: „דאָס שטעטעלע בעלז". עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גרויע מויערן אַליין וויגן אַרום זייער בענקשאַפט נאָך פרידלעכע צייטן, נאָכן לעגענדאַרישן, אויסגעטרוימטן, ווען אַ מענטש וועט זיך צונויפרעדן מיט אַ מענטש אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך — — —

לייענער! ווען די צייטן פון קאַשמאַרן וועלן געהערן צו פאַרגאַנגענהייט, זוך אויף אין דיין פרייער צייט אויף דער גאַס נאָוואָליפּיע אַ לאַנג דרייהויפּיק הויז, וווּ עס געפינט זיך אַ יידישע גאַרבערײַ־פאַבריק. אויב די גרויע געמויערטע ווענט וועלן נישט רעדן צו דיין דמיון — דאַן רעד זיך צונויף מיטן אַלטן קריסטלעכן הויז־וועכטער, וועלכער היט אָפּ דעם אַריינגאַנג צום באַשריבענעם הויף.

* * *

נאָכאַמאָל נאַכט. פון צייט צו צייט ווערט צעפליקט די פינצטערניש דורך אַ האָפּערדיקן פייף. דאָס פייפט פונדערווייטנס די באַן. זי יאָגט איבער פעלדער און פרייקייט — זי יאָגט צו אַ גרענעץ.

דו ווערסט אַ צעפּלאָנטער, דו גלייבסט נישט: צו אַ גרענעץ!? יאָ?? וווּ איז זי, די גרענעץ? און צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ אין דער וועלט?

אָבער מיט יעטווידן טאָג מינערט זיך די צאָל פון דיינע באַקאַנטע. זיי פאַרשווינדן אינדערשטיל ווי אַ רויך, איבערלאָזנדיק זייערע אָרעמע אָדער רייכע היימען — מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט, צום שכנישן לאַנד.[1]

IX

זשעניע איז געלעגן אַ פאַרלאָזטע פון אַלע. קיינער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מיט איר זיך אָפּגעבן. אפילו די גוטע ליזע — אויך זי האָט זשעניען געמוזט פאַרלאָזן. איצט פלעגט דאָס מיידל אָפט אויסברעכן אין טרערן. דאָס קינדישע הערצל האָט געבענקט נאָך אַ פריינד. ווען ליזע וואָלט געווען, וואָלט זי זשעניען געוואָרנט:

— וויין נישט, קינד, דו פטרסט דאָס אויג, — זי וואָלט נישט געוויינט.

נישט בלויז ליזע — אויך אַראָן, וועלכער פלעגט אַזוי אָפט אַראָפּקומען צו זיי אין קעלער און מיטברענגען אַזוי פיל געפיל און געמיטלעכקייט — אויך ער איז מער נישטאָ דאָ... זשעניע האָט איר יינגסט שוועסטערל געוויגט אין אַ וויג און ביי דער געלעגנהייט אַרויסגעבענקט פון זיך איר קינדערישן צער.

---

[1] קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט געעפנט אירע גרענעצן פאַר די גערודפטע יידן, די אַנטלאָפענע פון היטלער־גיהנום — באַמ. פון רעד.

* * *

א האַלבן קילאָמעטער פון שאָסיי איז געלעגן צווישן לאָנקעס א פויעריש דערפל. אהינצו איז אוועק דאָס אויטאָ־ייִנגל דינגען א פור. אין א שעה ארום איז געקומען א פויער מיטן פורל. די הערצער קלאַפּן נאָך שטאַרקער ווי פריער, עס איז שוין נאָענט. היינט בילן אין דערפל. דער פויער פאָרט מיט א זייטיקן וועג. פון צייט צו צייט רייבט אָן אראָן א שוועבעלע צו זען דעם זייגער. אָבער דער פויער מאַכט אים אויפמערקזאַם, ער זאָל דאָס נישט טון. דער זייגער איז זעקס, מען בלייבט שטיין ביי א כוטאָר. דאָ שטייגט מען אויס אויף נאַכטלעגער. די נאַכט גייט אריבער אין זיצן אויף א ברייטער באַנק. אין הייזל איז וואַרעם. צוויי קילאָמעטער פון דאַנען פליסט א וואַסער, צום וואַסער פירט א שטעגל, דאָס וואַסער מוז מען אריבער מיט א שיפל.

— מאָרגן גאַנץ פרי, — זאָגט אָן דער פויער — קומען פישערס נעמען די פעקלעך. אראָן איז געזעסן פאַרטראַכט, האָט געצויגן פאַר זיך דאָס זעלנערישע לידל:

„אָ, מיין ראָזמאַרינע־בלום, פאַנאַנדערבלי,“

דער פויער האָט אים מיט נייגעריקייט א פרעג געטאָן:

— זענט איר נישט קיין ייִד?

אראָן איז געווען אדורכגעדרונגען מיט פוילישער קולטור. אראָן האָט געליבט פוילן, מיט ליבשאַפט געפלעגט איר שפּראַך און קולטור. אראָן האָט געטרוימט פון א באַפרייטן פוילן, וואָס וועט נישט האָבן קיין שום שייכות מיט די געמיינע ארויסטרעטונגען פון די כוליגאַנישע באַנדעס און מיט די העץ־קאַמפּאַניעס.

ריטמיש קייט אין שטאַל דאָס פערדל דעם אָבראָק. אן אלטיטשקער כראַפּעט אויבן אויוועלע. עס שמעקט מיט ברויט. מאָרגן פרי וועט אויפגיין א טאָג אין א נייעם לאַנד.[1] אָבער אינדרויסן צעבילט זיך דער הונט. דער פויער ווערט אומרואיק — די וואַך?[2] ער קוקט דורך א פענצטער און מרוקעט.

— וואָס?

— גאָרנישט, א שרפה אין יענער זייט. עפּעס ברענט אין א דערפל.

דער הימל ווערט רויט, באַלייכט העל דעם דרויסן, די אומרואיקייט וואַקסט. מען וואַכט...

ווידער זיצט מען אין א פויערישן וועגל, מען פאָרט אדורך א דערפל, נייגעריקע קינדער לויפן נאָכן וואָגן. ליזע פאָרט צוזאַמען מיט אראָנען. איר איז קאַלט. צי זי פיבערט?

---

[1] אין ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע סצענע קומט פאָר ביי דער גרענעץ — באַמ. פון רעד.

[2] די דייטשישע גרענעץ־וואַך — באַמ. פון רעד.

— סיי=ווי=סיי וועט מען מוזן שטארבן, — טרייסט זי זיך, א פארמאטערטע פון וועג. אָבער אראָן טוליעט זי איין אין זיין ווארעמען מאנטל. ער בייזערט זיך:

— גענוג שוין, צום טייוול, צו רעדן וועגן טויט, עס גלוסט זיך לעבן.

— איך קאָן נייען, — דערמאָנט זיך ליזע, דריקנדיק אראָנס האנט.

— און איך בין א לערער. אין דער זייט[1] דארף מען לערער. מען עפנט שולן.

— מיר האכט זיך, ווייסט, ווי איך וואָלט א לעבן=לאנג געשמאכט אין געפאנגענשאפט, ערשט ארויס צום ערשטן מאָל א שיין דערזען, אזא געפיל האָב איך...

מיטאמאָל האָט אראָן אויפגעציטערט, ער האָט זיך דערמאָנט, אז די מוטער איז פארבליבן דאָרט מיטן ברודער בערנארד און מיט דער שוועסטער עדע. דער זיידע גדליה האָט שוין נישט געלעבט. ביי יענער „ארבעט“ האָט ער געקראָגן א הארץ=שלאַג.

* * *

אויף אייניקע ווענט אויף די גאלעוועס זענען געווען אָנגעקלעפּט אילוסטראציעס פון „שטירמער“. דאָ איז געווען דאָס בילד פון גדליהן מיט דער דערקלערונג: „א ייד א בלוטזויגער, וועלכער שטודירט אין תלמוד די קונסט פון מישן גיפט, כדי צו פארגיכטן די גאנצע נישט=יידישע וועלט“.

אויך דאָס בילד פון וואלענטין מיט די וואָנצן איז דאָרטן געווען און אויך מיט אן אויפקלערונג: „דער מאָדערנער ייד האָט אָפּגעשוירן פון זיך זיינע טראדיציאָנעלע באָרד=און=פּאות, כדי אויסצובאהאלטן פאר דער דייטשער מאכט זיין ריכטיקן וועזן. די געפערלעכסטע און שמוציקסטע בריאה פון דעם מין, וועלכער צינדט אָן א פייער פון פארהארבונג, כדי שמייכלענדיק אליין (ווי איר זעט) אונטער די וואָנצן, ביי אים זיך צו ווארעמען“. א דריט בילד האָט פארגעשטעלט די אומגליקלעכע גרופּע פון 130 ווישקאָווער יידן. „די דאָזיקע חברה — האָט געלויטעט די דערקלערונג — איז געכאפּט געוואָרן ביי דער האנט ביים סמען דאָס וואסער פון אונדזערע ברונעמס“.

וואלענטי אליין האָט, דערוויסנדיק זיך פון די יידישע שכנים וועגן זיין ערדישן גילגול, אויסגעשפּיגן מיט פאראכטונג אויפן ברוק:

— פּשא קרעוו, בידלאָ!

זיין ווייב מאלגאָשא האָט אָבער אום זונטיק ארויפגעצויגן אויף זיך איר פּאָקענעם זשאקעט, וועלכן זי האָט צוגעלקחנט אין א צערואינירט געשעפט בעת דער קאנאָנאדע, און איז אוועק אָנקוקן די מערקווירדיקע פארוואנדלונג פון איר גאָט=געבענטשטן זיווג.

[1] אין ראטנפארבאנד — באַמ. פון רעד.

* * *

די מאַטוריסטין עדע (גדליהס ייִנגסט אייניקל) האָט באַוויזן זיך צופּאַסן צו דער אַנטשטאַנענער לאַגע. זי האָט באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ געוויינלעכער טיכל, איינגאַנצן אָפּגעשוירן די מאַניקירטע נעגל און פאַרגעסן אין דער שמינקע. די ערשטע טעג פון קריג זענען פאַרלאָפן אויף וואַרטן אין די רייען נאָך ברויט, ווי אויך אויף אָנטיילנעמען אין דער בירגער־וואַך פון הויז. ווען די מאַכט האָט זיך געענדערט, האָט עדע זיך געוואָרפן אַפילו אויף האַנדל. אחוץ איר האָט אין דער משפּחה איצט קיינער נישט פאַרדינט. אין אַ קליינער האַנט־וואַליזקע האָט עדע געטראָגן פון הויז צו הויז צו אירע באַקאַנטע זאַכן, הענטשקעס און עפּעס פון קאָסמעטיק. יעדן אָוונט פלעגט זי ציילן דעם ריווח און געבן דער מוטער אויף ברויט מיט קאַרטאָפל, אויך אויף אַ ברעקל פּוטער (עס האָט זיך שוין ווידער באַוויזן אין פאַרקויף). טאָג־טעגלעך פלעגט עדע פאַרדינען, ביז עס האָט זיך איר געטראָפן אַ היזק. אומגעריכט איז צוגעקומען צו איר איינער פון די זיגער אין אַ העל־בלויען מונדיר און האָט צוגענומען פאַר זיך איר קערבל, ווו עס האָט זיך געפונען איר גאַנץ פאַרמעגן, און אָוועקגעגעבן די אָנגעפּאַרבטע אַרישע פרויען פון דער אונטערוועלט, וועלכע פלעגן נאָכלויפן נאָך די זעלנער ווי די קראָען, וואָס וואַרטן אויף רויב — אַ ספּאָרט פאַר די זיגער אין פרייער צייט.

* * *

5 נאָוועמבער 1939. די גאַסן לויערן מיט טויט־שרעק. צווישן די איינגעפאַלענע מויערן שוועבט דער שאָטן פון מיטלאַלטערישע קרייץ־צוגן, שייטער־הויפנס און געטאָ. מיטן אָוונט צעוויינט זיך דער הימל צוזאַמען מיט די ייִדן, וועלכע איילן זיך אין דער שטיל, שלעפּן משאות אויף די פּלייצעס, אויף וועגעלעך און פּלאַטפאָרמען, פּעק מיט בעטגעוואַנט, פאָרטעפּיאַנען און בעבעכעס. איינער רייבט זיך אין צווייטן, באַשפּריצנדיק זיך מיט בלאָטע, פאַרטשעפּן זיך און פאַלן, זידלען זיך, אָבער נישט ווי תמיד. די מענטשן זענען היינט גוט איינער צום צווייטן. אַלע צוזאַמען טראָגן היינט איין גרויסע זאָרג, איין גרויסע צרה צעשפּאַרט די ברוסט. איין גרויסע חרפּה ווערגט אין גאָרגל. דערנידעריקט דאָס מאָל איז נישט בלויז קיין קלאַס — דערנידעריקט איז דאָס פאָלק, דאָס אַלטע געפּייניקטע פאָלק צוזאַמען מיט זיין קולטור.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. בערנאַרד צינדט אָן אַ וואַקסענע ליכט. זיינע בליקן פאַלן אויף די שורות פון אַ בלעטל: „לאָדזשער צייטונג". זיין קאָפּ איז פאַרנעפּלט און שווער, זיינע בליקן בלאָנדזשען איבער די טיטלען:

„אָרדנונג זיגט איבער צעשטערונג".

„ייִדישע שפּעקולאַנטן מוזן שליסן די געשעפטן".

„יידישע שוסטער טאָרן נישט נייען קיין שיך“.
„יידישע גנבים און קאסעברעכער...“
„יידישע גייסטלעכע...“
„יידן... יידן... יידן...“

— איך בין א ייד, יאָ. קיין שום ספק נישט. די סימנים פון וואונדן זענען איינגעקריצט אין מיין גוף, מיינע וואונדן בלוטיקן אונטער דער ערזאַץ־מארלע, וועלכע די שטאָטישע „פּאַגאָטאָוויע“ האָט אין געכטיקן טאָג איבער מיין קאָפּ געוויקלט (בערנהארדן האָט מע א נעם געטאָן צו דער „ארבעט“). מיין אויער איז צעפליישט פון אן אומגעהייערן הונט, וועלכער איז אויפן באַפעל פון זיין מוג־דירטן האר מיר ארויף אויפן קאָפּ... יאָ, יאָ, איך בין א ייד...

בערנהארדס געדאנקען ווערן איבערגעריסן דורך עמעצנס געוויין — און אפשר יאָמערט די פּוסטקייט פון די חורבות, אָדער די האלב־טויטע, וועלכע קאָנען זיך נישט דערוואַרטן, אז זייערע משפחות זאָלן אויפזוכן זייערע צעקוועטשטע גופים און זיי ראטעווען אָדער ברענגען צו קבורה.

יאָ, עמעצער וויינט. דאָס פאַרגייט אין געוויין סראָלקעס א קינד. יעדע נאַכט וועקט עס זיך אויף מיט געשרייען: — „מאַמע, עס ברענט!“ עס לויפט אראָפּ פון בעט, פאלט צו צו די שויבן און שוידערט אין קעלט. די מאמע טוליעט עס צו זיך, עס הערט אָבער נישט אויף צו גרוילן:

— עס ברענט, מאַמע, גיך עס ברענט, דער הימל ברענט! — — — —

X

וואָלפאָווע האָט געשריגן אויף איר מאן, וואָס ער גייט ארום ווי א נעבעכ־טיקער, וואָס ער איז געוואָרן אינגאנצן ווי א באָבע, זינט די דייטשן האָבן צוגע־נומען ביי אים דאָס ביסל סחורה אויף דער גענשער גאס.

— זאָל זיך דיר דאכטן, אז א באָמבע איז אריין אין געשעפט, — האָט וואָלפאָווע געמונטערט איר מאן — און א פייער האָט עס צוגענומען. עס איז נישט געהערט געוואָרן, אז א מאנספארשוין זאָל זיך אזוי פלוצלינג פארלירן.

וואָלף האָט געקרעכצט:

— א הארצשלאַג קאָן מען קריגן פון צעקאָכעניש. דער געדאנק צעפליט זיך.

— און שוין צום צענטן מאָל דערציילט ער: — האָסט בעדארפט זען, סארא כאַפּעריי, ווי פון פייער ברויט. די גאנצע גאס האָבן זיי אָפּגעשלאָסן, געטריבט ווי גזלנים, מיט געווער אין די הענט, געשלאָגן, געממיתט, יעדער פרוי געקראָכן אין בוזים נאָך געלט, און אלץ פאר זיך, און אלץ פאר זיך.

וואָלפאָווע האָט זיך באמיט צו רעדן „אוניווערסאליש“:

— אַ ייד טאָר נישט פאַרלירן דעם מוט. כל־זמן ער פאַרמאָגט ענערגיע, מוז ער זיין אַ מענטש און שפּייען אויף אַלעמען, וואָס מיט אים פּאַסירט.

זי האָט אפילו געוואָרנט דעם מאַן:

— ריר זיך נישט צו צו מיר, איך קען נישט פאַרטראָגן אַזעלכע מאַנספאַר־שוינען.

אונטערן איינפלוס פון זיין ווייב האָט זיך וואָלף גענומען אין די הענט און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן וואַרשע, כדי צו זוכן גליק ערגעץ אַנדערש.

אויך עדע האָט באַשלאָסן זיך געזעגענען מיט וואַרשע. צוזאַמען מיט וואָלפן, וועלכער האָט געוווינט אַ טיר קעגנאיבער אויף די זעלביקע טרעפּ, האָט עדע זיך געלאָזט צו דער גרענעץ.[1] וואָלפס שטוב־ווירטשאַפט איז שוין געווען פון דער מאַכט אין גרעסטן טייל „רעקווירירט". זיין פּאַק איז געווען אַ לייכטער. אין זיינע פיר שטובן זענען פאַרבליבן אויף דערווייל דאָס ווייב מיטן קינד.

עדעס געזעגענען זיך מיט די אָקופּאַנטן איז אויסגעפאַלן סענסאַציאָנעל. דאָס עלעגאַנטע אויסזען פון דעם מיידל האָט אויפגעוועקט אַ חשד ביי דער גרענעץ־וואַך, אַז זי שטאַמט וואַרשיינלעך פון אַ רייכער היים. אַזאַ איינע פאַרמאָגט ברי־ליאַנטן אין די געהיימע באַהעלטענישן. כדי די בריליאַנטן צו אַנטדעקן, האָט דער גרענעץ־סערזשאַנט באַפוילן עדען זיך אויסטאָן.

עדע האָט געגאַפט. זי איז אָבער געוואָרן אַרויסגעפירט פון דעם דאָזיקן צו־שטאַנד דורך אַ קרעפטיקן פאַטש איבערן מויל.

אין אַ פּופּצן מינוט אַרום האָט שוין עדע אָנגעהויבן לאַכן. עדע האָט געלאַכט אויך שפּעטער, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען אַ באַפרייטע איבער גאַסן און שטעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פרישע געזונטע לאַכן וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן...

* * *

נאָכדעם ווי איר מאַן איז אַוועק, האָט וואָלפאָווע אַ וואָך צייט געוואַרט אויף אַן אָנזאָג, צי ער איז אַריבער בשלום, צי מען האָט אים נישט שטרענג באַזוכט אויף דער גרענעץ.

— ווייל, אויב מען האָט ביי אים צוגענומען, חלילה, אַלץ, — האָט זי בער־נאַרדן פאַרטרויט — האָט מען נישט מיט וואָס צו פאַרבינדן די הענט אויף יענער זייט, דאָן איז מען אָרעם, באָרוועס און נאַקעט. און איידער אַזאַ לעבן, איז שוין בעסער גאָרנישט.

[1] קיין ראַטנפאַרבאַנד — באַמ. פון רעד.

נאָכן צומאַכן די טויערן, פּלעגט בערנאַרד פאַרברענגען אַ שעה אָדער צוויי ביי וואָלפּאָווען. זי איז געווען תמיד באַשעפטיקט אין קיך, מיט וועלכער זי פּלעגט זיך איצט אָפּגעבן אַליין. מחמת אַ פרעמדער מענטש... ווער ווייסט ווי אָרנטלעך זענען הײַנט פרעמדע, לעבנסמיטל איז טייער, קיין פאַרדינסטן זענען נישטאָ...

נישט האָבנדיק קיין ידיעה פון איר מאַן, איז וואָלפּאָווע אַראָפּגעפאַלן פון מוט, זי האָט פאַרנאַכלעסיקט איר פריזור, די ליפּן און נעגל. עס איז אָבער געקומען אײַנער און פאַרשווין מיט אַ זאַק פון היגנט, האָט זיך געהייסן באַצאָלן 30 גילדן פאַר אַ בריוול. אויפן קאָנווערט האָט וואָלפּאָווע דערקענט איר מאַנס האַנטשריפט. וואָלף האָט געשריבן, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. אונטן איז געווען מיט קליינע אותיותלעך צוגעשריבן: „אַ גרוס פאַר דער באָבען“.

וואָלפּאָווע האָט באַקומען אַ נייע הויט. גראָד די צושריפט „אַ גרוס פאַר דער באָבען“ האָט באַדײַט, אַז די קליינע ווערט־זאַכן, וועלכע דער מאַן האָט מיט זיך געפירט זענען אַדורך בשלום אָן היזק.

פאַר באַגײַסטערונג האָט וואָלפּאָווע אין יענעם אָוונט געדריקט בערנאַרדן די האַנט. און ווען נישט דער פאַרווונדערטער און ברוגזדיקער בליק פון דער קליינער ליאַליען, וואָלט זי בערנאַרדן אַזוי פון צעשטרייונג וועגן אפילו געוועזן צו זיך געדריקט.

— ווייל וואָס איז, מישטיינסגעזאָגט, דאָס גאַנצע לעבן פון אַ מענטש און בפרט פון אַ פרוי? ווען דאָס געפיל אין האַרצן ברויזט, איז עס געראָטן אין אַ כוואַליע בעת אַ שטורעם.

וואָלפּאָווע האָט געשפּרודלט מיט פילאָסאָפיע. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ביי איר איז „נישט אין אָרדענונג“ די פריזור.

— קוקט נישט אויף מיר, איך בעט אײַך, איך שעם זיך פאַר זיך אַליין.

זי האָט אָבער באַלד צוריקגעוואונען איר פּראַקטישן חוש.

— ווער ווייסט צי דאַרפן וועט גוט זײַן? אַ כפּרה זאָלן גיין „די“ צוזאַמען מיט „יענע“. זאָל שוין זײַן אַזוי ווי געווען. מען האָט געלעבט, מען האָט געקאָנט לעבן...

בערנאַרד האָט געגענעצט. די וואָלפּאָווע האָט אים קאָקעטיש אַ פּאַטש געטאָן איבערן מויל און געמורמלט:

— פּאַסקודניאַק!

ליאַליע איז אַרײַן אינדערמיט ווי אַן אײַפערזיכטיקע קאַץ.

בערנאַרדן האָט וואָלפּאָווע נישט אינטערעסירט: נישט איר „פילאָזאָפישע“ געזיבונג, נישט איר קולינאַרע קונסט. דער איבערגעטרייבענער אַפּעטיט פון דער פרוי האָט אים אָפּגעשטויסן. פונדעסטוועגן פּלעגט ער קומען צו איר אויף אַ שעה אָדער צוויי — צו פאַרטרייבן די צייט.

—פאַרוואָס שווײַגט איר? — פּלעגט זי אים דערמאָנען, און דאָן אַליין

אנטשוויגן ווערן א ברוגזע. — איר גייט שוין אוועק? זיצט א פּאָר מינוט, עס איז א שרעק אליין צו בלייבן.

דאן פלעגט זי זיך צעשרייען אויף איר טעכטערל:

— ליגט כסדר ווי א קאץ אויף די קני, לאָזט מיך נישט אָפּ.

ליאָליע פלעגט אָפּט ארומקלאמערן אירע קליינע הענטלעך ארום דער מאַ־מעס קארק, קושן די מאמע מיט א הילכיקן קלאנג, קושן אָן אויפהער, ווי עמעץ אַ פרעמדער, אַ שוגא וואָלט געוואָלט פון איר די איינציקע מאַמע אַוועקרויבן. אַ באַזיגטע פלעגט וואָלפאָווע בלייבן אין די הענטלעך פון קינד, פלעגט זידלען:

— פּאסקודנע, סמארקאטע...

און צו בערנארדן, זיך פארענטפערנדיק:

— היינטיקע קינדער... אָבער פּאָרט איז מיט זיי צוזאמען דאָס לעבן גרינגער? אָן זיי וואָלט דאָס גאנצע לעבן איצט נישט געהאט קיין זינען.

בערנארד האָט זיך געוואונדערט: צופיל פלאץ האָט דאָס קיילעכדיקע, ווייבע ווייבל פארנומען אין זיין פאנטאזיע, און וואָס מער די פרוי האָט אים געשטערט זיין גלייכגעוויכט, אַלץ טיפער איז אין אים געוואקסן צו איר דער האס. ער האָט זי אין הארצן פארשאָלטן. בערנארד האָט באשלאָסן, אז וואָס עס וועט געשען — זאָל געשען. עס איז נישט קיין צייט פאר לאנגע ראָמאנען.

וואָלפאָווע האָט אים אפילו געמוסרט:

— זייט נישט קיין ווילדער. פאר אן אינטעליגענטן מענטש פּאסט דאָס נישט. — און צוגעפינטלט: — אָ, איך האָב פארגעסן, אז איר זענט א זעלנער, געפּלירטעווועט אוודאי מיט דינסטמיידלעך... נו, נו, גענוג שוין צו שפּילן די ראָליע פון א פארליבטן... וואָס, נישט קיין ראָליע? אז אמת? וועט זיין א ראָמאן... כאַ־כא... א רועל מיט מיין מאן! איר ווייסט, אז מיינער וועט מיך נישט אוועקגעבן אפילו פאר מיליאָנען.

ליאָליע האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט (זי איז שוין געשלאָפן) און זיך צעשריגן פון שלאָפציימער:

— מאַ! איך האָב מורא! מאַ...

אויפצומאָרגנס איז געקומען וואָלף. ער איז אריין אומגעריכט. גראָד האָט אים בערנאַרד געעפנט די טיר.

— איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך מיין ווייב, — האָט זיך וואָלף מתוודה געווען, נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל.

מאן און ווייב האָבן זיך הילכיק געקושט. עס האָט זיך געדאכט, אז צום קושן וועט נישט נעמען קיין עק. וואָלף האָט גערעדט אין געאייל:

— מיט סכנות־נפשות בין איך אדורך די וואך, — ער האָט גערעדט מיט באגייסטערונג וועגן „יענער" זייט. — האָסט נישט דאָרט קיין מאַיאָנטקעס, איך בין מסכים, אָבער א מענטש ביסטו? מיטן לעבן ביסטו זיכער? קאָנסט ארויסגיין

אין גאַס? אַ קינד קאָנסטו מאַכן פאַר לייט?... וואָרן ווער דאַרף דאָס עשירות? וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט דאָס אין דער וועלט אויסגעטראַכט רייך און אָרעם? האָרעווע — וועסטו האָבן, נישט? איז נישט.

וואָלפּאָווע האָט אים געגעבן גערעכט.

— אַזוי־אַזוי, וואָרעם ווער באַדאַרף קאַראַקולענע מאַנטלען? כל־זמן דער מענטש איז מענטש, מוז ער זיך צופּאַסן צו אַלעמדינג.

— יאָ, ערע... — האָט וואָלף זיך דערמאָנט — זי אַרבעט אין אַ פאַבריק, זי האָט דערפאָלג.

וואָלף, וואָלפּאָווע און קינד האָבן זיך געפּאַקט אין וועג אַריין.

XI

וואַלענטי דערציילט, אַז ביים פאַרקערן די גאַס, פינף אַ זייגער באַגינען, הערט ער פון צייט צו צייט אַ געשריי, ווי עמעץ וואָלט פון חורבות אַרויס גערופן נאָך הילף.

—יאָ, עס קאָן אַלץ געשען אין אומרויִקע צייטן, — חכמהט זיך וואַלענטי — ווען דאָס לעבן פון מענטשן האָט אויפגעהערט לעבן צו זיין... אויב אַ מענטש שטיקט זיך אַפילו אונטער די חורבות, איז ער דאָך אויך נישט ווערט קיין בע־סערן גורל פאַר דעם מענטש, וואָס שטיקט זיך איבער זיי. אַלציינס: צי האָט עמעץ מער ליכטיקייט פאַרן אויג, אָדער ווייניקער. אַ מענטש איז דאָך דערויף אַ מענטש, אַז ער זאָל קאָנען פאַרטראָגן, בפרט נאָך אין אומרויִקער צייט.

וואַלענטי האָט ליב זיך צו חקרנען ביים באָרשטש, ווען אַריינטונקענדיק די וואָנצן אין דער געדיכטער רויטער פליסיקייט, פילט ער, ווי די וואַרעמע פאַרע ציִעצט אים אינעווייניק ביז אין די ביינער און שאַפט אים אַ חיות פאַרן האַרץ.

— עס קאָן פּאַסירן — שלאָגט זיך וואַלענטי מיט דער דעה — עס קאָן אַמאָל פּאַסירן אַזאַ קול פון די וואַסער־רערן, פון דער צעשמעטערטער וואַסער־לייטונג.

אָבער צום טייוול, די מערקווירדיקע קלאַנגען חזרן זיך איבער יעדעס מאָל ביי וואַלענטינס פאַרקערן און רופן אַרויס אין זיין דמיון אַ פאָרשטעלונג פון גיהנום־התחתון. איצט ווערט אַפילו אַזאַ פלעגמאַטיקער ווי וואַלענטי אויך פעיִק צו טראַכטן וועגן זאַכן, און געדאַנקען פאַרוויקלען זיך אונטער וואַלענטינס שאַרבן אַזעלכע, למשל:

— וואָס, אַ שטייגער, וואָלט געווען, ווען מען רופט צונויף דעם עולם פון די פאַרבליבענע שכנים־שע הויפן צו אָפּדעקן פון דער קעגנאיבערדיקער חורבה דעם באַרג גרוז? — און וואַלענטי הייבט זיך טאַקע אָן צו דערמאָנען: — אויף דעם אָרט איז געווען אַ קעלער. דאָ — נאָך איינער, און טאַקע אַ פראָנטאָווער, פאַר דער סאַמע גאַס.

עס האָט נאָך געמוזט נעמען א פּאָר וואָכן, ביז וואַנען דער געדאַנק איז גע־וואָרן פולקאָם רייף אונטער וואַלענטיס מאַרך־שיידל.

איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אז ער הערט פון אונטער דער ערד ארויס — טפוי! — ווי עמעץ האָט פון דעם תהום אויסגעשריגן:

— וואַלענטי, וואַלענטי! ראַטעווע!

— און אפשר, ווער ווייסט? דער רוח זאָל עס נעמען...

גראָד האָבן שטאָטישע ארבעטער זיך געשטעלט פאַר דער גאַס רוימען דעם גרוז. ערשט איצט איז וואַלענטי ארויס מיט אָנווייזונגען און השערות. די ארבע־טער האָבן זיך גענומען אָפּדעקן די קעלערס.

אמת, שרייען האָט פון די אונטערערדיקע רואינען קיינער נישט ארויסגע־שריגן, אָבער שוואַכע קרעכצן האָט מען יאָ געקענט הערן. וואָס ווייטער אלץ זיכע־רער און זיכערער. עס האָט עמעץ פאַרשפּרייט א קלאַנג אין גאַס וועגן דער „אר־כעאָלאָגישער" אנטדעקונג. מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, צוגעהאָלפן מיט חשק. אין געציילטע מינוטן איז פריי געוואָרן דער ארייגאַנג צו א קעלער. מיט ליכט אין די הענט איז מען אריין אינדערמיט.

דער ערשטער איז טאַקע געגאַנגען וואַלענטי אליין. ער האָט זיך געצלמט. נאָך אים נאָך זענען אריין פרויען, וועמענס קינדער זענען בעת דער קאַנאָנאַדע פאַרלוירן געגאַנגען אָן א שפּור.

ביילע האָט גראָד די ערשטע אויפגעהויבן אן אליאַרם, אז אן עולם מענטשן שמאַכט אין דער פינצטער, און טאַקע מיט זיי אינאיינעם — איר אַכצניעריקער זון סאַלעק.

ווידער איז געקומען די צייט פון דערמאָנען זיך אין איינצלנע פּרטים פונעם בלוטיקן מאָנטיק. אין יענעם געדענקלעכן טאָג זענען מענטשן געזעסן אין סוטע־רינעס און קעלערן. נישט בלויז די איינוווינער פון דעם הויז גופא — אין די קע־לערן זענען געזעסן אויך פרעמדע, היימלאָזע אָדער צופעליקע דורכגייער. דאָס איינגעפאַלענע הויז איז גראָד געווען א שטאַרקס — און מענטשן האָבן דעריבער געזוכט אין זייערע קעלערן פאַר זיך א שוץ.

די אויפגעשאָטענע האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין ליכטיקייט, זיי האָבן גערעדט מיט א שוואַך קול, מיט געשלאָסענע אויגן, געציילטע ווערטער וועגן זייע־רע משפחות. זייערע קליידער זענען געהאַנגען איבער אויסגעמאָגערטע לייבער, די פּנימער האָבן געהאַט אן ערדישן קאָליר, די קעפּ זענען געווען אינגאַנצן גרוי, זייערע מאָגנס האָבן נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין שפּייז. די שאַנסן צו דער־האַלטן זיי ביים לעבן זענען געווען קליין.

צווישן די שוואַכסטע איז געווען דאָס מיידל סאַבינע — שפרה די קצבטעס טאָכטער. זי האָט ארויסגעוויזן סימנים פון לעבן. די דיקע שפרה האָט אָבער דערוויישט דעם וואַרעמען קערפּער פון איר טאָכטער, וועלכע האָט פאַרמאָגט גענוג

לעבן אויף זיך צו געזעגענען מיט אירע נאָענטע, צו ווייניק אָבער אויף צו געניסן פון א באקוועמער שטוב ביי איר מאמען, וועלכע האָט נאָך ווייטער געהאנדלט, בסוד, מיט פלייש (איצט טריפהן) און האָט פארדינט אויף פרנסה.

דער געזונטסטער פאר אלע איז געווען וואלענטים פופצעניעריקער זון וואצלאוו, וועגן וועמען די עלטערן זענען געווען זיכער, אז ער האָט זיך אוועקגעשלעפט ערגעץ אויף דער וואנדער, אויף צו להכעיס דעם פאָטער, מיט וועמען ער האָט נישט געלעבט בשלום. און טאקע וואצלאוו איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען אימשטאנד צו שילדערן דאָס זיבן־וואָכעדיקע אונטערערדישע לעבן פון די לעבעדיק פארשאָטענע.

אויף די טרעפ צום קעלער איז ער געשטאנען צוזאמען מיט אנדערע. לעבן אים איז געשטאנען סאבינע. זי האָט געציטערט ווי א פיש ביי יעטווידן אויפרייס. ביים לעצטן אויפרייס, וועלכער האָט זיי פאַרשאָטן, איז זי געפאַלן אַ פאַרחלשטע אין זיינע און סאלעקס אָרעמס. פון ערגעץ האָט געשטראָמט א ליכטיקע שיין. לופט איז אויך געווען גענוג. אָבער דער ארויסגאנג איז געווען א פארשאָטענער. מען האָט אויפגעהאקט טירן, געזוכט אן ארויסגאנג דורך די פארקראטעטע פענצטערס. די קעלער־פענצטער זענען אָבער געווען פארלייגט פון אויסנווייניק מיט גרוז. מען האָט געמוזט ווארטן. דערווייל האָט די באָמבארדירונג געדויערט. די ערד האָט געציטערט פון די אויפרייסן. א שראפנעל האָט דערלאנגט אין די חורבות. די שיין, וואָס האָט געשטראָמט פון אויבן, איז פארשוואונדן און לופט איז געוואָרן ווייניקער. אין די אָפטיילונגען פון גרויסן קעלער האָבן זיך געפונען מערן און קארטאָפל; וואצלאוו אליין האָט ביי זיך געהאט א קליין מעסערל — צום שאָבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די דערנערונג. די טירן און ברעטער — ברעטער זענען געווען — האָבן געדינט פאר בעטן צו ליגן. אין א פאָרטעג ארום איז אנטשוויגן געוואָרן די ערד. זיי האָבן פארשטאנען, אז עפעס אזוינס איז געשען, אז מסתמא האָט פויליש מיליטער פאריאָגט דעם שונא... היינט אָדער מאָרגן — האָבן זיי געהאָפט — וועט ארויס א פאראָרדענונג צורעכטמאכן די רואינען — זיי וועלן ווערן באפרייט...

סאבינע האָט שלעכט פארדייעט די רויע מערן, פלעגט סאלעק שעהן לאנג שאָבן פאר איר די מערן מיטן מעסער. די צייט איז פארגאנגען אין ווארטן און האָפן. ווען דאָס האָפן האָט פארפירט, האָט מען אָנגעהויבן טראכטן וועגן עפעס א מיטל, ווי אזוי זיך ארויסבאקומען אויף דער פריי. די געשרייען ביינאכט זענען צו מענטשישע אויערן קענטיק נישט דערגאנגען צוליב דער דיקער שיכט פון גרוז. וואצלאוו האָט דער ערשטער אָנגעהויבן בויען א טונעל דורך איינעם פון די פענצטער, דער טונעל איז געבויט געוואָרן אין דער פינצטער דורך אָפגעשוואכטע הונגעריקע מענטשן. איינער פון די אָפטיילן איז געווען כמעט א פארפולטער מיט גרוז, האָט מען דעם גרוז געמוזט איבערוואַרפן אין א שכנותדיקן אָפטייל קעגנ־

איבער. געארבעט האָבן זיי איינציקווייז, כדי נישט צו שטערן איינער דעם צווייטן — דריי מענער. אפשר וואָלט די ארבעט געבראכט דעם געוווּנטשענעם רעזולטאט, האָט אָבער מיטאמאָל זיך דערהערט א קנאל איבערן קאָפּ ווי אין יענע טעג... צי האָט פון דער הויך א שטיק מויער זיך אָפּגעריסן? אָנשטאָט דריי מענער זענען פארבליבן איצט צוויי. דער דריטער, וואָס האָט געארבעט ביים טונעל, איז שוין א פארשאָטענער דאָרטן פארבליבן.

וויפיל טעג זיי זענען אַזוי געזעסן? די גרענעץ פון טאָג צו נאַכט איז געווען פארווישט, אויך פון וואָך צו וואָך. עס איז געוואַקסן דער פארדרוס, די שוואכקייט און רעזיגנאַציע. עס איז אפילו פארלוירן געגאנגען דער חשק צום לעבן. איינער האָט אויסגעמיטן דעם צווייטן צום רעדן. יעדערער איז געווען פויל צו באַוועגן אפילו מיט אן אבר. עס איז געווען אלץ איינס: זאָל שוין קומען וואָס עס דארף, אבי שנעלער.

אין דעם צושטאַנד האָט וואַצלאַוו אָנגעטאַפּט מיטן פוס א צעטרעטן שאַכטל, און וועלכן עס זענען געלעגן איייניקע שוועבעלער. ער האָט אָנגעצונדן מיט זיי א טרוקן האָלץ, א קול פון פארוווּנדערונג האָט זיך ארויסגעריסן פון אלעמענס מיילער: די שיין האָט דערמאָנט די דרויסנדיקע פרייקייט. עס איז געווען אזוי, ווי א שטראַל פון האָפענונג וואָלט זיך מיט איין מאָל אָנגעצונדן — די האָפענונג זיך ארויסצובאקומען אויף דער פריי און א ליכטיקער וועלט. די שיין האָט געוועקט א חשק צום לעבן. דער אויפגעוואכטער באַגער האָט אָבער געפייניקט דאָס געמיט.

די קעלער-מענטשן האָבן מיט אויסגעלאָשענע אויגן זיך אָנגעקוקט. סאַלעק און סאַבינע זענען געלעגן צוגעטוליעט, דרעמלענדיק, זיי האָבן זיך פארשעמט. עפּעס א פרוי אן אומבאַקאַנטע (די מענטשן האָבן זיך נישט געקענט) האָט געבעטן:

— לעשט אויס דאָס פייער, האָט רחמנות, עס שרעקט.

איצט איז די דערנערונג באַשטאַנען פון קאַרטאָפל אַליין — מערן איז שוין נישט געווען. — —

ווען וואַצלאַוו איז געקומען צו די כוחות האָט ער געפרעגט, צי מען קאָן זיך נישט פון ווארשע ארויסקריגן ערגעץ אויף דער פריי.

—איך קאָן נישט פארטראָגן קיין ענגע גרענעצן, בפרט פון אָקופּאציע,

— האָט דאָס ייִנגל געקלאָגט.

ער האָט שוין א פארטיקן פּלאַן, ער וויל ווערן א פליער און קעמפן אין פוילישן מיליטער קעגן דעם שונא.

— און דאַן, דאַן — זאָגט פאָרויס וואַצלאַוו — וועל איך באַווייזן וווּנדער.

* * *

סאַלעק און סאַבינע זענען געשטאָרבן ביידע אין איין טאָג. צוויי עגלות האָבן זיי אײַנציימיק געפירט צו זייער אייביקער רו. אחוץ שפרהן זענען נאָך די עגלות געגאַנגען ביילע צוזאַמען מיט איר שוועסטער, בלימטשען.

גייענדיק איצט נאָך דער עגלה, האָט ביילע נישט אויסגעלאָדן איר הארץ אין „אימפּראָוויזאַציעס“, זי איז שוין געווען פון די געשעענישן פאַרהאַרטעוועט אַזוי, אַז זי האָט גלײַכגילטיק אויסגעהערט איר שוועסטערס דערציילונגען וועגן זיך.

איבער אָנגעמעגדיקע קברים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נעפּל. אַרום זיי האָט געהערשט אומטערשטאָטישע רו — און די טויטע רו האָט געוועקט איצט אַ געפיל פון נקמה ביי די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן בית־עלמין. סאַבינע און סאַלעק זענען געלעגן אין שמאָלע באַזונדערע קבר־מלעך איינס לעבן אַנדערן. דער געלער זאַמד האָט זיי צוגעדעקט צוזאַמען מיט די גרוילן פון יענער אומטערערדישער זיבנוואָכיקער נאַכט, וועלכע האָט פאַרענדיקט זייערע יונגע לעבנס. איבער די קברים האָבן געפלאַטערט שטאָטישע טויבן, און יונגע וואָראַביימשיקעס האָבן מיט אַ געפילדער זיך געשפּילט אין געלן פרישן זאַמד.

XII

נאָכן אַרייַנקומען פון דער נייער מאַכט, נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט בלימטשעס מאַן, סענדער, באַשלאָסן צו שטילן זיין באַוואָלטן אַפּעטיט. ער איז צוזאַמען מיט דער משפחה צוריקגעגאַנגען צום שטעטל, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. דורך דער צייט איז דאָס שטעטל געוואָרן צוגעטיילט צום „דריטן רייך“ און ייִדן האָבן געמוזט אָנגייען אויף זייערע מלבושים, פון פאָרנט און פון הינטן, אַ ברייטע שטערנפאָרמיקע לאַטע פון „יודען־געלבען“ קאָליר...[1]

...אַ טייערער דענקמאָל, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס געשטאַלט פון קאָשטשושקאָ, איז דעם 11־טן נאָוועמבער אויפגעריסן געוואָרן, אָבער די קלענסטע שטיינדלעך פון דער הורבה האָבן ייִדן געמוזט צונויפקלייבן אויפן אָרט פון געוועזענעם דענקמאָל אין איין באַרג.[2]

---

[1] דאָ פעלט וואַרשײַנלעך אַ שטיק פון טעקסט. ווי עס דרינגט אַרויס פון דעם ווייטערדיקן טעקסט, איז סענדער געכאַפּט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט. — באַמ. פון רעד.

[2] לויטן מחבר איז דאָס אויפרייסן דעם קאָשטשושקאָ־דענקמאָל פאָרגעקומען אין סענדערס שטעטל. פאַקטיש איז עס פאָרגעקומען אין לאָדזש — באַמ. פון רעד.

די דערציערינס פון דער אָרטיקער דייטשישער פרעבל־שול האָבן זיך דאָ געפונען צוזאַמען מיט זייערע קאָמפּלעטן. זיי האָבן געוויזן דעם קליינוואַרג א ביישפּיל, ווי אזוי פון די שפּיציקע אָנגעוואָרפענע שפּליטער צו מאַכן א זייער אָנגענעמען און גוּצלעכן געברויך.

— אָט די שטיינדעלעך געהערן צו אייך, ליבע קינדער, — האָבן די דערציערינס געלערנט. נעמט זיי אין די הענטלעך אַריין.

— איצט זאָל יעדערער פון אייך זיך דערנענטערן צו א ייד, צו אזא גאָט־פאַרשאָלטענעם טייוול, וואָס טראָגט אויף דער ברוסט אַ דרייעקיקן צייכן, און שמייסן מיט דער גאַנצער קראַפט אין זיין פּנים... אָט אזוי, גוט, קרעפטיקער, דרייסטער, יונגען! אויסגעצייכנט!

איינער און אומגעלומפּערטער פינפיעריקער הייגע־מעדינע־העלד האָט אָנגע־כאַפּט פולע הויפנס בלאָטע פון רינשטאָק, זיך אוועקגעלאָזט מיטן קלעפּיקן באַגאַזש אין דער ריכטונג פון סענדערן. אזוי ווי סענדער האָט אוועקגעדרייט באַצייטנס דעם קאָפּ, נישט צו ווערן באַשפּריצט פונעם עיפּושדיקן טינוף, האָט דער „העלד“ זיך געפילט באַליידיקט...

איצט האָט מען סענדערן צוזאַמען מיט אַלע יידן פון שטאָט אוועקגעפירט אויף אַ בלאָטיקן פּלאַץ הינטער דער שטאָט, וווּ פון תמיד אָן האָבן געוויינט טיפע תּזרים־גרעבליעס. מען האָט באַפוילן צונויפקלייבן שטיינער. סענדער האָט באַוויזן וווּנדער, שלעפּנדיק אויפן קאָפּ די שווערסטע שטיינער. איצט האָבן אַלע יידן באַקומען א באַפעל:

— „אַריינשמייסן דעם ייד אין דרעק!“ — דער באַפעל האָט געמוזט גלייך אויסגעפירט ווערן, סענדער האָט געזונקען ביז אין די אָרעמס אין דער שמוציקער גרעבליע.

ווייטער איז דער „ספּאָרט“ באַשטאַנען דערין, אז די אַלע צונויפגעקליבענע שטיינער האָבן די יידן געמוזט שליידערן אין בלאָטע — סענדערן אין פּנים. סענדער פון זיין זייט האָט די שטיינער אין בלאָטע געמוזט קרישלען מיט א שווערן האַמער, פאַרברוקירן די בלאָטע אַרום זיך.

— טעמפּאָ, טעמפּאָ! לאָז!

זיין קערפּער האָט געזונקען אין זומפּ אַלץ טיפער און טיפער. די פאַרזאַמלטע יידן האָבן שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו וואַרפן צו אים די שווערע שטיינער. ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז סענדער פאַרבליבן אַליין אין זומפּ א פאַרברוקירטער. איבער דער גרעבליע האָט זיך קוים אַרויסגעוויזן זיין פאַרבלאָטיקטער קאָפּ. אין אזא צושטאַנד איז סענדער פאַרבליבן נעכטיקן אין פעלד.

צי האָט ער פאַרמאָגט גענוג כּוח אַרויסצובאַקומען זיך פון דער גרעבליע — צו אַנטלויפן פון שטאָט? און וווּהין? בלימטשע האָט אים מער נישט געזען.

* * *

...אין צוויי טעג אַרום נאָכן צעבּרעכן דעם קאָשטשושקאָ־דענקמאָל איז אַרויס אַ באַפעל: אַלע ייִדן זאָלן זיך תיכּף מיט קינד־און־קייט פאַרזאַמלען אויפן שול־הויף. ספרי־תורות זענען געלעגן אין די רינשטאָקן. די רבנים אַליין האָבן געמוזט דעפּטשען איבער זיי מיט די פיס. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן געאַרבעט, צו ליפערן מאַטעריאַל פאַר אַ פילם. געווילדעוועט האָבן דייטשע קאָלאָניסטן פון שטעטל גופא. יעדער איינער פון דער אָרטיקער „מיליץ"[1] האָט געהוזקעט, געטרעטן, געממיתט, געקראָכן אין די בוזעמער נאָכן לעצטן, אָפּגעשפּאָרטן גראָשן... מיטאָמאָל האָט די שול אָנגעהויבן פלאַקערן פון אַלע עקן.. די ייִדן זענען געשטויסן געוואָרן מיט די בלויזע באַגנעטן, ביז זיי זענען געוואָרן אַריינגעשטופּט אין אַ נאַכער פאַבריק־האַלע, ווי אין אַ שעכט־הויז אַ גרויסע סטאַדע שאָף. דאָ האָבן זיך געשטיקט אין דער ענגשאַפט זקנים, פרויען און קינדער (יונגעלייט זענען מיט אַ טאָג פריער זיך צעלאָפן) — צוזאַמען 2.500 נפשות.

— דאָ וועט איר אויספּגרן ווי מצורעים, — האָט די „מיליץ" געיובלט — דאָ הינטער די פאַרהאַקטע טירן וועלן הינט פרעסן אייער פלייש...

צוויי מעת־לעת איז מען אַזוי געשטאַנען אַ פּלייצע צו אַ פּלייצע. אויף זיצן און ליגן איז נישט געווען קיין פּלאַץ.

דער לעצטער אַקט. ביים וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ לאַנגער פראַכט־צוג פון 50 וואַגאָנעס. אין יעדן וואַגאָן זענען געוואָרן אַריינגעשטויסן צו 50 פערזאָן. איצט האָט מען שוין געקאָנט זיך אָוועקזעצן אויפן שמוציקן וואַגאָן־דעק און הונגע־ריקערהייט, צעבראָכענע פון צווייטאָגיקן שטיין אויף די פיס, כאַטש טרוימען וועגן אַ וועלכן עס איז, אָבער באַלדיקן סוף.

דער סוף איז אַזוי שנעל נישט געקומען. די באַן האָט זיך געצויגן פון סטאַ־ציע צו סטאַציע איבערן לאַנד אַ טאָג מיט אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג, די וואַגאָנעס זענען געווען פאַרשלאָסן אויפן שלאָס און אויך פאַרפּלאָמבירט.

— וואַסער! אַ טראָפּן וואַסער פאַר אַ קינד, אַ קראַנקן, אַ פאַרחלשטן, פאַר אַ שטאַרבנדיקן...

— שטאַרב! ייִדן מוזן אויסשטאַרבן ביזן לעצטן, — דאָס איז געווען דער ענטפער אויף די פאַרצווייפלטע געשרייען פון די מוטערס, וועמענס עופהלעך האָבן געגוסטן פאַר הונגער און דאָרשט.

אין די וואַגאָנעס זענען געזעסן אויך אייניקע פּוילישע קריסטן. זיי האָבן געהאַט די זכיה צו באַקומען פון דרויסן אַ וואַרעמען טרונק.

---

[1] געמיינט די היטלעריסטישע א. ג. „זעלבסט־שוץ", אַן אָרגאַניזאַציע פון די נאַ־ציס צו מאָרדן ייִדן און פּאָליאַקן — באַמ. פון רעד.

די באַן האָט זיך באַלד געדרוקט ווי אַ שיף אָן אַ רודער אָן אַ שום ציל. פון די וואַגאָנעס האָט געאוווירט פון מענטשלעכן אָפּפאַל. אין יעדן וואַגאָן האָט געגוססט אַ מענטש. דער דריטער טאָג האָט געמיטן. עס האָט זיך אָנגעדרוקט אַ פּערטער. אַ טייל האָט פאַרלוירן די האָפענונג פון קומען צו אַ ברעג. זיי האָבן געשריגן: „שיסט אונדז! מיר האָבן פאַרן טויט נישט קיין מורא!“ — אַ קויל איז געפלויגן צום וואַגאָן — דורך דער הילצערנער וואַנט און דורך מענטשישע הערצער. ווער עס האָט פאַרמאָגט ביי זיך אַ מזומנעם גראָשן אָדער עפּעס פון צירונג, האָט געשליידערט דאָס פאַרמעגן דורך אַ שפּאַרע אין לויפן פון צוג, נישט וועלנדיק לאָזן פאַר די פייניקער קיין ירושה.

ערשט אויפן פינפטן טאָג האָבן די טירן זיך געעפנט. מיט אַ פאַרהלשטן קינד אויף די הענט איז בלימטשע געשטאַנען אויף אַ סטאַציע צווישן ראַדאָם און קעלץ.

* * *

מיטן מאָמענט פון „באַגליקט“ ווערן[1] איז דער פאַבריק־צענטער לאָדזש געוואָרן די הויפּט־נעסט פאַר די פינצטערע כוחות. די שטאָט, וועלכע איז געוואָרן אויפגעבויט מיט שווייס פון יידישן און פוילישן פּראָלעטאַריאַט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן איצט אין אַן ערדישן גיהנום פאַר דער יידישער אָרעמקייט, ווייל גראָד דער אָרעמסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן, גראָד ער האָט געמוזט אויסליידיקן דעם בעכער גאַל און שאַנד, אויסטרינקען פון אים דעם לעצטן טראָפּן סם. געלע אָרעמבענדער, משונהדיקע לאַטעס פון הינטן און פאָרנט, דאָס שלאָגן און פאַרגוואַלדיקן מינדעריעריקע, דאָס באַפאַלן אינמיטן דער נאַכט שלאָפנדיקע צוליב גיריקייט און רויב, דאָס וויקן זיך פון מונדירטע אונטערוועלט־העלדן און גזלנים לויט פּראָפעסיע אין יידיש בלוט — דאָס אַלץ איז געווען בלאָס און נישטיק אַנטקעגן דעם, וואָס אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער געוואָרענער שטאָט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די טעג און נעכט פון חודש דעצעמבער.

דאָ־און־דאָרט האָבן זיך לאַנגזאַם געשלעפּט פּראַכט־צוגן מיט אַרויסגעטריבענע לאָדזשער. אין די פאַרפלאָמבירטע וואַגאָנעס זענען געלעגן אויף די הענט פון די מוטערס צום טויט דערפרוירענע קינדערלעך. די מוטערס זענען זיי נישט געווען אימשטאַנד מיט זייער גוף צו דערוואַרעמען, ווייל אין דער היים האָט געמוזט געלאָזט ווערן אויף הפקר קישן און פעלץ.

[1] געמיינט: מיטן מאָמענט פון אָקופּירט ווערן דורך די היטלעריסטן — באַמ. פון רעד.

אין די נעכט פון 13-טן, 14-טן און 15-טן דעצעמבער האָט קיינער פון דער פערטלמיליאָניקער ייִדישער באַפעלקערונג נישט צוגעטען מיט קיין אויג. א רוקן-זאַק אויף דער פּלייצע, א ברויטל אין דער האַנט (אויך מיטן רוקן-זאַק איז מען נישט געווען זיכער) — דאָס איז געווען דער פאַרמעג, מיט וועלכן יעדערער פון די הונדערטטויזנטער ייִדן האָבן זיך געגרייט צו דער וואַנדערונג, וואַרטנדיק מיט א שוידער אויף אַ קלאַפּ אין טיר. די פאַרמעגלעכע האָבן געדונגען פורן צו ראַטעווען באַצייטנס, וואָס מען האָט געמעגט. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן די אָרעמע אויפן רוף פון דער גמינע[1] אַליין זיך געמאָלדן און די הינטער-שטאָטישע עיפּושדיקע לאַגערן. דאָ האָבן זיי פאַרשפּאַרטע געוואַרט לאַנגע מעת-לעתן אויף דער זכיה צו ווערן אַרויסגעשיקט אויף קאָסטן פון דער מאַכט. עס זענען געשטאַנען האַרבסטיקע טעג. צענטליקער און הונדערטער האָבן ביי די שוועלן פון די לאַגערן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס.[2]

ראַדאָגאָשץ. דאָס וואָרט וועט דער לאָדזשער ייִדישער באַפעלקערונג לאַנג קלינגען אין די אויערן, א פאַרשטאָט מיטן האָזיקן נאָמען איז געווען דער אינדזל פון פּיין און די טראַגישע טעג.

דאָ אין די פאַבריק-האַליעס האָט געשמאַכט די אינטעליגענץ (אויך קריסטלעכע) פון מאָמענט פון „באַפרייט-ווערן".[3] אַהער איז געקומען בלימטשע[4] זוכן איר מאַן סענדערן, ווייל עפּעס א קלאַנג איז דערגאַנגען צו איר, אַז ער זיצט ערגעץ אין א לאַגער. סענדער איז אָבער דאָ נישט געווען. מען האָט זי געראָטן צו פאָרן קיין קראָקע. בלימטשע האָט אויסגענוצט איר גאַנצע ענערגיע צו געפינען איר מאַן.

קראָקע האָט נישט זוכה געווען צו האָבן דאָס „גליק" ווי לאָדזש — צו ווערן אויפן באַפעל פון „פירער" צוגעטיילט צום „רייך"; קראָקע האָט אָבער פאַרמאָגט נאָך א גרעסערן לאַגער ווי ראַדאָגאָשץ, נאָך א פינצטערערן און טרייסטלאָזערן אין איינער פון די פאָרשטעט. נאָך לאַנגע זוכענישן איז בלימטשען געלונגען צו באַקומען א זעונג מיט איר מאַן, וועלכער איז דאָ טאַקע געווען.

זי איז צוגעגאַנגען מיטן קינד אויף דער האַנט צו אַ געקראַטעוועטן פענצטער. צווישן די קראַטן האָבן אַרויסגעבליקט א פּאָר צענדליק צעשראָקענע אונטערגעשלאָגענע אויגן. זיי זענען געזעסן אין טיפע לעכער פון ערד-גרויע מענ-

---

1 פון דעם „עלטעסטענראַט" (יודענראַט) מיט רומקאָווסקין בראש — באמ. פון רעד.

2 ערשט דעם 16-טן, זונטיק פרי איז אַרויס א קלאַנג, אַז דער פולשטענדיקער גירוש ווערט אויף דערווייל אָפּגעהאַלטן: א טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז פאַרבליבן אין שטאָט. — צושריפט פון מחבר.

3 געמיינט: פון מאָמענט פון דער אָקופּאַציע — באמ. פון רעד.

4 בלימטשע איז, ווי עס דרינגט פון דעם אַרויס, פאַרטריבן געוואָרן פון איר שטעטל קיין לאָדזש — באמ. פון רעד.

טשישע פנימער. די מענטשן האָבן געטראָגן אַלטע צעריסענע לאַבעס. זייערע בערד זענען געווען פון פאַרשיידענער גרייס. איינער אַזאַ פאַרשוין האָט געפרעגט:

— וועמען דאַרפט איר?

— רופט מיר דאַווידאָוויטשן, סענדער דאַווידאָוויטש!

— גיט ברויט אַ שטיקל* צופאַר, וועט מען שפּעטער רופן.

בלימטשע האָט זיך געכאַפּט, אַז גראָד דעם עיקר „דאָס שטיקל ברויט" איז איר פון געדאַנק אַרויס מיטצונעמען. פונדעסטוועגן האָט זי צוגעזאָגט. דער מאַן האָט אָבער פאַרלאַנגט דעם שכר פאָרויס.

— אַלע זענט איר אַזוי, איר זאָגט צו און גיט נישט.

בלימטשע האָט אַריינגעשריגן דורכן פענצטער:

— רופט מיר צו מיין מאַן, איך בעט אייך, סענדער דאַווידאָוויטשן.

אַ הויכער מאַנספאַרשוין מיט אַ באָרד האָט זיך צוגערוקט צום פענצטער און ווילד געגלאָצט מיט די אויגן.

— רופט מיר צו מיין מאַן — האָט בלימטשע ווייטער געבעטן.

— איך... מיך רופט מען סענדער דאָווו...

— חוזקט נישט פון מיר, איך בעט אייך, ר' ייד. האָט רחמנות. איך שטיי מיטן קינד און קעלט...

— דערקענסט מיך נישט? — האָט דער בערדיקער פאַרשוין ביטער גע־שמייכלט — בלימטשע... אונדזער זון רופט מען דאָך בערעלע... האָסט אים גע־בוירן ביי סראָלקען אין קעלער־שטוב בעת דער קאַנאָנאַדע... גלויבסטו שוין איצט? אפשר האָסטו אַ ברעקל ברויט מיטגענומען, בלימטשע? ניין? פאַרגעסן? אַ שאָד.. מיינסט, אַז איך וועל נאָך פון האַנען אַרויס אַ לעבעדיקער? יאָ? וועסט מיך באַ־פרייען? זאָגסט עס מיר צו?...

בלימטשען איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן. זי האָט עפּעס געפּלאַפּלט. די וואַך האָט זי אָפּגערופן פון פענצטער. די „זעונג" איז געווען געענדיקט.

— באַפריי מיך, בלימטשע קרוין! — האָט נאָכגעקלונגען סענדערס קול אין אירע אויערן. זי איז צוגעפאַלן מיט אַ געוויין צו דער וואַך:

— באַפרייט מיין אומגליקלעכן מאַן, צוליבן קינד וועגן!

די וואַך האָט אָבער נישט געהאַט קיין רעכט הערצו אָן אַ פאַראָרדענונג פון דער העכערער אינסטאַנץ. די אינטערווענץ פון דער יידישער געמיינדע האָט דער־ווייל נישט געהאַט קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. די טויזנטער פאַרשפּאַרטע יידן האָבן, טראָץ די אַלע איינגעצאָלטע קאָנטריבוציעס, נישט געהאַט קיין אויסזיכט אויף אַ שנעלער באַפרייונג.

* * *

בײַ בלימטשען אין קעלער=שטוב [1] איז אויפֿן טיש געלעגן אַ קײַלעכדיק ברויט. קינדער אײגענע און פֿרעמדע האָבן זיך געדריקט אין אַ רײ, זיך געשפּילט אין „אַגאַנעק“, בלויז אײנס, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט און געהאַלטן אין דער האַנט אַ באַרשט צו פֿאַרקערן, פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבאַמקען:

— „יודע הערויס! פֿאַר יודען גיבטס קײן ברויט!“

דאָס איז געווען אַן אומעטיק מאָנאָטאָנע שפּיל אויפֿן שוועל פֿון אַ נײַ=יאָר.

אַ הויכער גרויהאָריקער בעטלער איז אַראָפּ אין קעלערשטוב. נישט קוקנדיק אויפֿן פֿראָסט, האָט ער געטראָגן אַ צעפֿליקטן לײַכטן פּידזשאַק, וועלכן ער האָט געהאַלטן אַרום זיך געבונדן מיט אַ צעפֿרעסענער פֿעדערישער לײַץ. בײַלמשעס קינדער האָבן זיך דערשראָקן. בלימטשעס קינד האָט זיך צעוויינט. עס איז געווען די צײַט פֿון מיטאָג. אויף דער קיך איז געשטאַנען אַ שיסל קאַרטאָפֿל און אַ טעפּל באָרשטש. דער בעטלער האָט געכאַפּט אַ קאַרטאָפֿל נאָך אַ קאַרטאָפֿל. דער גאַנצער באָרשטש איז צוזאַמען מיט די קאַרטאָפֿל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אײן אויגנבליק צווישן דער שטעכעדיקער באָרד.

— קאַרטאָפֿל, ברויט... קאַרטאָפֿלעס... — האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו מרוקען, אַ פֿאַרוווּנדערטער פֿון דעם אַלעם, וואָס ער זעט. ער האָט זיך גענומען דאָס קײַלעכדיקע ברויטל, סקיבעסווײַז האָט אויך דאָס ברויטל אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן. גראָד זענען בלימטשע און בײַלע אונטן נישט געווען. דער פֿאַרשוין האָט כסדר געגישטערט אין די ווינקלען. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום וויגל, אין וועלכן עס איז געלעגן בלימטשעס עופֿהלע, האָט מאָרנע דערויף געקוקט. די קינדער האָבן געמאַכט אַ געוואַלד, צונויפֿגערופֿן מענטשן פֿון הויף, אָבער בלימטשע איז אַרײַן און דערקענט אין בעטלער איר מאַן סענדער.

מען האָט געהאָלפֿן סענדערן זיך אַרומוואַשן. בײַלמשע האָט אים אוועקגעשענקט איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַנס אָנטועכץ. אַ שערער האָט אים צורעכט געמאַכט די פֿריזור. און ווידער האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ יונגער מאַן, באַטש גרוי, מיט אַ צעקײַלטן פּנים, אָבער שלאַנק און קרעפֿטיק געבויט. בלימטשע האָט אָבער געהאַט פֿיל דאָגע צוליב זײַן אומגעהויערן וועלפֿישן אַפּעטיט, צוליב זײַן אומגעלומפּערטן געיעג נאָך קאַרטאָפֿל און ברויט און טאַקע — צוליב פּרנסה בכלל.

[1] ווי עס דרינגט אַרויס פֿון ווײַטערדיקן טעקסט, האָט זיך בלימטשע צוריקגעקערט קײן וואַרשע. ווי אַזוי, איז אין טעקסט נישט פֿאַראַן. עס קען זײַן, אַז עס פֿעלט ווידער אַ שטיקל פֿון דער מאַשין=שריפֿט. — באַמ. פֿון רעד.

* * *

האָדעס האָט געהערט צו די שטילע מוטערס, וועלכע פאַרטראָגן ליידן אין שטילקייט, בייגן זיך אונטער דעם לאַסט, נישט אַרויסווייזנדיק פאַר קיינעם זייער שמערץ. מיטן פאַרעסטירן אַראָנען האָט זיך אָנגעהויבן איר קראַנקהייט פון דער לעבער. איצט האָט געווירקט אויף דער קראַנקהייט דעם אַוועקגיין. זייער אָפט פלעגן זיך איבערחזרן איצט האָדעסעס אַטאַקן. איין בערנאַרד האָט געקאָנט פאַר איר עפּעס טאָן. מינע איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע אין אירע ליידיקע צימערן. פון הינטער דער גרענעצדיקער דינער וואַנט האָבן אָפּגעהילכט אירע לאַנגזאַמע טריט, ווי זי וואָלט זיך געקוויקט מיט דער איינזאַמקייט.

...מינע האָט געקוקט דורכן פענצטער. אַזוי פלעגן אָפּלויפן איצט אירע שעהן און טעג. יעדן איינעם, וואָס פלעגט אַריינקומען אין הויף האָט זי באַגלייט מיט איר בליק. און יעדן איינעם האָט זי געזען אַן אָנבליק פון איר זון אָדער מאַן. יעדער שאָרך ביי דער טיר האָט געוועקט איר אויפמערקזאַמקייט: אָט באַלד וועט אַ טריל טאָן די טיר מיטן באַקאַנטן היימישן טאָפּלטן קלונג פונעם מאַן און דרייפאַכיקן פון זון... זי איז גרייט זיך אַ וואָרף טון אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן, ווער עס וועט אַזוי היימיש אַ דריק טון דאָס טיר־גלעקל.

עס זענען אַריבער טעג און וואָכן. קיינער האָט נישט געקלונגען מיטן היימישן קלונג, קיינער האָט אפילו נישט אַ קלאַפּ געטון גראָביונגיש מיטן אָפּצאַס. די טיר האָט געזשאַווערט אויף די שטומע האָקנס, געדולדיק געשוויגן מיט אַ הילצערנער טעמפּקייט. און אַז דאָס אַלץ האָט זיך איינגעעקשנט, קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט, איז מינע אַליין צוגעגאַנגען צו דער שוועל, האָט אויפגעשלאָסן און געעפנט די טיר — צו שאַפן אַן אילוזיע.

— סוף־כל־סוף זענט איר דאָ, מיינע געסט, — האָט זי אַריינגעזאָגט אין דער פּוסטקייט, און די פּוסטקייט האָט געענטפערט מיט אַ וואַרעמען אָטעם, מיט קינדערישן חן: „מאַמעשי“, „מינקאַ“...

אויף אַזאַ מאָמענט האָט מינע געוואַרט.

באַקאַנטע ניגונים דערגייען צום אויער, און מינע וווּנדערט זיך: פון וואַנען נעמט זיך פּלוצלינג אַזאַ גרויסע פרייד, וועלכע טוט פון ערגעץ אַ שטראָם צו איר האַרצן צוזאַמען מיט האָפענונג? צי איז דאָס אַ פאָרגעפיל, אָדער אַן אויפבליץ אין דער נשמה פון אַ מענטשן, וועלכער האָט אַלץ פאַרלוירן און האָט שוין נישט וואָס צו פאַרלירן?

זי דערמאָנט זיך אָבער, אַז: אַזוי פלעגט ראַפאַל זינגען זיינע באַליבטע לידער, און גראָד איצט שפּילט אויס די מעלאָדיע דאָס פּיאַנינאָ פון קריסטלעכן שכן.

צי לעבן זיי? אוודאי לעבן זיי. עס איז קריג. זיי וועלן צוריקקומען, און זיי מינע וועט אויף זיי זיך ביוזערן פארן לאנגען שטילשווייגן. זי וועט זיי פארגעבן ווי א מוטער קאָן און מוז פארגעבן.

מינע האָט נישט געוווסט פון דער ידיעה, וועלכע עס האָט געבראכט די פויערטע פון פּאָפּלאווועס, פון דעם זונס פארבלוטיקטן דאָקומענט (עס ליגט אין בערנארדס שופלאָד) ווי אויך פון דער גאנצער ווישקאָווער טראגעדיע. בערנארד האָט איר פארזיכערט, אז פיל יידן זענען פארשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאנד אויף ערד=ארבעט, אז זיי זענען געזונט, און מינע האָט געגלייבט דערפאר, ווייל זי האָט געוואָלט גלייבן.

אינסטינקטיוו האָט זי אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט באקאנטע, ווייל אן איינאיינציקער זשעסט אָדער אויסדרוק פון א פרעמדן וואָלט געקאָנט צעשטערן די גרויסע אילוזיע.

אן אומעט האָט זיך אויסגעבעט איבער די ליידיקע שטובן פון דער משפחה בערמאן. די פארלאָזענע בעטן האָבן געטריפט מיט אומעט, מיט אומעט האָבן געטריפט די פאָטאָגראפישע בילדער. יעדעס ווינקעלע אין די שטובן איז אָבער געווען באָענט צום הארצן, פלעגט אָטעמען מיט היימישקייט און געמיטלעכקייט.

בערנארד ווארט אויך. אויף וואָס אייגנטלעך ווארט ער, ווייסט ער אליין נישט. פונעם הויז זענען אוועק די באלעבאטים, די לאָקאטאָרן, אפילו סובלאָקאטאָרן. זיין געדאנק איז קאָנצענטרירט אויפן איינאונאיינציקן פינטעלע, און דאָס דאָזיקע פינטעלע איז דער זעלנערישער טשוואָק. ווייל איצט האָט דער זעלנערישער טשוואָק דאָס וואָרט — און מער קיינער נישט.

פוסטקייט. די פוסטקייט, וואָס צעשטערט דעם מוח מיט איר בלייערנער שווערקייט, סמט אָפּ די קעמערלעך פון געזונטן פארשטאנד, האקט איבער די פעדעם פון יעטוועדן געדאנק. אין אזא פוסטקייט ווירקט יעטוועדער שאָרך, אפילו פון א מויז.

ציטערסט. ווייל נישט דער פארשטאנד, און נישט דאָס געפיל הערשט איבער דיר. אָנשטאָט דעם פארשטאנד הערשט איבער דיר דער בלינדער צופאל. און אויב עס איז פאראן א געפיל, איז עס חיהשער סאדיזם, חזיריי.

פארוואָס איז געוואָרן אין דער שטוב אזוי ענג? די פענצטער=ראמען זענען קראמן, א וואנט קומט זיך צונויף מיט א וואנט, דער סופיט לאָזט זיך אראָפּ אינדערנידער, אינדערנידער, עמעצנס בלייערנע פינגער דריקן ביים גאָרגל, און עס גלוסט זיך אויסצושרייען מיטן לעצטן אָטעם:

ר א ט ע װ ע ט!

שטערן קוקן אראָפּ פון דער הייך, און עס דאכט זיך, אז דער וועלטאל ארום איז פול מיט געלעכטער איבער דעם אלעם, וואָס מענטשן=קארליקעס טוען אָפּ אויף

דער ערד. די צייט איז לאנג און געדולדיק, און די גרענעצן פון רוימען גרייכן צו אומענדלעכקייט.

עס רעגנט, עס גלוסט זיך, אז דער רעגן זאָל ווערן פארוואנדלט אין א פאר־פלייצונג, אז מעכטיקע פאליעס זאָלן אָפּשווענקען מיט איינמאָל די פסולת פון דעם אייטערדיקן פלאנעט.

אָט ציט זיך ארויס פון דעם הויף א פור מיט מעבל. פערד טוען אָפּ זייער באַדערפעניש ברייטלעך אויפן טראָטואר. דער פורמאן פארהילכט די גאס מיט זיינע געשרייען. דער פורמאן איז א קריסט, און דער וואָגן איז פארפולט מיט קריסטלעך מעבל. יידן רוימען איין אייגער דעם צווייטן א סוד: „א קריסט ציט זיך ארויס פון א יידישן הויף, ווי פון א ברענענדיק הויז...“

בערנגאַרד האָט ביישט פארשטאָנען ווי אזוי צו האַלטן דעם קאָפּ[1] — מיט ווירדע אָדער אראָפּגעלאָזט, ווי א געשלאָגענער הונט, וועלכער איז גרייט צו לעקן דעם קאַנטשיק פון זיין שיכורן באַלעבאָס פאַר אומזיניקע קלעפּ.

ער האָט באשלאָסן צו אַנטלויפן. די מוטער איז אָבער געווען קראנק. אָן איר האָט בערנגארד זי ביישט געקאָנט לאָזן.

* * *

עס איז געווען ארום ניין אינדערפרי. א פלוצלינגער קלונג. עס קלינגט אויף אַליאַרם, אָן אויפהער. עמעצנס שווערע שטיוול האַקן האסטיק אין טיר. די גאַנצע שטוב ווערט פול פון קלינגען און האַקן. פון זיך אליין פראַלט זיך אויף די טיר מיט א קנאַק:

— יודע, דיין געלט!

האַדעם האָט זיך געכאַפּט פארן האַרץ, איז געפאַלן אין חלשות. בערנגאַרד האָט זי געמונטערט. ער האָט אָבער דערפילט אויף זיין קאַרק א פּלעם פון א גומי. א מונדירטער פארשוין האָט אים געשטויסן אין קאָפּ מיט א קליין געווער און פארלאַנגט:

— דיין געלט, אָדער טויט!...

בערנגאַרדן האָט פארכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געשוויגן. מיט עקל און פראָטעסט האָט ער א וואָרף געטון א מטבע אויפן טיש.

די מטבע איז געבליבן ליגן אויפן טיש. זי איז, קענטיק, געווען צו קליין. עס האָט געקנאַלט. פון דעם קנאַל איז די מוטער צו זיך געקומען. בערנגאַרד האָט נאָך ארויסגעוויזן סימנים פון לעבן. ער איז געלעגן ביי אירע פיס מיט אָפענע אויגן, א רואיקער. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן.

---

[1] דער ספעציעלער צייכן פאַר יידן אין ווארשע איז געוואָרן איינגעפירט דעם 1־טן דעצעמבער 1939 — צושריפט פון מחבר.

די מוטער איז אראָפּ פון איר בעט מיט ציטערדיקע פיס, האָט זיך גע־שטעלט פאר די לייט.

— מערדער, אויסוואורפן! מיט וואָס פאר א רעכט...

אויך די צווייטע קויל איז געפאלן אויפן חשבון פון רייך.

שווערע זעלנערישע טריט פון די זיגער האָבן זיך געקייקלט פון די טרעפּ, טראָגנדיק שרעק און פארניכטונג.

* * *

ווידער נאכט. טיק־טיק־טיק־טיק... עס טיקעט אויס דער זייגער דעם פולס פון זיין הארץ. און טאקע דער זייגער אליין איז אין בעהמאנס שטובן דער איינ־ציקער, וועלכער פארמאָגט נאָך ענערגיע און מוט צו באוועגן זיך. מיגע ווארט נאָך אויף איר מאן און זון. זי עפנט א פאָרטקע, ציט אריין די פראָסטיקע לופט. עס שטייט שוין דער ווינטער. באלד וועט ארויספאלן א געדיכטער קלאָרער שניי, ער וועט באדעקן די ערד מיט ווייסן, בלענדענדיקן טרויער — און א טרייסט וועט זיך אויסשפרייטן איבערן צעווייטיקטן לאנד.[1]

---

[1] שרייבנדיק וועגן יוספס און ראפאלס אומקומען אין ווישקאָוו, האָט דער אויטאָר זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביי פאַקטן. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען הונדערטער יידן: זקנים, פרויען מיט זייג־קינדער אויף די הענט געוואָרן דערשאָסן אויך אין דער שטאָט גופא, גלייך נאָכן אריינטרעטן פונעם דייטשישן מיליטער.

די עקזעקוציע האָבן די זעלנער אויסגעפירט אויפן באפעל פון קאָמפּאניע־פירער זייער געוויסנהאַפט. די פאַרוונדעטע יידן, וועלכע זענען נישט געוואָרן דערהרגעט מיט־אמאָל, זענען דערשאָסן געוואָרן צום צווייטן מאָל.

אויך דערוויסט זיך דער אויטאָר, אז ווען דאָס מיליטער איז אריין, איז דער גרעס־טער טייל שטאָט נאָך געווען אומבאַשעדיקט. פאַרניכטעט די שטאָט האָבן די דייטשישע זעלנער שוין נאָך זייער אַריינקומען.

די כלומרשטע סיבה פון נקמה איבער די יידן זאָל זיין דער פאקט, וואָס א פוי־לישער רעזערוויסט, א קריסטלעכער איינוווינער פון שטאָט, זאָל האָבן פון א באהעל־טעניש געשאָסן צום אריינקומענדיקן מיליטער פון זיין אייגענעם רעוואָלווער.

צושריפט פון מחבר.

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

I

— וווהין גייסטו, ייד?

אָט די פראגע האָט געקלונגען אַ שלאָג טאָן ווי א דונער א צופעליקן יידן אין גאס אומגעריכט אינמיטן גאנג. די פראגע האָט געשליידערט א ציוויל=געקליידעטער דייטשער באַאמטער. ווארטנדיק אין א דראָענדיקער פּאָזע, פארלאנגט ער דורכויס א תשובה.

וווהין, נאָכוואָס און פארוואָס?

— הענדע האָך! (הענט אין דער הויך!).

דעם יידנס קעשענעס ווערן דערביי אויסגעדרייט אויף דער לינקער זייט. זיינע בלאַסע הענט זענען אויסגעשטרעקט צו די וואָלקנס. זיי ציטערן פאר שרעק.

אָבער צוליב וואָס איז אַנטשטאַנען מיטאַמאָל א טומל? יידן שפּארן פאר זיך אין געאייל, עס ווערט אַ געדראַנג. אַ כאַאָטישער געלויף. ערגעץ=ווו אויפן פּלאַץ פון אייזערנעם טויער האָבן זעלנער זיך א שפּיל געטאָן מיט א יידישער באָרד — לויפן אלט און יונג, מענער און פרויען איבער באַנק=פּלאַץ און לעש, פון לעש איבער קאַרמעליצקע און פּזשעיאַזד צו די גאַסן און געסלער פון יידישער ענגשאַפט. א געדראנג ווערט איבער זאמענהאָף, איבער נאַלעווקעס און מילע. אין איין מינוט פארשווינדן פון די שמאָלע טראָטוארן די בייגל= און ברויט=פּארקויפער, די סקאַרפּעטן= און קראַוואַטן=הענדלער, ווי אויך די אָנבאָטער פון ווייסע „אָפּאַפּסקעס“ (אָרעמבענדער פאר יידן) — דעם אָריגינעלסטן ארטיקל פון לעצטן יאָר=טויזנט. א פּאניק באַהערשט אלע ווינקעלעך פון יידישן דלות. צעשראָקענע אויגן, צעפלויגענע פּאָלעס, קיינער ווייסט נישט פון וואָס ער אַנטלויפט, קיינער וויל נישט דערקלערן די סיבה. אָבער לאַנגזאם באַרואיקט זיך ווידער דער שטראָם, און ווידער גייט יעדערער זיין וועג ווי געווינלעך, זיך אַרומקוקנדיק און פּרעגנדיק אויף אלע זייטן:

— צי קאָן מען שוין גיין?

— צי קאָן מען שוין אדורכגיין?

— צי שלאָגט מען נישט?

אַזוי האָבן אויסגעזען װאַרשעווער גאַסן אין די ווינטער־חדשים פון יאָר 1940.

טאָג־טעגלעך זענען צענטליקער טויזנטער האַלב־נאַקעטע יידן אין פאַרצייטיקע בוידן אָנגעלאָפן געיאָגטע, אַרויסגעטריבענע פון פּוילישע שטעט און שטעטלעך — פון פּריש־געבאַקענעם „רייך“.

אַנדערש זענען איצט געווען די פאַרהעלטענישן אין לאָדזש. די איבערגעבליבענע יידן זענען געוואָרן אַריינגעשפּאַרט אין אָרעמען באַלוט, כדי זיי צו מאַטערן מיט הונגער און שמוץ. סענדערס עלטערן האָבן זיך געפונען אין געטאָ. די פאַמיליע האָט געשמאַכט אין א פינצטערן אַלקער ביי אַן אָרעמען פורמאַן. דאָ זענען געווען אויך אַנדערע משפּחות. זאַלבעדריט איז מען געזעסן אויף א שטול, זאַלבעזעקס איז מען געשלאָפן אין א בעט. דאָס געטאָ איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכנדיקן דראָט. 150 טויזנט יידישע משפּחות זענען געזעסן אין תּפיסה, פאַרמשפּט אויף הונגער און שמוץ. די צאָל לוויות האָבן זיך געמערט מיט יעטוועדן טאָג, מיט יעדער שעה. סענדערס עלטערן האָבן געלעבט פון „גרייטן“. נישט יעדערן האָט זיך איינגעגעבן עפּעס צו באַהאַלטן אויפן שוואַרצן טאָג — דאָס פאַרמעגן האָט געמוזט בלייבן אין דער אַלטער היים אויף הפקר.

סענדערס יינגסטער ברודער, דודל — אַזוי האָט אים די משפּחה גערופן פאַרצויגן צוליב זיין נידריקן וווקס — האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט. אָבער אין חודש פעברואַר זענען יידישע קריגס־געפאַנגענע געוואָרן אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די דייטשע לאַגערן צוריק קיין פּוילן. (צו יענעם טייל פון געוועזענעם פּוילן, וועלכן די אָקופּאַנטן האָבן געגעבן דעם נאָמען „גענעראַל־גווערנעמענט“).

אונטער דער אָנפירונג פון שטורמיסטן איז דוד צוזאַמען מיט אַנדערע 700 חברים געבראַכט געוואָרן קיין לובלין. דער ווונטש פון די „שוואַרצע“ איז געווען, אַז דער לובלינער יודענראַט זאָל אויסקויפן די געפאַנגענע פאַר א הויכן פּרייז. אַזוי ווי דער יודענראַט האָט נישט אויסגעקויפט, האָט די מאַכט באַשלאָסן צו טרייבן די געפאַנגענע אין דער ריכטונג פון ביאַלע, זיי קאָנצענטרירן דאָרט אין א באַזונדערן לאַגער. טאַקע דאָ אויפן וועג פון לובלין קיין ביאַלע, צווישן די שטעטלעך לובאַרטאָוו און פּאַרטשעוו האָט זיך אָפּגעשפּילט איינער פון די געשיכטלעכע עפּיזאָדן פון דעם „יידישן“ קריג. — — —

א טיפער שניי איז געלעגן איבערן וויסטן לאַנד. אין דעם שטח אַרום האָט דאָס אויג נישט געכאַפּט קיין איינאונאיינציקן שטראַל. בלויז די פּראָסטיקע שטערן האָבן פון הימל ווי גליענדיקע שאַרפן אַראָפּגעשימערט. לויט די שטערן האָט סענדער געוווסט, אַז ער גייט אין דער ריכטונג צו דער רוסישער גרענעץ. לאַנגע שעהן האָט סענדער זיך געראַנגלט מיט דער קלעפּעדיקער מאַסע. יעדער שפּאַן פון שטח האָט געמוזט באַקעמפט ווערן, גענומען ווערן מיט געוואַלד. עס איז גע־

ווען אַ שווער שטיק אַרבעט — און סענדער האָט געשוויצט, נישט קוקנדיק אויפֿן 20־גראַדיקן פֿראָסט. אַ מידער האָט ער זיך געזעצט אויפֿן שניי רוען. אַ שלאָף איז מיט שווערקייט געהאָנגען איבער זיינע ברעמען. אַ פּלאָנטער פֿון חלומות האָט פֿאַרנעפּלט דעם מוח. אָבער אַ בילן פֿון אַ הונט האָט סענדערן געבראַכט צום באַוווסטזיין. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פֿיס, האָט אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן דעם גראָבן שטעקן, כּדי זיך צו ווערן. דער הונט האָט געפֿינקלט אין דער טונקלקייט מיט וועלפֿישע אויגן, האָט מיט הילכיקן בילעריי אַרומגעקרייזט אַרום סענדערס פֿיס, געזוכט אַ צוגאַנג צו זיין האַלדז און קאָפּ. סענדער האָט געפֿאָכעט מיטן לאַנגן שטעקן, שאַפֿנדיק אַרום זיך אַ ראָד פֿון אַ מיל, ביז דער הונט איז אַנטלאָפֿן אין דער ריכטונג צום וועלדל, וואָס האָט זיך געשוואַרצט אין דער נאָענט.

סענדער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גאָר אין דער נאָענט איז דאָ אַ דייטשישע וואַך, אַז ער איז אין אַ קלעם. אַ דערפֿרישטער פֿון אויפֿרעגונג, האָט ער איבעראַניים מיט כּוח זיך אַדורכגעלייגט אַ וועג אין די פֿאַרפֿרוירענע קורהאַנעס. דאָס בילן האָט זיך איבערגעהזרט. אין נאָענטן וועלדל האָבן אָפּגעהילכט שאָסן.

סענדער האָט געשפּאַנט פֿאָרויס. אָבער פֿאַר זיינע אויגן האָבן געקרייזט שוואַרצע רעמען וואָס אַמאָל שנעלער, אין קאָפּ האָט גערוישט אַ מיל. אַ דערשעפּטער איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן שניי.

אַזאַ דיקער שניי האָט גלייכצייטיק באַדעקט דעם וועג, וועלכער האָט געפֿירט פֿון לובלין קיין פּאַרטשעוו דורכן שטעטל לובאַרטאָוו. דער בלענדנדיק ווייסער שניי האָט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון חודש פֿעברואַר צו זאַט געטרונקען יידיש בלוט. רויטע סטעזשקעס האָבן בלאַנקענדיק אַרויסגעקאָקעטירט פֿון דעם ווייסן אויבערפֿלאַך, ווי סימנים פֿון דער וואַקכאַנאַליע. דאָס בלוט האָט גערויטיקט אויך אין אַ חודש אַרום, ביז אַ געדיכטער רעגן איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיינע שפּורן אָפּגעוווישט צוזאַמען מיטן שניי...

— אָ, יעזוס מאַריאַ!

אַ פּויערישער שליטן האָט פֿון צייט צו צייט אַדורכגעלייגט דעם וועג. דאָס דערשראָקענע פֿערדל האָט געפֿירסקעט מיט די נאָזדרעס, געשיקלט צעסאָלאָפּעטע אויגן צום בלענדנדיקן מדבר, האָט אויף כּוח אָפּגעריסן זיך פֿון געשפּאַן, לויפֿנדיק ווו די פֿיס וועלן טראָגן. דער פֿורמאַן האָט אין שרעק זיך געצלמט. דער ווינט האָט געוויינט אין נאָענטן וועלדל מיט קרעכצעריי פֿון נע־ונדע נשמות. ווו־נישט־ווו האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון די ראָוועס פֿאַרשטאַרטע מענטשישע אבֿרים..

איבערן פֿאַרשנייטן טראַקט פֿון לובלין קיין לובאַרטאָוו האָט זיך געשלענגלט אַ לאַנגע ריי יונגע מונדירטע מענער. זייערע גרויע מלבושים זענען געהאָנגען אין שטיקער. מיט שמאַטעס אַרומגעוויקלט פֿיס און קעפּ. אַזוי זענען זיבן הונדערט יידישע קריגסגעפֿאַנגענע זעלנער געטריבן געוואָרן אָן סיבה און ציל מיטן פֿאַרשאָלטענעם וועג.

— טעמפּאָ!

אין שליטן זענען נאָכגעפאָרן מוגדירטע אין שווארצן. א דערקוויקנדיקער ישנאַפּס האָט דערוואַרעמט זייערע גופים, זיי דערמוטיקט צום ספּאָרט און צום טרעפן צום ציל.

— פּראָזיט! זאָלן לעבן די טויט־שוואַדראָנען! פּראָזיט! זאָל לעבן דער דייטשער גייסט, דער גייסט פון אַדאָלפן איבער לענדער און וועלט.

— טעמפּאָ, יידן! די אַקסלען הויך! דעם קאָפּ פאָרויס! אויב גיין — זאָל זיין געגאַנגען! שטייסטו אָפּ און פּלאָנטערן זיך ביי דיר די פיס פון מידקייט, יודע — דאַן זיי וויסן, אַז עס איז געחתמעט דיין גורל — דאַן קנאַלט, און עס יויערט דאָס הייסע בלוט פונעם יונגן גוף אין דער טיפעניש פון שניי.

— אויב גיין, זאָל זיין געגאַנגען, יודע, מיט אַ פעסטן, שטייפן טראָט. לייג אַכט, דו יודע, אז קיינער פון די פריילעכע חברה זאָל מיט א כיוון און גוטמוטיקייט דיר נישט אונטערשטעלן א פיסל... פאלסטו, אָדער מאַכסטו א פאלשן שריט אין א זייט, איז געחתמעט דיין שיקזאַל. עס קנאַלט — און דיין בלוט ווערט פארגליווערט אין מילכווייסן פעלד...

ווער זענט איר, איר יידישע יינגלעך, וואָס אויף אייער גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין אַ שפּילכל פאַרן טויטנשלעגערישן שוואַדראָן ביי לובאַרטאָוו און פאַרטשעוו? צי זענט איר איינאונאיינציקע זין, געצערטלטע פון א מאַמען? צי וואַרטן אויף אייך אין די חרובע היימען אייערע קינדער און ווייב? אייער האַרץ איז איצט פארפרוירענער שטיין, אייער נעכטן איז טויט. היינט שטילט איר דעם דורשט פון דעם גרויסן וואמפּיר, וועלכער לויערט אויף בלוט.

— אָ, יעזוס מאַריאַ! — א פויער, וואָס איז צופעליק פארבייגעפאָרן, האָט זיך געצלמט פאר שרעק. א קויל האָט געטראָפן אין זיין געצלמטער ברוסט און אין רוקן פון פערד.

— ווען דאָס יודען־בלוט פונגעם מעסער רינט, — הילכט ארויס דאָס ליד פון טייוולאָגישע העלדזער. מיט יעטוועדן טראָט ווערן שיטערער די רייען פון די געטריבענע שאָטנס. איצט גייט דער וועג באַרג אַראָפּ — טרעפן די קוילן די הינטערשטע רייען, און דאָס בלוט פליסט אראָפּ ווי א וואַרעמער קוואַל.

קיין איינאונאיינציקער קרעכץ. שטיל, ווי די סנאָפּעס, פאלן זיי איינער נאָכן אַנדערן. אָבער די הינטערשטע רייען שטופן זיך צו פאָרנט, שטרעבנדיק צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. לאַכן די טויטנשלעגער ווי ווילדע, האַלטן זיך ביי די זייטן פון אַנטציקונג. דער מאַנעוור געפעלט זיי. עס פאלט אָבער גלייך א קאָמענדע:

— האַלט! ריקווערטס! לאָז!

איצט גייען די לעצטע פון פאָרנט. די ערשטע פון הינטן. נאָכאַמאָל קנאַלט. די לופעס שפּריצן מיט קוילן, און צענדליקער יונגע מענטשן הויכן אויס מיטאַמאָל זייער לעצטן אָטעם. אָט ליגט א פּאָלוואַרק ביים סאמע וועג. די מחנה בלייבט

שטיין. זי ווערט אריינגעטריבן אין צוויי לאַנגע סטאַדאָלעס — צו פארברענגען די נאַכט.

דודל דריקט זיך די שליפן מיט די הענט, ווייל דאָס כוואַליענדיקע בלוט צעז-זעצט אים דעם קאָפּ. די לופט איז פּראָסטיק, אָבער דער קאָפּ גליט, און דער גו-מען איז טרוקן פון דורשט.

— ערלויבן זי מיר צו נעמען א ביסל שניי, צו שטילן מיין דורשט, — ווענ-דעט ער זיך צו דער וואַך. אָבער ביים זעלנער בלאַנקען די אויגן פאַר נחת. ער בליצט מיטן מעטאַלענעם טויטנקאָפּ פון זיין היטל, טוט ברודעריש א זעץ איבער דודלס פלייצעס.

— שניי ווילסטו שלינגען? דערקעלטן זיך ווילסטו צום טייוול, אזא קליינער שיינער יונג... נאָ, נאָ, נימאָלס...

פון דרויסן דערטראָגן זיך שאָסן. די געפאַנגענע קוקן זיך איבער, זיי פאַר-שטייען, אז די שאָסן טרעפן אין דער שכנישער צווייטער סטאַדאָלע. נישט אַנ-דערש די שוואַרצע האָבן באַשלאָסן אומצוברענגען אַלע ביז איינעם... אָט עפנט זיך ברייט פאנאנדער די טיר, און עס דונערט א קול פון א געשטופּלטן וועלפישן פּיסק.

— צוואַנציק יודען אין דער ריי!

טראַטאַטאַטאַ... ווי אַרבעס שיטן זיך קוילן פון מאשין-ביקסן.

א קליינע הפסקה. און דאן קומען ווייטער צוואַנציק אין דער ריי.

טראטאטאטא...

און ווידער א הפסקה.

— „אפשר זאָלן מיר זיי באַפאַלן, די וועלף מיט ציין און נעגל, מיט בלויזע פויסטן — מיר הונדערטער נאָך ביים לעבן פארבליבענע, וועלכע האָבן סיי ווי סיי נישט וואָס צו פארלירן, — האָט נישט איינעם געעקבערט אין מוח. אָבער ארום און ארום ליגן יידישע שטעט און שטעטלעך — זיי וועלן געבראכט ווערן פאר א קרבן צום אָפּגאָט פון נקמה...".

וואַראָבייטשיקעס האָבן געגראַבלט אין סטריך, מייזלעך אין שטרוי, איבער די קעפּ האָבן געשוועבט רגעס פון שטילקייט. אזוי פארלויפט דער נאַכמיטאָג. א מינוט נאָך א מינוט, א שעה נאָך א שעה.

דודל פילט, אז ער הערט אויף צו זיין באַלעבאָס איבערן אייגענעם ווילן. אז דער געדאַנק און מוח גליווערט פון דענערווירונג און אָנשטרענגונג, אז דאָס, וואָס אים דראָט, איז אן אטאק פון מוח, א קאליקע צו ווערן אויף א צייט אָדער א לעבן-לאַנג. מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג האָט דער בחור באַשלאָסן זיך צו נעמען אין די הענט.

די זון הייבט אָן זיך צו פארבן, און דודל שפירט, אז ער לעבט, ער טאַפּט זיך ביים שטערן, ביי די פיס און וווּנדערט זיך כסדר אויף זיך, וואָס אין קאָפּ יערט

א גערראַנק, וואָס אין האַרצן ברויזט נאָך א געפיל, וואָס זיין גאַנץ וועזן איז באַ־
זעלט פון א ווילן עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו
דערוועקן דעם חוש פאַרן גורל.

שוין צום פינפטן מאָל האָט די מיר זיך אַן עפן געטאָן, און פון געשטופּלטן
ביסק האָט אַריינגעשריען:

— צוואַנציק יודען!

שוין צום פינפטן מאָל זענען צוואַנציק יונגע געגאַנגען מאַכן זייער לעצטן
שפּאַציר. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק, פאַרמשפּטע. בלויז איינער, וועלכן זיינע
באַנטע האָבן גערופן דער גרויסער משה, האָט פאַרבראָכן די הענט, איז צוגעפאַלן
מיט די ליפּן צו זעלנערישע שטיוול, האָט קאָנוולסיוו געכליפּעט:

— איך האָב א מוטער, איך האָב א ווייב... קינדערלעך...

די תשובה איז געווען — א פּלעם אין די ציין.

אָבער דודל לויפט אַרום אומגעריכט פון דער סטאַדאָלע, רייסט זיך דורך
דורך דער וואַך און לויפט צו, צו דער ריי.

— איך... איך גיי פאַר אים...

און ער איז טאַקע געגאַנגען. צופרידן דערפון, וואָס אין תהום פון דערנידערונג
האָט ער געקאָנט עפּעס אויפטאָן פאַר אַן אומגליקלעכן מענטשן, איז ער געגאַנ־
גען פאַרויס מיט א געהויבענעם קאָפּ, ווי וועלנדיק באַווייזן די מונדירטע תּליינים
דעם אונטערשיד צווישן אים און זיי, זייער שפלקייט און באַרבאַריי.

מיט יעדן טראָט פאַרויס איז ער געוואָקסן אַליין העכער און העכער. דער פּחד
פאַרן טויט האָט אָפּגעטרעטן אין אים פאַרן געפיל פון ווירדע לגבי די שוואַרצע
הערשער, וועלכע האָבן מיטן מאַרך פון די שוצלאָזע, אויסגעמאַטערטע מלחמה־
געפאַנגענע געשטילט זייער בלוטדורשטיקע תאווה, דערגערט זייער באַרבאַרישן
אַפּעטיט.

דער לייטער פון דעם עקזעקוציע־צוג איז געווען א מאָגערער הויכער פאַר־
שוין. זיינע איינגעפאַלענע געשטופּלטע באַקן, דער אומהיימלעכער בליק פון זיינע
אַרויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן עדות געזאָגט וועגן א גאַנץ־יונגערישער דערצי־
אונג, וועגן באַלאָדנקייט מיט פּאַטאַלאָגישע אינסטינקטן, וועלכע האָבן געפונען
פאַר זיך א ברייט פעלד צו אויסלאָדן זיך ביי א רעכטפאַרטיקונג פון זיין מאַכט.

פונעם מויל פון דאָזיקן טונקעלן פאַרשוין זענען געפאַלן באַפעלן צו פּייניקן
און מאָרדן. פּולע פלעשער שנאַפּס זענען אויסגעליידיקט געוואָרן אויף קוראַזש.

— פּראָזיט!

דאָס קול איז געווען א קול פון עקל צו זיך אַליין, צו דער אייגענער ווילד־
קייט, שגעון.

אָבער שפּאַס מאַכן מעג מען, בפרט, אַז אין קאָפּ פּויקט אַ באַראַבאַן, און די
פיס פּלאָנטערן זיך פון אַלקאָהאָלישן געררויש.

אַט שטייען צוואַנציק מאַן אויסגעשטעלט מיטן פּנים צום פעלד.

— ווער פון אייך ס'וועט אַרויסווייזן אַ נייגיריקייט, וועט אויסדרייען אויף הינטן זיין קאָפּ, דער ווערט צעפּערטלט אויף שטיקער.

עס דויערט נישט לאַנג, אַ גרילץ פון אַ פייפל (עס איז נישט מער ווי אַ ספּאָרט) און די ריי צעפאַלט זיך. זיי פאַלן מיט פאַרגלאַצטע אויגן, מיט אָפענע מיילער, איינער ביים אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן.

אין דער לעצטער רגע האָט אָבער דודל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן. דערפאַר איז ער געשטעלט געוואָרן אין אַ זייט פון דער ריי, איינגאַנצן באַזונדער. איצט איז דודל געשטאַנען אין פעלד איינגאַנצן אַליין. די גלייכגילטיקייט צום לעבן איז געווען גלייך מיט דער קאַלטקייט פון שנײ.

חיה און קרבן האָבן אַ ווײַלע זיך אָנגעקוקט. די זון איז פאַרגאַנגען הינטער וועלדער אַ פאַרבלוטיקטע. דודל האָט געוואַרט, אַז אין אַ רגע אַרום זאָל זיין בלוט זיך אויסמישן מיט דער מענטשע בלוט, וואָס האָט געיערט מיט פּיאַלעטן געדיכטן שוים אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד. ווייל דער שנײ האָט צו זאַט זיך אָנגעטרונקען, נישט געווען מער אימשטאַנד איינצוזאַפּן.

— דער הונט בלייבט לעבן, — האָט מיט אַ שמייכל געפּסקנט די מונדירטע חיה, אונטערוויינקענדיק מיט אַ ווילדן ברעם.

דאָס שפּיל מיט דודן האָט געשלאָסן דעם אַקט פון דער הייגטיקער עקזעקוציע. עס איז באַשטאַנען דערין, אַז דער בחור האָט מיט דער גרעסטער געשווינדקייט געדאַרפט אַדורכלויפן דורך אַ „בראַנד" צווישן קאַלבעס און ביקסן. צוויי רייען פון שוואַרצע האָבן פון ביידע זייטן פאַרשאָטן זיין קאָפּ און פּלייצע מיט אַ האָגל פון קלעפּ. ווען דודל איז אָן אויסגעשעפּטער צום סוף אומגעפאַלן, האָט ער דערפילט אין זיין ברוסט אַ האַסטיקן קאָפּען פון זעלנערישע שטיוול. אַ באַגראָבענער אין שנײ האָט נאָך דודל געשפּירט דאָס פּולסירן פון זיין האַרץ, ווי דעם פאַלשן טיק־טאַק פון אַ אויסגייענדיקן זייגער.

פון דער נאָענט האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן באַקאַנטע ניגונים. דאָס איז געווען דאָס פאַרצווייפלטע געזאַנג פון די ביים לעבן־געבליבענע הונגעריקע חברים.

דוד איז געלעגן אַ פאַרשאָטענער אין שנײ. אין ברוסט־קאַסטן האָט ער געפילט אַ וויטיק — דאָ האָט געדעמפּט מיט רוגזה אַ זעלנערישער שטיוול.

די לבנה האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אונטער די וואָלקנס. דוד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. נאָענט פון אים האָט זיך געשוואַרצט אַ קיילעכדיקער פלעק. דוד האָט זיך דערמאָנט, אַז טיף אין דער זייט ליגן באַהאַלטן די קערפּערס פון זיינע חברים. דאָ מוז זיין אַ טיפער לייםגרוב...

אָבער וואָס איז דאָס? פאַרוואָס צעפאַלט זיך פון זיך אַליין דער פאַרגליווערטער צודעק? אַט גראַבלט זיך עמעץ אַרויס ווי פון אונטערן אייז אויף דער פריי...

א הונט? ניין — עס איז א פארקאַפּשעטע מאַסע מיט הענט. מיט א קאָפּ פון א מענטש... און אָט הייבט זיך די מאַסע ארויס אויף א פוס. זי פאַלט אָבער צו־ריק אנידער, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאר אים, דודן. זי ציט זיך איין ווי א שלימאַק און פארשווינדט.

פון דודס האַלדז האָט זיך ארויסגעריסן א פארשטיקטער רוף:

— קאָלעגע!

ווייל פארשטאַנען האָט ער, אז איינער פון די חברים איז פארבליבן ביים לעבן און פרווט זיך ארויסצובאַקומען איצט אויף דער פריי.

איצט זענען זיי געשטאַנען ביידע איינער לעם צווייטן, זיך מיט שרעק באַ־טראַכט, וועלנדיק זיך דערקענען.

— דוד! דוד!

— משה!

— יאָ, איך לעב, דאָס בלוט איז פון אנדערע... איך בין אומגעפאַלן צוזאמען מיט אַלע, האָבן זיי געמיינט, אז איך בין טויט...

דוד און משה האָבן זיך געקענט פון לאגער פאר געפאנגענע ביי קעניגסבערג. מיט א וואָך צוריק זענען זיי ביידע „באַפרייט" געוואָרן. פאר זיין חבר משה האָט מאַקע דוד איינגעשטעלט זיין לעבן.

— דאָס הייסט, אז זיי האָבן דיך נישט געשווינט, — האָט זיך דוד געוווּנ־דערט. און ער האָט דאָך געמיינט עפּעס אויפצוטאָן, זיך א קרבן פאר עמעצן צו ברענגען...

א ווילד געזאַנג האָט צעריסן דעם שטח. דאָס האָט עמעץ אין דער סטאַדאָלע נישט אויסגעהאַלטן, איז אראָפּ פון די געדאַנקען, האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון ייד און מענטש. א באַפרייטער פון דער ערד, ווי א פויגל, האָט ער זיך געזונגען סאָלאָ.

אָבער אָט מישן זיך אריין אויך אנדערע קולות. פלעכטן זיך צונויף אין א כאָר.

דוד האָט זיך אויפגעהויבן. זיין גאַנג איז געווען אַן אומזיכערער, ווי פון א מענטש, וואָס האָט פארלוירן דאָס רעכט אויף זיין לעבן. יעדער שפּאַן פון דער פּראָסטיקער ערד האָט געבריט זיינע טריט.

דער ווייטיק אין ברוסט־קאַסטן האָט נישט נאָכגעלאָזט. עס איז געווען א גע־פיל ווי דער זעלנערישער שטיוול וואָלט נאָך געדריקט אויף זיין ברוסט. ווי די זשעבערעס וואָלטן ארויס פון זייערע שלעסער, זענען אריין אין דערמיט.

די זינגער פון דער סטאַדאָלע האָבן נישט אויפגעהערט. פארצווייפלטע קו־לות האָבן זיך אריינגעריסן אין שטח, זיך געריסן צו די שווערע, בלייערנע הימ־לען, ווי עס וואָלטן פארבלאָנדזשעטע פילגער נאָך עמעצנס הילף גערופן אין קע־גיגרייך פון שלאַנגען אין מדבריות.

א שטערנדל האָט זיך אויפן הימל באַוויזן. א שטראַל פון א ווייסן פּלאַנעט האָט אַראָפּגעשימערט ווי א פריינדלעכער ווייטער גרוס.

— — — די שטימונג אין סטאָדאָלע ביי די איבערגעבליבענע חברים איז געווען גלייך צו דער שטימונג פון פּאַראַטמיילטע צום אונטערגאַנג ערגעץ צווישן אייז־בערג, וואו יעטוועדע רעטונג איז אוממעגלעך. אָבער נישט בלויז די אַגוניע פון טויט האָט געדריקט די געמיטער. געדריקט האָט די דערנידעריגונג און דאָס וואַרטן, אַז באַלד, אין א רגע אַרום, אין אַ שעה אָדער צוויי וועט די ברייטע סטאָדאָלע־טיר אַן עפן טאָן איר מויל צו איינשלינגען אין א תהום די ווייטערדיקע צוואַנציק, אָדער הונדערט מיטאַמאָל. די געפאַנגענע האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, זיך געקלאַמערט, ווי אומזיניקע, אין די געפּראָרענע דילעס פון דער סטאָדאָלע. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די קלעפּ פון זייערע הערצער, וואָס האָבן צוזאַמען געשלאָגן אין אַ כאָר. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ טריט ווייטער לויערט דער טויט אויף דער פריי — אַז אין פרייקייט איז דער תהום.

— קיינער קומט נישט פון דאַנען אַרויס, — האָט דער פּאָסטן זיך געקוויקט — איר ווערט פאַרברענט אין דער בורע לעבעדיקערהייט...

די רגעס זענען געווען שווערע, זיי האָבן זיך אַריינגעשמידט אייגע אין די צווייטע, ווי רינגען פון קייטן, אויספלעכטנדיק מינוטן און שעהן. די מינוטן פון וואַרטן האָבן זיך געצויגן לאַנג ווי אַן אייביקייט, ווי דער וועלטאַל אַליין וואָלט דאָ אין דער סטאָדאָלע צוזאַמען מיט די געפּייניקטע יונגעלייט געוואַרט אויף זיין סוף. די שעהן האָבן זיך געדרוקט מיט א שווערקייט פון שוידער, ווי שווערע טראַקטאָרן איבער הויפנס פון ביינער און פאַרגליווערטן בלוט. ציינער האָבן געקנאַקט פון קעלט און דערשעפּונג — זאָל שוין אַמאָל קומען וואָס עס דאַרף.

אין דרויסן האָט דער ווינט אויסגעפּייפט זיין וואָלפישן ניגון. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן הפקרדיקן פייפן פון דער ווינט מישט זיך צונויף דאָס געוויין פון א מוטער איבערן קבר פון איר קינד.

די נאַכט האָט זיך געלייגט איבער די בלוטיקע סטאָדאָלעס. א פרישער שניי האָט געזיפּט. דאָס פייפן פון דרויסן האָט נישט אויפגעהערט. ווי די וועלף וואָלטן פון די וועלדער אהער זיך צונויפגעלאָפן, דערשמעקנדיק דעם רויב. אויף דער הוילער ערד זענען נאָך 6 מענטשן געלעגן איינער נעבן אנדערן. דער באַגינענדיקער שטראַל האָט געזאָלט ברענגען דעם המשך פון דער עקזעקוציע.

די טיר האָט א סקריפּ געטאָן. פון 300 העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן א פאַרשטיקטער געשריי. אָט שטייט מען שוין ווידער אין רייען, קוים וואָס מען שלעפּט די פאַרגליווערטע פיס, נישט אָפּצושטיין — נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן מיט אייגענער אויסגעמאַטערטקייט... מען גייט אָבער ווייטער — אַזוי גוט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. אויגן פיבערן. א געוויש אין די קעפּ. אָט זעט מען די דעכער פון פּאַרטשעוו...

דאָס שטעטל איז עלעקטריזירט פון דער ידיעה וועגן מאַסן־עקזעקוציעס אי־בער יידישע קריגס־געפאנגענע. קינד און קייט גרייטן זיך אויפצונעמען די הונ־דערטער נאָך ביים לעבן פארבליבענע, וועלכע דארפן א ליאדע רגע דורכמאַר־שירן די גאסן. אָנקאַרמענען די געטריבענע, זיי באפרייען פון די תלינישע הענט — מעג עס קאָסטן אַן עשירות. גאָלדענע חפצים ווערן ארויסגענומען פון די באַ־העלטענישן, ווערן צונויפגעזאמלט ווי אויסקויף־געלט. אָט איז שוין די מחנה אין שטאָט, פיבערנדיקע, דערהרגעטע, אָפּגעריסענע, פארפארבטע אין בלוט. דער צוג ציט זיך אין א לאַנגער שורה, פלעקנדיק דעם שניי אונטער די פיס, ציט זיך אין דער ריכטונג צום שול־הויף.

דער געשטופלטער ליטער פון צוג האָט געשפיגן פאר זיך אין דער ווייט. איינציגעם מיטן רויך פון זיין פייקע האָט ער געוואָלט אויסשפייען פון זיך דעם חלשותדיקן עקל צו זיך אליין און צו זיינע אייגענע פריינד. די געפאנגענע האָט ער באפוילן איינשפאַרן אין דער שול, אליין איז ער ארומגעגאַנגען איבערן פאָליש א צעטראָגענער. האָט זיך געוואונדערט, וואָס די מענטשנפרעסערישע אָנפאלן, וועל־כע מאַטערן אים פון זיין קינדהייט אַן צוליב עפּעס א פסיכישן דעפעקט, ברויזן ווידער אויף מיט זייער גאַנצער קראַפט. ער האָט א באַגער זיך אויסשרייען, כדי אָפּטרייסלען פון זיך דעם גרויל פון דער מאַגיע, פון דעם אייגענעם ווילדקייט־שגעון.

— אלע אויסשלאַכטן, אלע ביז איינעם, — האָט אָפּגעהילכט פאר דער נאַס דעם אונטעראָפיצירס קול — איך וועל מיינע לייט באַפעלן זיי אויסשיסן אלע ווי די הינט... לאָז!

עס האָט גישט געהאָלפן קיין טענהן און בעטן. מער ווי ארגומענטן און בקשות האָבן געווירקט מתנות ווי אויך די פרעס. יידן האָבן צונויפגענומען וואָס זיי האָבן געקענט צו שאפן אַ מאָלצייט מיט טייערסטע ווייגען פאר די הערשער איבערן לעבן און טויט פון די פארבליבענע 300. זיי האָבן געפועלט, אז די געפאנגענע זאָלן ווערן אריינגעזעצט אין פויערישע שליטלעך, כדי אויף אזא אופן דערגרייכן צום אָרט פון דער באַשטימונג — צו ביאלא־פאָדלאַסקאַ. דאָרט האָט געזאָלט זיין זייער שטענדיקער לאַגער...

די באַן האָט געשפּאַרט פאָרויס איבער די פארשנייטע פעלדער. די וואַגאָ־נען זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פויערים און פויערטעס, וועלכע האָבן פעטס, אייער און פלייש געשמוגלט קיין ווארשע. די רייזנדע האָבן גערעדט וועגן פרייזן, וועגן רעוויזיעס אין די באַנען, וועגן היימישע אָנגעלעגנהייטן, ווי דאָס כאַפּן און פארפירן זייערע קינדער אויף ארבעט קיין דייטשלאַנד. פון צייט צו צייט פלעגט איבער די וואַגאָנען אדורכגיין א פּאָליציישע וואַך.

דוד און משה זענען געזעסן אין א ווינקל, פארקליידעטע ווי אריער[1]. די מלבושים האָבן זיי געקראָגן ביי פּאַרטשעווער יידן.

דער קליינוווקסיקער דוד האָט געוווסט, אז זיינע אויגן מוזן שפּראָצן מיט גלייכגילטיקער גדלות און שטראַלן מיט רוגזהדיקן שטאָלערנעם גלאַנץ.

קיין איינציקער שטריך פון זיין פּנים דאַרף נישט דערמאָנען אין יידישע ליידן און פּערזענלעכן פּיין.

יעדער אויסדרוק פון טרויער מוז פארשווונדן פון די ווינקלען ביים מויל.

דער הויכוווקסיקער משה איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט פארוואָרפן איבערן שטערן א פארבראָכענעם דאַשעק ווי א דאָרפישער אַנטעק. אויסגעשמירט זיינע שיך מיט עפּעס א שמירעכץ, פון וועלכן עס האָט געעיפושט. פון זיין האַלדז האָט זיך געשפּירט אַן עסיקער ריח פון ביליקן טיטון. ער האָט געריכערט און געשפּיגן.

II

א דעצעמבער־פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען איבער מזרח־פּרייסן און צוזאמען איבער קעניגסבערג מיט זיין סטאַבילן לאגער פאר קריגס־געפאנגענע זעלנער. אין דעם לאגער זענען געשטאַנען טויזנטער פערד פון דער געוועזענער פּוילישער קאַוואַלעריע. די געפאנגענע האָבן געוווינט אין צונויפגעשלאָגענע שאָפּעס. אָבער די פערד זענען געשטאַנען אויף דער פריי. אויף דער פריי האָבן זיך אויך געפונען די טויזנטער יידן פון דעם פּראָוויזאָרישן לאַגער, וועלכער איז געלעגן הינטער שטעכעדיקע דראָטן אין דער נאָענט. יידן, צופעליק געכאַפּטע אויף די גאַסן און וועגן, זענען געבראכט געוואָרן אהער אין צוגעמאַכטע אויטאָס פון דער באזיגטער פּוילישער ערד. דאָ זענען געווען פון פאַרשידענעם עלטער, זקנים און יוגנטלעכע. אין די טעג האָבן זיי געגראָבן, געשלעפּט משאות, אויפן באַפעל געזונגען און געסראָבן אויף די קני אונטער א האָגל פון טויט־קלעפּ. די נעכט האָבן זיי פאַרברענגט אונטערן הימל, אין רעגן און פראָסטיקן טוי. איינער צום צווייטן האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, נישט געוואַגט אפילו צו קוקן אין די אויגן. זייערע לייבער זענען בלוי געווען פון הונגער און קעלט, און פון אָפּטע עקזעקוציעס. דער בליק פון זייערע אויגן האָט געזוכט אין אומענדלעכקייט, ווי זיי וואָלטן פארלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער ווילד־געוואָרענער פרעמדער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן איצט געטרעטן.

די בלאַסע שטראַלן פון דעצעמבער־פרימאָרגן זענען געפאַלן אויך אויף די צונויפגעקנוילטע טויזנטער יידן. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ רוף פון טרומייט־

[1] יידן האָבן שוין נישט געקאָנט פאָרן אויף דער באַן — באַם. פון רעד.

סיגנאַל — זיך אויפצוהייבן פון דער פאַרבלוטיקטער ערד, זיך אַ שטעל טאָן אין אַ ריי — כדי צו ווערן דערשאָסן פון מונדירטע אין שוואַרצן אויפן ווונק פון זייער שוואַרצן קאָמענדאַנט.

פיל רייען זענען געווען, איינע הינטער דער צווייטער. מיט יעדן פרימאָרגן איז איינע פון די רייען אויסגעלייזט געוואָרן פון הונגער און פיין. אייערנעכטן די ערשטע, נעכטן די צווייטע און היינט?... דער אינסטינקט פאַרן לעבן העכער איבער אַלעס, האָט יעדערער מורא צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער פאַראורטיילטער ריי. אָבער אָרדנונג מוז זיין. צי ווילסט אָדער ווילסט נישט. אויג אויף אויג מיט די שפּאַרנדיקע טורעמס פון קעניגסבערגער קלויסטערס פרעפלען עמעצנס ליפּן אין דער שטיל אַ תפילה. מיט איינמאָל שטרעקט אויס אַ זקן זיינע צאַפּלדיקע הענט צום פאַרנעפּלטן הימל.

אָט דער אַלטיטשקער יידישער קרעמער איז פאַרשלעפּט פון אַ חרוב־געוואָרענעם יידישן שטעטל צוזאַמען מיט זיינע צוויי אייניקלעך, ווייל ער איז געכאַפּט געוואָרן אַ געבויגענער איבער אַ יידישן ספר אין אַ שבתדיקן טאָג.

פערצן טעג און פערצן נעכט האָבן זיידע און אייניקלעך אָן אויפהער געטרונקען פון ביטערן כוס. די קויל פון פרימאָרגן האָט כסדר זיי אויסגעמיטן. מיט פייכטע אויגן האָט דער זיידע געקוקט אויף די צוויי צעניאָריקע יינגלעך — זיי זענען געווען אַ צווילינג. פון זייער קעל איז נישט ארויס קיין איינאונאיינציקער קלאַנג. ביי טאָג האָבן זיי געשלעפּט משאות, געבויט באַראַקן, ביי דער נאַכט האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, צעוואַרעמט אונטער זיך דעם צעטרעטענעם שלאַם זיך צו שיצן פאַר קעלט.

פון צייט צו צייט האָט דער אַלטער גערופן די בחורימלעך ביים נאָמען:

— שיע, וואָס זאָגסטו?

— חצקל, דו הערסט?

ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז אַלץ וואָס ער זעט און פילט, שפּילט זיך אָפּ אויף דער וואָר.

אָפּער אין איינעם פון די פרימאָרגנס, ווען דער אַלטער מיט חצקלען זענען גראָד געשטאַנען אין דער ערשטער ריי — דאָס פּנים צו די קלויסטערס — האָט מען פון הינטן געקנאַלט. זיידע און אייניקל זענען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד. פאַרבליבן ביים לעבן איז שיע, וועלכער איז געשטאַנען אַ טריט פאָרויס. צוזאַמען מיט די אַנדערע פון דער גליקלעכער ריי האָט דאָס יינגל געהאַט די זכיה צו פּאַקן די מתים איינער אויפן צווייטן אויף פלאַכע משא־וואָגנס, צו באַגלייטן זיי ביזן נאָנטסטן וועלדל, כדי זיי צו ברענגען צו קבורה אין ברייטע און טיפע גראָבנס אין אומהיימלעכער ערד.

דער וועג האָט געפירט פאַרביי דעם לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע פּוילישע קאַוואַלעריע. פערד האָבן אומרואיק געפירסקעט מיט די נאָזדרעס. מענטשן האָבן

מיט שטוינונג זיך אָנגעקוקט, כאָטש די לאַנגע און שווערע וועגענער זענען געווען ארומגעוויקלט מיט ברעזענטענע דעקן, דעם אינהאַלט פון דער משא פאר דער וועלט צו מאַסקירן.

מיט מיטגעפיל האָבן די קריגס־געפאנגענע געקוקט אויפן בלאַסן בלאָנדן ייִנגל שיען, וועלכער האָט אָפטמאָל באַגלייט אָט די זעלבע פראכט. דוד און משה זענען געגאַנגען אין „סטאַבלאַג“ (סטאַבילער לאגער) ארום די געפאנגענע פערד. דאָס אויסזען פון ייִנגל האָט זיי געקלעמט ביים האַרץ, האָט זיך ארייַנגעקריצט אין זכרון. נישט קיין וווּנדער, וואָס אָנקומענדיק קיין ווארשע, האָבן די חברים דערקענט דאָס ייִנגל אין איינער פון די ווילטעטיקע קיכן, וועלכע האָבן געגעבן א נאַרונגסלאָזע בּיליקע זופּ.

— שוין לאַנג פון דאָרט?

— האָט מען דיך באַפרייט א לעבעדיקן?

נישט גערן האָט שיע גערעדט וועגן זיך. אויף דער פראַגע „צי ביסטו געזונט?“ האָט ער געעפנט זיין העמד און געוויזן אויף א ברייטער פארטיפונג פון די לינקע זשעבּרעס. אַ צייגעניש פון אַ דאָקטאָר ביי אַ פילאַנטראָפּישן אַנשטאַלט האָט באַשטעטיקט — טובערקולאָז און גלייכצייטיק אן אָפּשוואַכונג פון האַרץ־מוסקול.

מיט די חברים צוזאמען איז שיע געגאַנגען אין סרולקעס קעלער־שטוב, וווּ ער האָט זיך באַקענט מיט דער גאנצער פאמיליע. פון דאַן אָן איז שיע געוואָרן אן אָפטער באַזוכער אויף גראניטשנע, ווו די פאראייניזאמטע מינע האָט אָנגעפירט מיטן קאָמיטעט פון דעם הויז.

מינע איז געווען אין אירע מיידלשע יאָרן אין א פלעגערין אין א שפּיטאָל. איצט האָט זי ווידער געארבעט אויף צו פארדינען אויף ברויט. אָבער איר פרייע צייט האָט זי געווידמעט פאר צעבראָכענע און אָרעמסטע. שיע איז איר געווען נאָענט צום האַרצן. די איבערלעבענישן פון ייִנגל האָט זי פארגלייכט מיט די לעצטע מינוטן פון איר אומגעקומענעם זון, וועגן וועמענס טויט זי האָט שוין געוווּסט אויף זיכער. זי האָט אוועקגעשענקט שיען דעם זונס מלבושים און געמאַכט אים א פלאַץ אין ראפאלס בעט, ווייל ביז איצט האָט דאָס ייִנגל זיך געוואַלגערט ערגעץ אין א „פּונקט“ פאר דאַכלאָזע בעטלער, ליידנדיק פון הונגער און קעלט. וועגן זיינע עלטערן האָט שיע געוווּסט, אז זיי זענען פארשלעפּט געוואָרן ערגעץ קיין קראָקע.

* * *

דאָס יאָר איז געווען א לאַנגער און שווערער ווינטער. אָבער ווען דער פרילינג איז אָנגעשטאַנען ווי אלעמאָל מיט זיינע ריחות און פארבן, האָבן מאַמעס ארויסגעפירט אויף די וועגעלעך זייערע קינדער פאר דער גאַס, ווו די פריינדלעכע זון וואָלט אויף א צייט די צייכנס פון פחד אויסגעמעקט פון זייערע נשמות.

וואָלף און וואָלפּאָווע זענען צוריקגעקומען. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט:

— עס האָט זיך געבענקט אַהיים. און דאָ איז גראָד אונטערגעקומען די גע־לעגנהייט לעגאַל מיט דער באַן צו פאָרסירן די גרענעץ.

אין וואָלפס וווינונג זענען געזעסן אין ענגשאַפט אריבער 50 אָרעמע יידן, ארויסגעטריבענע פון קאַליש. די וואָלפס האָבן פאַר זיך באקומען אַ צימער אין דער וווינונג פון די בערמאַנס, וועלכע מינע האָט פארדונגען צו א משפחה פון כעלם.

וואָלפּאָווע האָט אין געאייל געקויפט מעל, גרויפּן און חזיר־פעטס. זי האָט זיך געוווּנדערט ווי שנעל עס פאַרשווינדט. אינמיטן דער נאַכט האָט זי געמאַכט אַליאַרמען, אַז מיז נאָגן דאָס ווענטל פון שפּייז־שאַנק. אין דער צייט, ווען וואָלף פלעגט באַגייסטערט פּאָליטיקירן מיט די שכנים, מאכן ספּיריטיסטישע סעאַנסן מיט טישעלעך, פרעגנדיק: „טישעלע, וואָס זאָגסטו?“, „טישעלע קלאַפּ אָפּ“, איז וואָלפּאָווע אינגאַנצן פארשלונגען געווען פון טאָג־טעגלעכן קויפן מציאות. איר איינ־אונאיינציקע טעמע פאר אייגענע ווי פאר פרעמדע איז באַשטאַנען וועגן פרייזן פון לעבנסמיטל, וועגן קאָכן, בראָטן און באַקן.

— אז עס איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן און וואָס צו טאָן, — האָט וואָל־פּאָווע זיך פאַרענטפערט פאַרן מאַן. — הער אינטערעס צום לעבן איז פארשוווּנדן, אפילו קיין טעאַטער און קינאָ...

— אָבער הונגעריקע... אזויפיל מענטשן גייען אויס פון הונגער — האָט וואָלף זיך געגראַבלט אין זיין געוויסן — מען וואָלט געדארפט צעטיילן צווישן אָרעמע לייט די אלטע שמאַטעס, וואָס דו האָסט ליגן אין פראַגע ביי דער מאַ־מען... דיינע אַלטע קליידער, סיי ווי סיי וועלן די מאָלן דאָס אויפפרעסן.

—אָבער נאַר דו, אַ נאַר ביסטו געווען און אַ נאַר וועסטו בלייבן...

אזוי פלעגט פארלויפן דער געמיטלעכער שמועס טאָג־טעגלעך ביים שלאָפן־גיין. וואָלפּאָווע פלעגט תמיד בלייבן די גערעכטע, ווען זי פלעגט אויפווייזן איר מאַן, אַז אפילו אַזוינע אינסטיטוציעס ווי דער „דזשאָינט“ און דער יודענראַט טוען גאָרנישט, כדי צו לינדערן די ברענענדיקע נויט — אזוי גרויס איז דער דלות.

— און ער וויל אָקאָרשט מיט זיינע שמאָכטעס עפּעס אויפטון.

מיט יעדן טאָג האָבן פריש־געבאַקענע בעטלער אויסגעזונגען פארן הויף זייער הונגער. וואָלף פלעגט זיי אראָפּוואַרפן א שטאָלערנע מטבע, כדי צו פארדייען מיט אן אָפּגעפרישטן אַפּעטיט און גערייניקטן געוויסן דעם ווייבס מאכלים.

* * *

דער הויז־קאָמיטעט האָט דעם חודש אויגוסט פּראָקלאַמירט אַלס „מאָנאַט פארן קינד“.

דער הויז־קאָמיטעט, פון וועלכן מינע איז געווען פאָרזיצער, האָט אָפּגע־האַלטן א קאָנפערענץ מיט זיינע מיטגלידער. רעפערירט האָט מינע וועגן דחקות

אין שטאָט, וועגן מאַסן־שטערבלעכקייט, וועגן מילכלאָזע בריסטן ביי מוטערס, וועגן אויסגעקרימטע פיסלעך און ציינלאָזע מײַלעכלעך ביים צוקונפטיקן יידישן דור...

אלס אָנשוילעכער עדות פון די ליידן, האָט בלימטשע, סענדערס ווייב, באַוויזן פאר די פארזאמלטע איר קראנק געוואָרן קינד. זי האָט דערציילט, אז זייט איר מאן האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג, האָט זי נישט פון אים קיין ידיעה, אז דעם גאַנצן ווינטער האָט זי פארן קינד נישט געפונען קיין ווארעם ווינקל ביי איר שוועסטער אין שטוב, און אז איר שוועסטער ביילע ליגט א פארשמאַכטע פאר שוואַכקייט אין בעט.

עס האָט עמעץ פאָרגעלייגט צו מאַכן פארן הויף אַן אָוונט לטובת די נויטבאַדערפטיקע. דער אייַנפאל איז געווען א געלונגענער. די פארמעגלעכע פון הויף האָבן די איינלאדונג אָנגענומען. דער בופעט האָט געלייזט פאר פאפיראָסן, פאר שפייזן, אפילו פאר שנאַפּס. אזוי ווי דער פראָוויאַנט איז געווען כמעט א געשענקטער, האָט די אונטערנעמונג געהאַט א מאַטעריעלן דערפאָלג. ביז שפּעט אין אָוונט האָבן די עלטערע פּאָליטיקירט. בעת די יוגנט האָט זיך באזונדערס געווילט אין די פארדונקלטע ווינקעלעך פון פיר־צימערדיקן לאָקאַל. וועגן וואָס פּאָליטיקירן האָט נישט געפעלט. שוין פון יולי אָן האָט זיך איטאַליע באַטייליקט אין קריג קעגן ענגלאנד. פאריז איז שוין געווען געפאלן און די פראנצויזישע ארמיי האָט קאַפּיטולירט פאר דער דייטשישער איבערמאַכט.

עס איז געווען שבת דעם 16טן אויגוסט. אין דעם טאָג זענען 100 טויזנט קראָקעווער יידן אַוועק אין דער וואנדער. די צייטונגען האָבן געבראכט די רעדע פון פראנק (גענעראל־גובערנאַטאָר) מיט זיין ווענדונג צום פוילישן פאָלק, אז פאר פּאָליאַקן איז אן אייגן פוילן אן אומגליק, מיט דער בשורה פאר יידן, אז זיי וועלן פארטריבן ווערן פון גאַנץ אייראָפּע, מיט דער ווענדונג צו דער וועלט, אז די מענטשהייט ווערט איבערגעבויט אויף שפּאָגל־נייע יסודות.

ווער־נישט־ווער האָט מרה־שחורהדיק אריינגעקוקט אין טעקסט פון דער רעדע. אָבער די מערהייט פון די געסט האָט זיך געווונטשן „לחיים“ און פארטרונקען מיט בטחון צו אַ גלעזעלע שנאַפּס. דער בופעט האָט געלייזט. ביים פארקויפן האָט געהאָלפן ביילעס טאָכטער זשעניע, וועלכע האָט דורך דער צייט זיך געענדערט. נישט געקוקט אויף דער בולטער שפור פון דער וווּנד, האָט איר פנים אויסגעדריקט גוטמוטיקייט און חן. זי האָט אָנטייל גענומען אין די טענץ, וואָס די יוגנטלעכע האָבן איינגעאָרדנט. און טאַקע דאָ האָט דאָס מיידל ארויסגעוויזן טאַלאַנט. יעדער איינער פון די בחורים האָט זי געלאדן צום טאַנץ. מען האָט זיך געפילט היימיש. אויף א מינוט האָט אָפּגעטרעטן דער שאָטן פון קריג, פון קאָשמאר. די יוגנט האָט געשפרודלט מיט שטילער פרייד. צי איז דאָס נישט געווען א פאָרגעפיל פון א באַלדיקן סוף? צי איז דאָס געווען א טיפער גלויבן אין זיג פון

גערעכטיקייט? א האָפענונג, אז דער בייזער חלום וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן? די פרייד האָט אָנגעשטעקט די געמיטער פון די אלטע, וועלכע האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו די עלאסטישע באוועגונגען פון זייערע יונגטלעכע קינדער. א האָפענונג אויף א גליקלעכן סוף איז ארייַנגעדרונגען אין פארגליווערטע הערצער. עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אז דאָס אלץ, וואָס געשעט, איז געגליכן צו א פארבייגייענדיקן הוראגאן, וועמענס הויך עס וועט פארשווונדן, ווי עס פארשווינדט א פעסט.

בלויז שיע האָט פארדאָרבן די שטימונג ביי דער יוגנט. בעת דער פאַטעפאָן האָט אויסגעשפילט איינעם פון די פאָקסן, האָט ער פלוצעם באַקומען אַן אַטאַק אויפן הארץ. דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן. אים איז מיט איינמאָל קלאָר געוואָרן, אז זיין טאנץ איז שוין אויסגעטאנצט.

* * *

עסטושע — אזוי האָט די וואָלפאָווע געהייסן ביים נאָמען — האָט נישט אָפגעלאָזט איר געיעג נאָך מציאות. פון באַגינען אָן האָט זי פארבראַכט אין שפייז־קראָמען, פלעגט פארקוקן אין פנים יעטוועדן ברויט, ווי אין די טעג פון באַלאַגערונג. כאָטש די שפייז־שאַנק האָט פון אויבן ביז אראָפּ זיך געבראָכן פון איינגעקויפטע מעלן און גרויפּן, האָט זי אָן אויפהער געשלעפּט צו איר וווינונג פויערטעס, באַלאַדנטע מיט באָבעס, מיט קנאָבל, ציבעלעס און רעטעך, מיט פּומער און חזיר־פעטס. די ריחות פון חזיר־פיסל־גאלארעטע, פון ברוסניצעס, מאַרמעלאַדעס, האָניק־טייגלעך און עפּל־ווייַן האָבן פארשמעקט דעם קאָרידאָר. וואָלפאָוועס קיך־שענקל האָט איצט אויסגעזען ווי אַ קליין קאָלאָניאַל־געוועלבל, אין וועלכן עס פעלט נישט פון כלערליי מינים, אָנהייבנדיק פון שמעקעוודיקן צימרינג און קרימיטאַרטער, ענדיקנדיק מיט פרעפּאַראַטן צו רעגולירן דעם שטול־גאַנג. די אָנגענעמע ריחות פון לאָרבער־בלעטער, פעפער האָבן זיך אדורכגעמישט מיט די איבלדיקע פון ליטווישן קעז און געטרוקנטע ים־פיש.

יעדן טאָג פלעגט עמעצער ברענגען אַ גייעס:

— מען נעמט אוועק ביי די פויערטעס פוטער און אייער.

— מען פארווערט דאָס ארייַנפירן אין שטאָט שפייז.

ווידער פלעגט עסטושע זיך פארנעמען צום פארגרייטן. עס האָט אויסגעזען, ווי פון היינט אָן וואָלט א הונגער־טויט געלויערט איבער איר און איר הויזגעזינט. די מאכלים פון כלערליי מינים זאָלן האָבן די אויפגאבע צו פארטרייבן דעם געשפּענסט פון שרעקלעכן טויט.

וואָלף — ער האָט אזוי געהייסן אויך ביים פאָרנאָמען — האָט אָנפאנגס געהאַלטן, אז אין זיין ווייבל עסטושע איז אריין א פרעס־דיבוק. ער האָט אָבער אונ־

מערן איינפלוס פון די געווירצטע מאכלים געקראָגן א נייגונג צו א טאָפּלט קערגל און געפילט זיך דרייפאכיק געקרעפטיקט צו עפּעס א פלירט. אָבער וואָס איז די פּעולה פון אלץ מיט אייננאַנדער, אז די וווינונג איז ענג, א שפּאַן אויף א שפּאַן, אז פון באגינען ביז אין אָוונט גרילצן אונטער די פענצטער שמאַטע=הענדלער און בעטלערס, — האָט טאַקע נישט בחינם די פאמיליע וואָלף באַשלאָסן צו דינגען א גרעסערע וווינונג ביים אייזערנעם=טויער.

צווישן די געסט, וועלכע זענען געקומען „באַגיסן" די וווינונג, איז געווען פּייפער, דער זאָרגלאָזער משומד פון דער משפּחה, א דענטיסט אין דער געגנט פון דער זשוראַוויע, ווי אויך עסטושעם שוועסטער פערלע מיט איר 12=יאָריקן זון לייבושן און איר מאַן בעמיע פוסנאַגל, וועמענס פירמע מיטן נאָמען „פעכעליוש" האָט מיט דעם אויסברוך פון קריג אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די געסט האָבן גערעדט פון צוואַנגס=ארבעט, ווי אויך ארום דער ידיעה, אז יידן מוזן זיך ארויסציען פון געוויסע שטאָט=פערטלען.

בעמיע האָט זיך באַקלאָגט, אז עס האָבן זיך אויסגעלאָזט אלע פארדינסטן. אז מען מוז לעבן פון גרייטן גראָשן, און אז דאָס דירה=געלט פון זיין אייגענעם הויז אויף זאמענהאָף וועט פון היינט אָן אריינפליסן אין דער קאסע פון פאָלקסדייטשישן קאָמיסאר.

דער פארזאָרגסטער פון אלע איז אָבער איצט געווען פּייפער.

— פרנסה ווי פרנסה, — האָט ער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — מיט פרנסה וואָלטן מיר קיין זאָרג נישט געהאַט, אָבער די לעצטע באַצייכענונג פון באגריף „ייד" האָט אראָפּגעפירט פון טראָפּ די אומשולדיקע קינדער.[1]

פּייפעראָווע האָט זיך געהאַלטן אביסל אין א זייט. פון צייט צו צייט האָט פון איר מאָגערן ביוסט ארויסגעפינקלט א דין זילבערן קייטל, אויף וועלכן עס האָט זיך געבאָמבלט א גאָלדן צלמל.

— וואָס האָבן זיי צו די קינדער? -- האָט זי פונאַנדערגענומען אירע לאנגע הענט, — אנטאָש איז געווען א באגייסטערטער פּאָליאק, האָט געהערט צום קריסטלעכן פאריין.

— אז ענדעק, ווי איך בין א ייד... און די קליינע מאלגאָשע איז האָך פרומער ווי דער פּויפּסט, — איז פּייפער ארויס מיט זיין שפּראַך.

נישט געפינענדיק ביים עולם קיין מיטגעפיל, האָט פּייפעראָווע גערייכערט א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס.

— און וואָס איז מיט באָנע=ברויט? — איז פערלע אריין אין דערמיט מיט איר טעמע — באקומט איר באָנע=ברויט אזוי ווי יידן, אָדער אזוי ווי קריסטן?

[1] צו דער יידישער געמיינדע האָבן געמוזט געהערן אַלע קריסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ יידישן זיידן אָדער באָבען — באַם. פון מחבר.

אָבער דער דענטיסט האָט דערציילט און דערציילט... ווי אזוי אַנטאָש איז אריינגעפאלן מיט א געוויין:

— טאַטע, צי בין איך א ייד? באמת א ייד? מיין זיידע איז א ייד געווען? א בעלעמער? א חסיד? „ז בראָדקאָן אי פייסאן" (מיט באָרד און פאות) און די מאמע?

און ווי אזוי דער יונג האָט פאר עגמת־נפש זיך אריינגעלייגט אין בעט א קראנקער.

ווייטער האָט פייפער דערציילט וועגן זיינע קרובים אין בעלעם, וועגן די גזירות פון סאדיסטישן קרייז־הויפטמאַן האַגער און וועגן דעם ווי אזוי אין נאָ־ווועמבער פון פארגאנגענעם יאָר האָבן ס־ס־לייט פארנארט טויזנטער יידן פון בע־לעם הינטער דער שטאָט, כדי אין א קארגער שעה אָפּווישן זיי פון דער ערד־אויבערפלאך.

דאָס מיר־גלעקל האָט שטארק געקלונגען. אלע האָבן זיך א הייב געטון פון זייערע ערטער. וואָלף אליין איז ארויסגעלאָפן דורך דער קיך־טיר. נאָך אים נאָך בעמיע. אריינגעקומען איז אָבער נישט קיין אַנדערער ווי אַנטאָש. ער איז געווען פאררויטיקט, ער האָט אינגאַנצן געציטערט ווי א פלאַם־פייער. קוים וואָס ער האָט ארויסגערעדט:

— זיי... זיי נעמען, וואָס זיי געפעלט... זיי זאָגן, אז מיר מוזן תיכף פארלאָזן דעם קאַבינעט און די וווינונג... אלע צימערן...

די פייפערס זענען אוועק צו זיך נידערגעשלאָגענע.

עסטושע האָט זיך באַקלאָגט, אז זי געפינט נישט קיין פאסיק מיידל צו רוי־מען די שטובן. פערלע האָט איר צוגעזאָגט, אז זי וועט איר צושיקן א קריסטין מיט א יידישער נשמה, די זעלביקע, וואָס האָט זעקס חדשים נאָכאַנאַנד געדינט ביי זייער אייגענעם ברודער אויף מאַרשאַלקאָווסקע.

— דאָס מיידל האָט א יידיש האַרץ, אָבער איין חסרון — האָט פערלע זיך צעלאַכט — זי האָט פיינט פארמעגלעכע... בורזשויען... און אויפגעקלערטע איז זי, פארשטייסט? א פילאָסאָפקע...

— א חברטע — האָט עסטושע אונטערגעכאַפּט — זנאיעם (רוסיש: מיר וויסן).

און נאָכאַמאָל פון אָנהייב האָבן די שוועסטער איבערגעחזרט א נישט־פאר־ענדיקטן שמועס וועגן געפעלשטער מילך און פרישע גרינע באָבעס, וועגן ברויט־באָנעס, וועלכע פייפער, דער פיפיקער משומד, קריגט לעת־עתה מער פון א יידן.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט געהאט א טאַטן א בעלעמער חסיד מיט באָרד און פאות, האָט אים פערלע נישט פארגונען.

III

פאַר יידן איינטריט שטרענג פאַרבאָטן.

דער גאָט־גלויביקער קאַטויל מאַזור, וועלכער האָט לעצטנס געהאַט א טיי־שטיבל אויפן קערצעליאַק מיט דער אויפשריפט: „היינט פליאַקעס" (וואָמפּן), האָט ביים ארייננקומען פון די דייטשן דערשמעקט פרנסה מיט דער געניטער נאָז פון א געפּרוווטן חזירניק. ער האָט אויפגעהאָנגען ביים פענצטער־רעם דאָס אייל־פאַרביקע שילדל, וואָס האָט ארויסגעשריגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער קריסטלעכער גאַס:

פאַר יידן איינטריט שטרענג פאַרבאָטן.

דער מאַנעוור האָט אָבער מאַזורן נישט געבראַכט קיין פרנסה. דאַן האָט ער אויסגענוצט איינע פון די מעשיות, וואָס זיין טאַטע פלעגט אים דערציילן, ווי געוויינלעך בגילופין. זיין טאַטע, דער נפטר, אים צו לאַנגע יאָר, האָט זיך דער־וווסט בשעתו פון זיין דאָרפישער באַבען, אז צו איר מאַמעס מאַמען האָט זיך געפּוצט א פּריים, אז זיי האָבן פאַרלייגט א קרעמל ערגעץ אין א דאָרף.

— א שוואַב, ימח שמו — פלעגט דער טאַטע זיך אויסדרוקן.

גראָד איצט, ביים פלעשל גיינציקער, אין זיין אייגענעם פאַמיליען־קרייז האָט מאַזור דערפילט אין זיך די נשמה פון א שוואַב — טאַקע פאַר אזא האָט זיך מאַזור דעקלאַרירט ביי דער נייער מאַכט.

איצט איז מאַזור געוועזן קאָמיסאַר פון די בלאָקן־הייזער אויף זאַמענהאָף־גאַס. אונטער זיין מאַכט איז געלעגן אויך בעמיעס הויז. דער קאָמיסאַר האָט פאַר די יידישע ווירטן קיין ריווח נישט געלאָזט, אָבער דערפאַר האָט זיך בעמיען איינ־געגעבן צו שליסן מיטן גוי א בשותפותדיק געשעפט. בעמיעס דענטיסטישער אר־טיקל, וועלכער האָט פאַרן קריג זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט אונטערן נאָ־מען „פּערכעליוש", האָט איצט באַקומען די באַצייכענונג „אירענא" — דער נאָ־מען פון דער בלאָנדהאָריקער געליבטער פון דעם פאָלקס־דייטשישן קאָמיסאַר.

שיכורלעך, אין דער קענגוואַרט פון בעמיען ווי אויך וואָלפן מיט דער פרוי (אויך וואָלף איז געווען צום געשעפט א שותף), האָט מאַזור געדרשנט אויף דער טעמע פון יידן.

— אָוושעם. יידן האָב איך גאַנץ ליב. מיט אַ יידן צוזאַמען איז גוט סיי אין ליידן, סיי אין פריידן... איך באַגרייף אפילו נישט צוליב וואָס מיינע מיטבירגער דייטשן האָבן צום יידישן פאָלק טענות... וואָס זענען, נעבעך, אייערע אָרעמעלייט שולדיק דערין, וואָס עפּעס א טשעמבערליין אָדער — פּשא סוקי סין — א רוז־וועלט זענען רעליגיעזע יידן מיט אלע פּיטשעוווקעס?...

דאָ האָט דער קאָמיסאַר איבערגעריסן, כדי אריינצוקערן א פרישן גלעזל:

— פאר איין זאך, פשאַ קרעוו, האָב איך אייך יידן נישט ליב—פאר אייערע פרײדענקערישע מאַניערן... אָט נעמט אזא יידן פון פעלצעווינע אָדער טאַרנאָוו, טוט אָן שבת א סאמעטן היטל און שפּאַצירט איבערן גראָז מיט זיינע פּיאות און באָרד, ווי די וועלט וואָלט זיין אייגנס געווען... מאַסאַנעריע, פּשא מאַטי, אזאַ איצעק בער אָדער דאָרט איצעק מאיר...

א צערייצטער האָט ער א וואָרף געטון אויף דער ערד דאָס גלעזל און האָט זיך א פּאַטש געטון איבער די קני.

— זאָג מיר, ברודערל פוסנאַגעל, זאָג קאָכאַני פּיעס, טאָוואַזשיש, פּסיא מאַ־טי, זשידעק, אומגלויביקער, זאָג מיר, פארוואָס האָבן אייערע עלטער־זיידעס צו־געלאָזט יעזוסן צום קרייץ, צוליב וואָס? און בלוט אויף מצה צו וואָס געברויכט איר, אונדזער קריסטלעך בלוט?

זיין בליק איז אָבער געפאלן אויף עסטושען. ווי עסטושעס מאַניקירטע פינ־גער און אויף בלאָנד טלעניריטע האָר וואָלטן אים דערמאָנט אין א בעסערער וועלט, האָט מאַזור פארריכט דעם שנאָבל פון די הויזן, אריינגעקוקט אין אַ שפּיגעלע, צוגלעטנדיק די ברייטע וואָנסן פוןביידע זייטן.

א בליענדיקע יונגע קריסטין האָט אריינגעבראַכט א קויש מיט מאכלים. עסטושע האָט אויסגעפּאַקט בלאַנקענדיקע חלות, דערקלערנדיק:

— מיין אייגענע פּראָדוקציע.

מאַזור האָט מיט גרויס דרך־ארץ זיך פארנייגט פאר דער אריינקומענדיקער, נאָר עסטושע האָט זי פאָרגעשטעלט מיט א ביטול־זשעסט:

— עס איז אייגנטלעך א דינסט, מיין שטוב־מיידל, וואנדע.

— א שיינער נאָמען, כלעבן... כהאָב שטענדיק ליב געהאַט דעם קלאַנג פון דעם וואָרט, ווי א רויש פון א זילבערנעם קוועלעכל אין די בערג. עס איז א ראָ־מאַנטישער קלאַנג, — האָט מאַזור זיך באַמיט צו ווערן א קאוואליר — וואנ־דע — — —

וואנדע איז געווען וואָלפאָוועס דינסט פון דער אַרט אריינקומענדיקע (אָן נאַכט־לעגער). עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אומגעוווּנטשענעם דערפאָלג, וואָס דאָס מיידל האָט געהאַט ביי איר ברויט־געבער, וואָלפן. כדי אויסצומיידן באַגעגענישן אויג אויף אויג מיטן ראָמאַנטיש־געשטימטן פּארשוין, האָט וואנדע פארבראַכט די אָוונט־שעהן ביי מינען. דאָ איז זי אויך געשלאָפן. מינען איז דאָס מיידל געפעלן, האָט זי גענומען וואנדען אין איר שוץ ווי אן אייגן קינד.

איר קיך האָט מינע געהאַט פאַרדונגען דודן. דער בחור האָט פאַרן קריג גע־אַרבעט אין אַ לאָדזשער זאָקן־פאַבריק. איצט, ווען זיינע באַקאַנטע פון לאָדזש האָבן אין וואַרשע איינגעאָרדנט אַ געהיים פאַבריקל, האָט דוד ביי זיי באַקומען באַשעפטיקונג. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסטרוקענען פאַרטיקע זאָקן. אַ קליין אייזערן אייוועלע איז צו דעם צוועק אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין מינעס

קיך. דאָס אייוועלע איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט דיקט. די גאַנצע איינריכטונג האָט אויסגעזען ווי א שמאָלער אָנגעוואַרעמטער שאַנק, ווי אויף האקעס זענען געהאָנגען צעגטליקער זאָקן אויף הילצערנע פאָרמען. דוד האָט מיגען געצאָלט פאַרן פּלאַץ. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער געאַרבעט ביים אויוון. פאַר די שעהן פון שלאָף פלעגט ער אויפשטעלן א בעטל טאקע דאָ אויפן אָרט.

דוד און)וואַנדע האָבן זיך ביידע געטראָפן ביים בעט פון דעם קראַנקן שיען. וואַנדע האָט נישט געוווסט פון אומרו און פּחד. אירע מוסקולן האָבן פאַרטראָגן די שווערסטע שטוב=אַרבעט. אירע נערוון האָבן אויסגעהאַלטן די שפּאַנונג פון קריג. דערקעגן האָט יעדע גזירה אויף יידן זי אויפגערעגט, ווי דער עול פון יאָרטויזנטער וואָלט אויך געלאַסטעט אויף איר צוזאַמען מיט דעם פאָלק.

זייט וואַנדע האָט אָנגעהויבן אריינקומען צו מינען, איז פאַר דודן די ארבעט נישט געווען לאַנגווייליק. איצט, ווען דאָס מיידל פלעגט קומען צו מינען נעכטיקן, האָט זי דודן געהאָלפן, און דוד האָט איר אָפּגעגעבן אַ טייל פון זיין לוין. ווען אין אַלע פענצטער אַרום זענען געווען אויסגעלאָשן די פייערן, איז די אַרבעט אין קיך געגאַנגען אין פולן ברען. די ביידע שותּפים האָט געבונדן געמיינזאַמער צוטרוי, ווען וועלכן עס האָבן עדות געזאָגט יעדער שטראַל פון איר בליק און באַדירונג פון זיין האַנט. וואָס דודן איז געפעלן אין קרעפטיקן מיידל, איז געווען קודם איר אויפריכטיקע באַציונג צו דעם קראַנקן שיען, וועלכער איז שוין מער ווי אַ חודש געלעגן צו בעט, האָט געבעבעט מיט אַ שטיל הייזעריק קול און געצאַנקט ווי אַ ליכט.

ביסלעכווייז האָט וואַנדע איבערגענומען די לאַסט פון פלעגן דאָס יינגל. אין איר קעגנוואַרט האָט דער קראַנקער זיך געפילט לייכטער. ווי זיינע ווייטיקן וואָלטן אָפּגעטרעטן. איר בליענדיקע צערע, אירע ליכטיקע אויגן האָבן אָנגעשטעקט שיען מיט צוטרוי און גלויבן, געמאַכט פאַרקירצן די לאַנגע טעג פון זיין האָפנונגסלאָזער קראַנקהייט.

120 קילאָמעטער האָט וואַנדע אדורכגעמאַכט אויף איר ראָווער (זי האָט באַזוכט אויפן דאָרף אירע עלטערן). איצט איז זי געשלאָפן מיט אַ קרעפטיקן שלאָף. שיע האָט געפילט דאָס שוואַכע קלאַפּן פון זיין קראַנקן האַרץ. נעבן אים אויף איר פעלד=בעט איז געלעגן די פרוי, וועמענס פּנים און הענט האָבן אַרויסגעשטראַלט זוניקייט, ראָסע און ווינט.

ביי אַ פאַרבלאָנדזשעטער עלעקטרי=שיין פון אַ קעגנאיבערדיקער ווינונג האָט ער איינגעטונקט זיינע בליקן אין איר לייב מיט בענקשאַפט פון אַ שטאַרבנדיקן. דאָס זענען געווען בליקן לאַנגע און האָפנונגסלאָזע, אָבער דאָס יינגל האָט זיך געפילט געקרעפטיקט אין איר אָנוועזנהייט, ווי די אויפריכטיקייט און גינציקייט פון דער גוטמוטיקער פרוי וואָלטן געווען אימשטאַנד צו לינדערן די קרענק פון זיין ברוסט.

ווי אונטערן דרוק פון זיין בליק האָט וואַנדע זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט געשלאָסן די אויגן. אָבער דאָס מיידל איז אַראָפּ פון איר בעט, האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט אַ כאַפּ געטון איר האַנט. זי האָט זיך נישט דערשראָקן. פאַרקערט. ער האָט געדריקט מיט זיין פייכטער דלאָניע איר האַנט און געווונטשן איר אַ גוטע נאַכט און אַ רואיקן שלאָף.

אויך מינע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט פאַרבעטן וואַנדען צו זיך אין בעט. אַ לאַנגע שעה האָבן די פרויען צווישן זיך געשמועסט. וואַנדע האָט איר דערציילט פון דאָרפישן לעבן, פון אמתע און פאַלשע אַדאָראַטאָרן, וועלכע גרייכן אָבער קיינמאָל נישט צו איר פילנדיקער נשמה.

שיע האָט געקרעכצט, ווי ער וואָלט גערופן הילף. מינע האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרי=ליכט. דעם קראַנקנס שלייפן זענען געווען איינגעפאַלן, די הענט — בייגערדיק, פון ערד=קאָליר. די מוסקולן פון די פלייצעס האָבן געאַרבעט מיט דער גאַנצער קראַפט, כדי אָנפּאָמפּען די לונגען מיט לופט. זיינע אויגן האָבן געקוקט זינלאָז און טעמפּ, ווי ביי אַ פישל, אַן ארויסגעוואָרפענעם דורך אַ כוואַליע אויפן ברעג.

אין לעצטן אויגנבליק האָט ער געזאָגט, אַז ער פילט זיך לייכטער. צי דאָס איז געווען אונטער דער ווירקונג פון דער איינשפּריצונג, וועלכע מינע האָט אים געמאַכט צו פאַרלייכטערן זיינע שמערצן? ער האָט געזוכט וואַנדעס האַנט, זיך געבעטן:

— אַ דאָקטאָר... ראַטעוועט...

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער פאַרלוירן דעם מוט — ער האָט פאַרשטאַגען, אַז ער שטאַרבט.

— צו מיין קבר, — האָט ער געפּרעפּלט — קומט אָפט צו מיין קבר, פאַרלאָזט מיך נישט.

ער געזעגנט זיך מיט מינען. ביז ווייטיק דריקט ער אירע הענט. דער שטראַל פון זיינע אויגן גליווערט, די בליקן שטאַרן אין ווייטקייט, ווי זיי וואָלטן דעם צאַנקנדיקן קערפּער געוואָלט אוועקנעמען פון דער געשטראָפּטער ערד צו די ווייטע מרחקים...

IV

ביילעס קעלער=שטוב האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מוזיקאַלישקייט. די טענער, וועלכע די שטוב האָט ארויסגעבראַכט אין ביינאַכטיקע שעהן דורך אירע בידעריקע פענצטער=לעכער, זענען געווען לירישע. דאָס זענען געווען וויגלידער פאַר דעם יינגסטן לאָקאַטאָר, בלימטשעס זונדעלע, לידער, וואָס די מוטער האָט

אליין אימפּראָוויזירט אין איר בענקשאַפט נאָך סענדערן, איר מאַן, פון וועמען עס איז פארלוירן געגאַנגען יעטוועדער שפּור.

בלימטשע האָט געאַרבעט ביי פאַרמעגלעכע לאָקאַטאָרן, זיי געהאָלפן צורוימען די שטובן. זי איז געוואָרן מאָגער און שלאַנק און האָט געקראָגן אַ „ליניע". סענדער האָט טאַקע תמיד נאָך דער „ליניע" געגאַרט. פון אַזאַ ווייב האָט דער גבור געטרוימט...

בלימטשע האָט זיך צוגעוווינט צו איר איינזאַמקייט. זי האָט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז זי זאָל ווען עס איז נאָך טרעפן איר מאַן אַ לעבעדיקן, כאָטש אירע נאָענטע האָבן געוווסט עפּעס אַנדערש פון סענדערן צו דערציילן... ווייל דערוווסט האָט זיך מינע פון אַ בריוול, וואָס איז אָנגעקומען צו איר פון איר שוועגערין אידע, אַז די רוסישע גרענעץ־וואַך האָט סענדערן געפונען אַ האַלבפאַרפרווירענעם אויפן שניי, אַז ער געפינט זיך איצט אין אַ ביאַליסטאָקער כירורגישן אַנשטאַלט, וו מען האָט אים אַמפּוטירט דעם רעכטן פוס.

שפּרה די קצבטע, אויף וועמענס קראָם עס איז געהאָנגען אַ שילד מיט דער אויפשריפט אין העברעיש „ממכר בשר סוסים" און אין דייטש „פאַרקאַוף פון פפערדעפלייש", פלעגט פון צייט צו צייט אַריינבליקן אין קעלער און אַוועקלייגן אויפן קופערט שיריים פון איר סחורה. אין אַזאַ טאָג האָט די מאָלצייט געשמעקט מיט וווּנדערבאַרע ריחות. ציבעלע און געווירצן האָבן געררייצט דעם אַפּעטיט.

— איין חסרון, וואָס דאָס פלייש מוז זיך לאַנג קאָכן, — האָט בלימטשע זיך פאַרענטפערט. זי איז געווען די קעכן פאַר אַלע איינוווינער פון שטיבל. שעהן־לאַנג האָט זיך געגאָסן די סלינע פון קינדערישע מיילעכלעך, ביז דאָס פלייש פלעגט זיך איינקאָכן אויף ווייך. דאַן האָבן די קינדער, ווי די קעצעלעך, מיט לאַנגע שמאָלע צינגער אויסגעלעקט ביז אויף טרוקן לעפל און טעלער. בלימטשע האָט געמוזט פיל קעמפן, אויסקעמפן אַ ביסעלע זופּ פאַר איר זונדל, ער זאָל דערכאַפּן די נשמה.

אָוונט־צייט פלעגט בלימטשע אַריינקומען צו מינען, וו איר שוואָגער דוד האָט צוזאַמען מיט וואַנדען געאַרבעט ביי זאָקן.

— אפשר זיצט ער ווידער אין תפיסה, — האָט בלימטשע גערעדט אליין צו זיך — עס איז נישטאָ די נאַכט, ווען ער זאָל מיר נישט קומען צו חלום... אַ לעבעדיקער, אָדער ווער ווייסט, צי ער איז נישט אויף דער גרענעץ דערשאָסן געוואָרן?

וואַנדע האָט איר געטרייסט מיט איר דאָרפישער פשוטקייט: אַ טויט, וואָס קומט אומגעריכט דורך אַ שאָס, איז פיל גרינגער פון אַ טויט, וועלכער קומט דורך אַ קראַנקהייט... ווייל נאָך שרעקלעכער ווי די אַגאָניע פון מענטשן זענען יסורים פון אַ קרענק.

— — — וואַנדרע ווערט תמיד אומרואיק, ווען דוד באַווייזט זיך נישט אייניקע שעה נאָכאַנאַנד. דאַן שטייט זי מיטן פּנים צום אַריינגאַנג, קוקט אויפן טויער.

— ווי אַ געטרייער הונט אויפן באַלעבאָס, אַזוי וואַרט איך אויף דיר, — איז וואַנדרע זיך מודה — כ'האָב מורא, אַז די באַנדיטן זאָלן דיך נישט כאַפּן צום „אַבוז“ (אַרבעטס־לאַגער), דיך נישט ממית.

נאָר אָט אַנטשטייט אויפן הויף אַ טומל. וואַנדרע שפּיצט אָן די אויערן, דער־געענטערט זיך צום פענצטער. אַ בלאַסע פון אויפרעגונג דערזעט זי אַ צעבלו־טיקטן אַלטן יידן, וועלכער האַלט אונטערן אָרעם אַ פידל און נאָטן. מונדירטע לייט שלאָגן אים אָן אויפהער איבערן קאָפּ. זיי באַפעלן אים צו פאַרנייגן זיך, צו באַדאַנקען פאַר די קלעפּ. אַ פּראָווינצער ייד מיט אַ בערדל און פּיאות... נאָר אָט צעפלאַמט זיך דאָס בערדל ווי טרוקענער שטרוי — פון אַן אונטערגערוקט ברענענדיק שוועבעלע. איצט קרימט זיך דעם יידנס פּנים פאַר ווייטיק. זיינע בליקן קוקן פאַרעקשנט אין דער וויט. זיין דמיון פאַרטראָגט אים צו די מיטל־אַלטערישע זיידעס, וועלכע מען האָט געברענט אויף שייטער־הויפנס פון שפּאַ־ניע און דייטשלאַנד.

די הענט אויף באַפעל פאַנאַנדערגעשפּרייט, אַ פוס געקרייצט אויף אַ פוס, ווי אַ צוגענאָגלטער צום ליפּע־בוים פון דעם הויף־גערטל — האָט דער מאַרטירער אויסגעזען ווי אַ ברענענדיקער גאָט, פון וועלכן מענטשישע אויסוואורפן האָבן געוואָלט פטור ווערן אין אָנפאַל פון בייזוויליקייט און וואַקכאַנאַליע.

אין איין מינוט איז דער הויף ליידיק געוואָרן פון מענטשן. אין דער אָנגע־שטאַנענער שטילקייט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט וואַנדרעס שטים:

— לאָבוזעס, גזלנים!

אַ גליק, וואָס די מונדירטע האָבן נישט פאַרשטאַנען איר לשון. איינער פון זיי האָט אַרויפגעשיקט אַ קוש, אַ צווייטער האָט אין שפּאַס געצילט מיט דער ביקס.

דוד, מינע און דער גאַנצער הויף יידן האָבן וואַנדרען געטאַדלט פאַר איר אימפּולס און איינשטעל. דאָס מיידל האָט זיך נישט געקענט באַהערשן. די יידי־שע ליידן האָבן איר ווי געטאָן נישט ווייניקער ווי די ליידן פון איר פאָלק.

טאָג־טעגלעך זענען פאַרלוירן געגאַנגען יונגע „אַרישע“ פרויען, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן צופעליק אויף דער גאַס. פיל פון זיי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף פעלד־אַרבעט. זיי האָבן געשריבן אַהיים צו די עלטערן ברייוו. ערגער איז געווען די לאַגע פון די מיידלעך, וועלכע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אָן אַ שפור. דאָס רוב זענען דאָס געווען געזונטע און שיינע פרויען פון דער ערשטער יוגנט. דאָס פאַרשווינדן פון פּוילישע טעכטער איז פאַרבליבן אַ רעטעניש.

צו נעכטיקן אין וואַנדע נישט געקומען. זי איז נישט געקומען אויך אויפֿצומאָרגנס. איר פֿאַרשווונדן האָט נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שום שפּור. — —

פֿון צייט צו צייט איז דאָ אָדער דאָרט אויפֿן באַפֿעל פֿון ס. ס. אויסגעליידיקט געוואָרן אַ וווינונג אָדער אַ הויז פֿון אַלע זיינע איינוווינער. די אויסליידיקונג פֿלעגט פֿאָרקומען אין געציילטע מינוטן. אויך דאָס הויז אויף גראַניטשנע האָט געטראָפֿן דער באַפֿעל. עס האָט אויסגעזען ווי ברען־באָמבעס האָבן אָנגעצונדן דעם דאַך און די ווענט. ווי אין פֿלאַמען וואָלטן זיך געשטעלט מיט אַמאָל אַלע שטאָקן. אין איין מינוט זענען די טרעפּ פֿאַרפֿולט געוואָרן פֿון אויפֿגערעגטע בלאַסע מענטשן. יעדערער האָט געשלעפּט וואָס ער האָט געקאָנט. וואָס עס האָט זיך געלאָזט אַדורכשטופּן דורך דער עפֿענונג פֿון דער טיר און דורך דעם געדראַנג אויף די טרעפּ. עס איז געפֿאַלן אַ באַפֿעל: „מעבל און געשיר — נישט רירן פֿון אָרט!“. גלייכצייטיק איז געשלאָסן געוואָרן דער טויער, דאָס געפּעק רעווידירט. בעסערע זאַכן האָבן געמוזט געלאָזט ווערן אין רשות פֿון דער מאַכט.

מינע איז געלאָפֿן הין און צוריק אויף די טרעפּ. האָט אַראָפּגעבראַכט ביכער. שווערע בענדער אין לעדערנעם איינפֿאַס מיט גרויסע גאָלדענע אותיות אינדערמיט. פֿיל זענען געווען אינגאַנצן ניי. ווען די אַלע ביכער זענען געלעגן אין אַ סטאָס, האָבן אָבער די זעלנער באַפֿוילן צו מאַכן אַ פֿייער — צו פֿאַרברענען דאָס „דרעק“. אַ געדיכטער רויך האָט זיך געריסן צום הימל. צוזאַמען מיט די ביכער האָבן געפֿלאַמט אויך קינסטלערישע בילדער און פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמען. אַזוי אַרום איז פֿאַרלוירן געגאַנגען מינען דער לעצטער אָנדענק נאָך איר מאַן און זון.

אויך ביילע און בלימטשע האָבן געשלעפּט זייערע בעבעכעס. די לעצטע איז פֿאַרבליבן זשעניע.

נאָכאַמאָל ווי אין פֿאָריקן יאָר האָט דאָס מיידל געוויינט. זי האָט אויסגעלאָדן איר האַרץ פֿאַר די נאַקעטע ווענט, ווי איבער אַ מצבה פֿון טייערסטן. דאָ איז זי געבוירן און אויפֿגעוואַקסן. דאָ האָבן זיך געוועבט אירע קינדערישע חלומות און טרוימען וועגן דער צוקונפֿט. בלויז די ברוינע ווענט האָבן געקענט וויסן פֿון אירע טרערן, וועלכע זי פֿלעגט פֿאַרגיסן אין שלאָפֿלאָזע נעכט. איר יונג הערצל האָט געקלאָגט נישט בלויז איבערן אומגליק פֿון די יידישע מאַסן — די ליידן פֿון די ענגלישע און אויך דייטשישע מוטערס זענען געוואָרן איר אייגנס. ווייל דער גרויסער חורבן פֿון דער גאָרער וועלט האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין איר אָנגעווייטיקטן געמיט.

— —

אויך בעמיעס שוואָגער, אַלבערט, איז ארויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון דער וווינונג אויף מאַרשאַלקאָווסקע. איצט האָט ער צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינד פֿאַרנומען אַ ווינקל אין בעמיעס צימער. פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט דורכ־

געמאַכט, האָט אַלבערט געפילט אַז ענגשאַפט אין האַרץ און אַ דריקונג אין גריבל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז קראַנק אויף אַ געפערלעכער קרענק.

— קיין לאָקשן זאָלסטו נישט עסן, טייג איז סם, — האָט כעמיע דיקטירט פאַר זיין שוואָגער ווי פון אַ בוך אַרויס — כ'האָב אַנומלטן געגעסן טייג, לאָקשן, אַ צוגאָב מיט פאַסאָליעס, האָט זיך מיר אַזוי צעשפּילט דער זאַמד, אַז איך האָב געמיינט: איך בין שוין אַ פּאַרטיקער... אַ טערמאָפּאָר צום לייב שאַדט נישט. יאָ, דאָס קענסטו, אָבער טייג? — זאָל דיך גאָט היטן. צום בעסטן געם מאַרשי־נער זאַלץ מיט אַ ביסל טרינק־סאָדע. נעמסטו עס גאַנץ פרי — שווענקט עס דורך... עס שווענקט דורך סיי אויבן, סיי אונטן — אויבן אויך. קויפסט פאַר 20 גראָשן מאַרשינער זאַלץ — שיקסטו אויף אַ כפּרה אַלע דאָקטוירים פון דער גאַנצער וועלט.

— פאַל נישט אַראָפּ פון מוט, רעד זיך נישט איין קיין לונג־און־לעבער אויף דער צונג — האָט כעמיע נישט אויפגעהערט צו מונטערן זיין שוואָגער — אַ ראַק, טפו זאָלסטו ווערן! אין דיינע יאָרן אויף אַ ראַק איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן. אלא וואָס, די געלקייט? עס וועט אַריבער. נישט מער די לעבער, די גאַל איז ביי דיר נישט אין אָרדענונג. פילסט אַ שמערצונג פון לייב? גרעבצסט?... צו געזונט! אָבער זעסטו שוין ווער עס איז גערעכט? מיר האָבן דאָקטוירים געהייסן טרינקען „זשאָלעס"... אדרבא, ווילסט — טו אַ פרעג ביי אַ דאָקטאָר...

עמעץ האָט ענערגיש געקלונגען אין דער טיר. אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן א מיטליעריקער פּאַרשוין אין א דייטשישער אוניפאָרם מיט צייכנס פון א יעפרייטער. אלע אַנוועזנדיקע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם פאַר שרעק. בלויז איין מינוט האָט געדויערט די שטוינונג, ווייל אַלבערט און דער אורח האָבן זיך גלייך דערקאַנט און פריינדלעך געדריקט זיך די הענט.

— הער ניקקעל.

— יאָ, איך האָב זי לאַנג אַרומגעזוכט. ביז איך האָב זיך דערפרעגט אייער אַדרעס — האָט דער גאַסט געענטפערט.

ניקקעל איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע. ער האָט תמיד ציטירט שטיקער פון געטע און שילער. פילאָזאָפישע שיטות ווי טעכנישע דערגרייכונגען זענען אים נישט געווען פרעמד. ער איז געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיין סביבה ביי זיין געלאַסנקייט און קראַפט. אָבער דער קריג האָט אים אַריינגעצויגן צוזאַמען מיט אַנדערע.

אַ צענטליק יאָר צוריק איז אַלבערט געפאָרן קיין בערלין, כדי זיך צו פאַר־פולקאָמען אין ראַפינירן איידעלע מעטאַלן. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיטן ראַ־פינער ניקקעל. און טאַקע ער האָט אַלבערטן אויסגעלערנט די איידעלע אַרבעט. א לאַנגע צייט שפּעטער האָבן זיי צווישן זיך קאָרעספּאָנדירט.

ניקקעל האָט זיך ארומגעקוקט ארום זיך, ווי ער וואָלט באַגערט אריינדרינגען אין האַרץ פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

— אָט אַזוי לעבן מיר איצט — האָט אַלבערט זיך פאַרענטפערט, אָנווייזנדיק אויף דער ענגשאַפט און אומאָרדענונג, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אַ פרעמדן, ווייל אַחוץ אַלבערטן האָט אויך מינע אַהער אַריינגעוואָרפן איר ביסל אָפּגעראַטעוועט גוטס.

— וואָס האָט מען צו אונדז? וואָס האָט מען געמאַכט פון אונדז? — האָט אַלבערט פאַנאַנדערגענומען די הענט.

מען האָט געעפנט די טיר פון באַלקאָן, אַריינגעלאָזט יעסיענדיקע זון־שיין. דורך דער גאַס האָט מאַרשירט אַ פראָצעסיע פון קליינוואַרג. ווי אָפּגעשוירענע שעפעלעך האָט זיך געשרומפן זייער פאַלדנדיקע הויט. זייערע אויגן האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אויסדרוק. די פנימלעך זענען געווען אין קנייטשן ווי ביי גרייזגרויע זקנים. ווי אַ רייַ מאַלפעס האָבן זיי געדעפטשעט! אָפּגעריסענע, מיט אָפּגעשטאַנענעם לייב איבער שמוציקע שטיינער. דאָס זענען געווען אויסגעהונגערטע קינדערלעך פון יידישן יתומים־הויז. די דערציערינס האָבן זיי געפירט איבער גאַסן, צו באַווייזן פאַר דער וועלט זייער עלנטקייט און יאָמער. פיל פון דער חברה האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו שטיין אויף די פיסלעך, זיי האָבן געדרימלט אויף די הענט פון די פלעגערינס.

ניקקעל האָט אַרויסגעשלעפט פון דער טאַש אַ נומער פון „שטירמער“ און געלייענט אויפן קול:

„יידן זענען אונדזער אומגליק“,
„יידן זענען שולדיק אין דעם קריג...“

ער האָט אַ שליידער געטאָן דאָס בלאַט ווייט פון זיך. ער איז געווען געריירט פון דעם בילד פאַר דער גאַס.

— מערקווירדיק — וויפל מאָל אונדזער פירער באַרימט זיך, אַז ער צילט אין רייכן, טרעפט ער כסדר אין דעם אָרעמסטן, ווען ער דערפירט צו אַ הונגער־טויט, — האָט ניקקעל געשטוינט.

— טיראַניי אַליין פאַר זיך האָט נישט קיין כוח צו געוועלטיקן, — האָט דער אורח פאָרויסגעזאָגט, ווי צום טרייסט — די געשיכטע פאַרטראָגט נישט קיין עוולות לגבי דער מענטשלעכקייט. די צייט צעטרעט יעדן איינעם, ווער עס איז עובר אויף די געזעצן פון דער עלעמענטאַרער מאָראַל.

— דאָס איז אונדזער דייטשלאַנד! — האָט ניקקעל זיך געביסן די ליפּן. ער האָט געשאָטן פייער און שוועבל אויף דער פלוטאָקראַטיע פון דער גאַנצער וועלט.

— וואָס וועט זיין פון אונדז? וואָס וויל מען פון אונדז האָבן? — האָט כעמיע געפאָרשט.

אָבער ניקקעל האָט זיך אויסגעדרייט פון אַ תשובה. קענטיק, אַז ער האָט פון עפּעס געוווסט, נאָר נישט געוואָלט די שטימונג נאָך מער פאַרדאַרבן.

— די יידן, יאָ... די יידן פון פּוילן האָב איך קענען געלערנט נאָך אין דער צייט פון וועלט־קריג. צווייפלט נישט, אַז אייערע ברידער באַזיצן אחוץ זייערע מעלות ווי ענערגיע און אויסדויער, אויך גרויסע חסרונות. מיר דייטשן האָבן נישט ליב קיין צעווייקטע פּנימער, געבאָליעטע הענט און דורכזיכטיק לייב. אָבער וועלכעס פאָלק האָט נישט קיין חסרונות...

— אַיין זאַך קען איך אייך בלויז זאָגן — האָט ער געענטפערט אויף דעם אלעם — די יידן־פראגע אין אלגעמיין איז א פראגע פון אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. פאַרענטפערן די פראגע וועט בלויז דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט איינמאָל פאר אלעמאָל — צי איר ווילט אָדער ווילט נישט — אָפּשאַפן די מחיצה פון רייך און אָרעם, און — אפשר ווילט איר נישט — אויך צווישן פאָלק און פאָלק... יאָ, פיליכט קומט עס נישט גלייך — ס'מאַכט נישט אויס... דער וועג פון פראָגרעס איז אָנגעצייכנט פון די טעכנישע דערגרייכונגען. יעטווועדע שטע־רונג קען דעם גאַנג פון דער געשיכטע בלויז האַמעווען, אָבער נישט אָפּווענדן. די צייט האָט געדולד...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול. א ווײַלע איז ער געבליבן שטיין, ווי זיך אין עפּעס דערמאָנענדיק.

— איך צווייפל נישט, אַז מיט וועמענס זיג דער קריג זאָל זיך נישט ענדיקן— די פּראָדוקטיווקייט פון יידישן פאָלק, און גראָד פון באַדראָטן צערואינירטן טייל, וועט שטייגן מיט א געוואלדיקער קראַפט. איך האָב זיינסגלייכן אָבסערווירט נאָך דעם פאָריקן קריג...

— יאָ, עס וואָלט נאָך מיט אייך אזוי שלעכט נישט געווען, ווען נישט אייערע אייגענע מויל־אייזלען... איך מיין די געמישטע, וועלכע זענען לויט זייער אָפּשטאַ־מונג האַלב־פערד און האַלב־אייזל — די אזוי גערופענע פאָלקס־דייטשן. אָט די ברואים האָבן די אמביציע נאָכצומאַכן אַלדאָס־בייז פון אונדזערע אַדאָלפס און האַנסענס. זיי באַמיען זיך דרייפאכיק צו איבערשטייגן זייערע פארברעכערישע אכזריותן.

אלבערט, וועלכער האָט אויף דער צייט זיך פארגעסן אלע זיינע חולאתן, האָט גענומען א לעבעדיקן אָנטייל אין שמועס.

— איך דענק, אַז נאָכן קריג וועלן קלאָר ווערן פאַר דער וועלט די גרויסע מעלות פון דעם דורכשניטלעכן יידן — האָט ער גערעדט מיט אַן עכטן דייטש — זיין אויסגעהאַלטנקייט און צוגעפּאַסטקייט צו די פאַטאַלסטע באַדינגונגען. די צייט וועט זיך ענדערן, ער וועט אָבער האַלטן פאַר א באַזונדערן זכות צו האָבן דורכגעמאַכט די אלע אכזריותן אויפן אייגענעם לייב.

ניקקעל האָט זיך געבאָדן אין רויך פון זיין פּאַפּיראָס:

— אכזריותן? יאָ... די אכזריותן פון אונדזערע „קולטור־מענטשן“ שטייגן איבער די אכזריותן פון די פּרימיטיווסטע באַרבאַרן אויך דערפאַר, ווייל זיי זענען געוואָרן א סיסטעם, וועלכער האָט געשאַפן פאר זיי „מאָראַלישע“ באַרעכטיקונג... ווי עס זאָל נישט זיין — דער וועג איז א פאַלשער, און פריער צו שפּעטער פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. ווייל דערשיינונגען פון טיראַניע זענען שטענדיק געווען סימפּטאָמען פון שטאַרבן און נישט פון געבוירן.

זיי האָבן גערעדט וועגן ראַסיזם, וועגן דער סאָציאַלער אָרדענונג נאָכן קריג, וועגן סיסטעמען.

— דער גרעסטער שונא פון דער קולטור איז דער היהשער עגאָיזם, דער טרעפלעכסטער סיסטעם וועט זיין דער, וואָס וועט זיין אימשטאַנד אָט די שעדלעכע איינגשאַפט צו צוימען. דער ראַסיזם, וועלכער שאַפט א באַריער צווישן מענטש און מענטש, ווי אויך דער גאַנצער סיסטעם פון פאַשיזם, באַזירט אויפן היהשן עגאָיזם, אויף דער שענדלעכער מחיצה צווישן מאַסן און מאַסן, צווישן נאַציע און נאַציע, וועט פריער צו שפּעטער מוזן איינפאַלן, אָדער צעבלאָזט ווערן ווי נבלהשער שטויב. סיסטעמען וועלן זיך ענדערן, און שטענדיק וועט דער בעסערער טייל פון דער מענטשהייט שטרעבן דערצו, דעם תהום צווישן מענטש און מענטש צו פאַרשיטן אָבער נישט צו פאַרטיפן.

* * *

...מאַרישע האָט געפירט דאָס געשעפט. נישט קוקנדיק אויף דעם אויפשריפט „פאר יידן דער איינטריט שטרענג פאַרבאָטן“, איז די צאָל עסערס געווען א מינימאַלע. ווען עמעץ פלעגט קומען באַשטעלן א פּאָרציע, פלעגט מאַרישע אַריינשרייען צום קוכער דורך א קליין פענצטערל:

— בעבעלעך־זופּ איינס!

זעלטענער איז אויסגעפאַלן „בעבעלעך־זופּ צוויי“ אָדער „פּליאַקעס“. כאָטש אויסדריקלעך איז ביי דער טיר געהאָנגען א שילדל: „היינט פליאַקעס“, האָט זעלטן ווער פון די אַרבעטלאָזע אַריינגייער זיך דערלויבט אויפן מאכל.

מאַזור האָט געגאַוועט אויף זיין געלעגער א שכורער.

— ס'איז אַזוי ווי איך האָב פאָרויסגעזאָגט, — האָט ער מודיע געווען דער וועלט—ענגלאַנד וועט אונטערגיין. די דעמאָקראַטיע האָט נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן. דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ האָבן בלויז די מלוכות פון דער אַקס... צום דאָנערוועטער! מיין עלטער זיידע איז געווען א דייטש, איך בין אן עכטער גערמאַן, — האָט ער צו וויסן געטון — און מיין זון וואָיטעק איז קאָמענדאַנט פון בעלזשיץ.

מאַזור פילט זיך פאַרלאָזן פון אַלע. די פירמע „אירענאַ“ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אויך די אירענע פון בלוט און פלייש האָט אויפגעהערט צו דינען

פאר מאזורס פארגעניגן און איז אוועק פון איר צימער, וועלכן זי האָט פארנו־מען. מאזורס צווייטע העלפט מארישע האָט זיך אָפּגעקערט פון איר געזעצלעכן מאַן. מער ווי איר הינטער־חלק האָט ער פאר זיך נישט געזען. זי האָט זיך אָפּגע־זאָגט מיט אים צו רעדן.

מאַזור האָט איצט כסדר געשיכורט. ווי אַן עובר־בטל איז ער ארומגעקראָכן איבער דער שטאָט. איבער זיין היטלער־פריזור איז ארומגעקראָכן אומפליים. אי־בער זיינע וואָנצן האָט געדונגען פון דער נאָז.

עס איז געווען א חגא־טאָג. מאַזור האָט ארויסגעצויגן אויפן קאָפּ דעם קו־כערס ווייסע קופקע, זיך ארומגעוויקלט מיטן פארשמאָלצענעם פארטוך און אָנ־געהויבן באַלעבאַטעווען.

אויפן גרילצענדיקן צורוף פון מארישען: „קאַפּושניאַק צוויי" האָט דורך דער פּירקאַנטיקער קיך־פורטקע זיך אריינגעשאַרט צום עס־צימער א שיסלקע בליג־צעס, אָנגעפילטע מיט איינגעמאַכטס, ווי אויך א שיסלקע מיט מילכיקע פערפל, וואָס מאַרישע האָט צוגעגרייט פאר אירע קליינע קעצלעך.

ווען מאַרישע האָט אַ פאַרוואונדערטע אַריינגעשטעקט איר קאַנטיקע געמבע אין דער אָפּגעפאַרבטער פורטקע, צו געוויר ווערן פון וואַנען עס נעמט זיך דער הימלישער מן, האָט זי דערזען פאר זיך דאָס געשטאַלט פון איר פאַרוואַנדלטן זיווג, ווי ער שטויסט מיטן מעשענעם מערזער אין אַ געפּרעגלטן קעלבערנעם קאָטלעט... אזוי ווי דאָס דעליקאַטע מאכל האָט ספּעציעל זיך געבראָטן פאר מאַ־רישעס פאַרוואונדעטן ברודער, וועמען דאָקטוירים האָבן באַפוילן זיך צו האַלטן ביי אַ פּינקטלעכער שטרענגער דיעטע, האָט זי געווונטשן איר מאַן אַ ליכטיקן גן־עדן מיט אַ צוגאָב — אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ צווישן צדיקים און הייליקע, אויף וואָס מאַזור האָט פון זיין זייט אַרויסגעשאָלט דורכן לאַד:

— פאָלנישער שוויין און מער גאָרנישט.

מאַרישעס ברודער, אַ געוועזענער רעזערוו־אָפיציר אין דער פוילישער אַר־מיי, האָט געמרוקעט צווישן ראַזירטע ליפּן וועגן זיין שוואָגער:

— ער מאַכט אונדז בזיונות אין דער משפחה. די האַלטונג פון מיין חשובן שוואָגער שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך פון זיין שטאַנד...

אַלס ענטפער אויפן שוואָגערס אַפּעלירן צום געפיל פון כבוד האָט אָבער מאַזור אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די הויזן, צו אַנטבלויזן זיין פיגור.

* * *

נאָכאַמאָל יעסיען. עס רעגנט אָן אויפהער. אַרום די צייטונגס־קיאָסקן קלויבן זיך הייפלעך מענטשן, צו לייענען די קעפּלעך פון די נייעסטע אויסגאַבן. די מע־גאַפאָגען־הילכער זאָגן אָן נצחונות פון דייטשישן מיליטער. „לאָנדאָן ווערט באָמ־

באַרדירט", „לאָגראָן װערט עװאַקואירט"... עקסטרע אויסגאַבן אין יאָרטאָג פון אײַננעמען װאַרשע זאָגן אָן אַ מיליטערישן בונד פון יאַפּאַן מיט דײַטשלאַנד און איטאַליע.

אונטערן אויסרייד פון פּאַרזיכטס-מיטלען קעגן עפּידעמיעס װערן אָפּגעטיילט גאַסן פון גאַסן. געמויערטע װענט האַמעװען די באַװעגונג אין דער יידישער געגנט װי אויך אין דער געגנט פון פּױלישן אַרבעטער-קלאַס.

צי װעט דער קריג זיך פאַרציען? װעט צװישן די װענט נישט געשאַפן װערן אַ געטאָ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג? דער בײַשפּיל פון לאָדזש איז געשטאַנען פאַר די אויגן, האָט געמאַכט גליװערן דאָס בלוט פון די יידישע מאַסן, װעלכע האָבן געװױנט אויסער די גרענעצן פון די געמויערטע צוימען.

דעם 12-טן אָקטאָבער 2 בײַטאָג[1] — מיט אַ כיוון אין טאָג פון יום-כיפּור — האָבן די מעגאַפאָנען-סטאַציעס אַרויסגעהילכט די „בשורה" װעגן געטאָ. אין אַ מינוט אַרום איז אַלץ אַרײַן אין באַװעגונג, מען האָט דיסקוטירט װעגן גרענעצן און זיך געגרייט אַדורכצומאַכן די זעלביקע װאַנדערונג, װאָס לאָדזש האָט אַדורכגעלעבט מיט חדשים צוריק. צװישן אַנדערע װעט די יידישע װאַרשע געדענקען די דאַטע. און נישט בלויז די יידישע — אויך קריסטן האָבן זיך געמוזט אַרויסציען, פרײַ מאַכן פּלאַץ פאַר טויזנטער דײַטשן, װעלכע זענען געװאָרן עװאַקואירט פון באַדראָטע שטעט צוליבן אָנגרייפן פון דער לופט.

די נאַכט איז אַריבער אין שפּאַנונג. אויפצומאָרגנס זענען נישט קלאָר געװאָרן די גרענעצן צװישן דער קריסטלעכער און יידישער באַפעלקערונג. אָבער געפּאַקט האָט מען זיך. װי דער אָװנט איז צוגעפאַלן, זענען גאַסן פול געװאָרן מיט מעבל און בעטצײַג.

יעדערער האָט געצױגן װו ער האָט געמיינט, אז די געפאַר װעט אים אויסמײַדן.

דעם 16-טן אָקטאָבער איז דערשינען אַ געדרוקטע פאַראָרדענונג פון דער מאַכט מיטן אויסרעכענען די גרענעצנדיקע גאַסן. די גרענעצן זענען לעת-עתה נישט געװען קיין גענויע. דער ענדגילטיקער טערמין פון איבערציען זיך איז אָבער געװען פעסטגעשטעלט אויפן 1-טן נאָװעמבער.

די באַדראָטע האָבן אויסגעזען װי פאַרמשפּטע. זיי זענען אַרומגעגאַנגען בלאַסע, דענערװירטע.

— װאָס װעט זײַן? װאָס װיל מען פון אונדז מאַכן? צי װעט מען דערלויבן אַרויספירן דאָס בעטצײַג און אָנטאָן?

געפּאַקטע װעגענער מיט װירטשאַפט האָבן געשלײַכט אין דער שטיל. אויף די גאַסן האָבן יידן און קריסטן זיך געטראָפן — צו פאַרטױשן די דירות פרײַװיליק, נאָך פאַרן טערמין.

[1] אין יאָר 1940 — באַמ. פון רעד.

די מינדסטע פֿאַרשפּעטיקונג פֿון טערמין האָט געדראָט מיט אומצייליקע קאָנסעקווענצן. איז די שטימונג געווען אַזאַ ווי אַ פּלוצלינגער הוראַגאַן וואָלט אַראָפּגעריסן דעם דאַך און פֿונאַנדערגעטרייסלט די ווענט, ווי די גאַנצע ערד וואָלט אונטער די פֿיס זיך געוואַקלט.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פֿון די, וועמענס גורל ס'איז געווען אומבאַקאַנט. ווי פֿלאַמען פֿייער וואָלטן זיך געוואָרפֿן פֿון עק אין עק און יעדעס מאָל אָנגעצונדן אַ פֿריש הויז.

אַזוי ווי אין די טעג פֿון דער קאַנאָנאַדע, האָבן מענטשן געווירבלט ווי מוראַשקעס אַהין און צוריק, אָן ריכטונג און ציל, פֿריי געמאַכט ווינונגען, הויפֿן און גאַסן.

ווי פֿאַראומערטע האָבן אויסגעקוקט די פֿאַרלאָזטע שטומע ווענט. ווענט אַדורכגעזאַפּטע מיט היימישער צערטלעכקייט, אַדורכגעוואַרעמטע מיט קינדערישער פֿאַנטאַזיע-שפּיל, מיט וויג-ליד און ראָמאַנטישקייט.

פֿון מינוט צו מינוט איז געוואַקסן די שפּאַנונג.

אָוונטצייט האָבן ווענט געשראָקן מיט בלינדקייט. די צאָל אויסגעלאָשענע פֿענצטער-שויבן האָבן זיך געמערט מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט.

אין די נעכט האָבן גאַס-לאַמטערן באַלויכטן די בלאָקן, און ס'וואָלט קיינער נישט געזאָגט, אַז די הייזער זענען שוין לער, ווי אויסגעשטאָפּטע פֿעלן, פֿון וועלכע לייב-און-לעבן איז אַנטלאָפֿן מיטאַמאָל.

אין די טעג איז אויף די מויערן געלעגן אַ געליימטע בענקשאַפֿט. זייער שטיינערן שווייגן האָט אויסגעדריקט גרויליקן ווייטיק פֿון אַ שטומען ריז. זייערע פֿענצטער האָבן געגלאַנצט ווי אויגן פֿון אָקסן, וועמענס לעצטע ביסל בלוט ס'איז אַנטרונען פֿון געשאָכטענעם האַלדז.

אַ וואָלקן פֿון טרערן איז געהאָנגען איבער די דעכער פֿון יידישע און נישט-יידישע הייזער. די שטאָט פֿון טרוים איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן וואַלד, וווּ אין הויפֿנס פֿון מיסט און נבֿלה שאַרפֿן זייערע שנוקן די ווילדסטע חזירים.

ס'האָבן זיך אָנגערוקט די לעצטע טעג פֿון טערמין. די באַמיונגען וועגן אָפּלייגן אויף אַ צייט די גזירה האָט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. פֿאַרקערט, מיט יעטוועדן טאָג זענען הייזער און גאַסן געוואָרן אָפּגעשניטן פֿון דעם יידישן אינדזל. די גליקלעכע יידן, וועלכע האָבן זייערע ווינונגען שוין געהאַט פֿאַרטוישט מיט קריסטן, זענען געוואָרן נאָכאַמאָל דאַכלאָז און געזוכט אויפֿסניי. דערצו איז די צאָל פֿון די קריסטלעכע ווינונגען, וועלכע האָבן געמוזט פֿאַרטוישט ווערן אויף יידישע, געווען קליין און צוליב טאָג-טעגלעכע ענדערונגען וואָס אַמאָל קלענער. דער שאָטן פֿון דאַכלאָזיקייט האָט זיך געשטעלט פֿאַר די אויגן פֿון טויזנטער

משפּחות. די אָרעמע זענען אַרומגעלאָפן צעהושעט, מיט שווערקייט אויפן האַרצן. אין געאײל אָפּגעדונגען צימערן און קיכן. אָבער אויך דאָס האָט פּאַרפעלט. יידן בײ יידן האָבן פּאַרלאַנגט פּרײזן. מען איז שוין געזעסן צו 4 און צו 8 אין איין צימער. און נאָך אַלץ האָט דער שטראָם פון די דינגערס נישט נאָכגעלאָזט.

ביי בעמיען אויף זאַמענהאַף האָט געשווימלט פון קרובים און באַקאַנטע. די אוביקאַציע איז תמיד געווען פּאַרנומען, דאָסגלייכן דאָס באָד־צימער. מירן האָבן זיך געעפנט און פּאַרמאַכט. בעמיע האָט זיך כסדר געקלאָגט, אַז די צונג־ווינטן און דאָס טומלען מאַכן אים קראַנק. דערביי זענען די לאַקאַטאָרן נישט איינגע־שטאַנען אויף איין אָרט, אַפילו אַ מינוט. מען האָט אויסגעפּאַקט און פּאַרפּאַקט. די, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, זענען אַרומגעגאַנגען אין דע־נערווירונג און צעשטרייטקייט פון צימער אין צימער, געזיפצט אויפן קול.

אַלץ האָט געקרעכצט. אַפילו דער סופיט איבערן קאָפּ האָט געקרעכצט פון דער שווערער משא, וואָס ער האָט איצט געמוזט טראָגן אויף זיך. אין יעדן צי־מער פון אייבערשטן שטאָק איז געזעסן אַ צענטליק. דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום זיך אין אַ ראָד, האָט געדרעפּטשעט אַראָפּ.

אַלבערטס פרוי, גוטע, וועלכע איז אַגב געווען בעמיעס ליבלעכע שוועסטער, איז געגאַנגען צו קינד. ביימאָג האָט אַלבערט דענערווירט בעמיען מיט זיין אָכצן און קרעכצן. דאָס קינד האָט אים צוגענומען די רו בײ דער נאַכט. אחוץ דעם איז דער הויף פון באַגינען פול געווען מיט ליאַרעם פון אַלטוואַרג־קויפער, פון זינ־גערס־בעטלער בלערליי מינים. די פראָנט־פענצטער האָבן איינגעזאַפּט געשרייען פון דער גאַס. בעמיע איז תמיד געווען אויפגערעגט. דערצו איז צוגעקומען דער צער צו די קליינע און גרויסע מלוכות, ווי דער גאַנצער וועלט בכלל... כאָטש בעמיע האָט געגלייבט אין רביים און פּסוקים, וועלכע האָבן מרמז געווען דעם סוף פון די יידישע צרות, ווי דעם אויפקום פון קדושה און גערעכטיקייט.

אַזוי לאַנג ווי „אירענאַ" — די סימבאַלישע — האָט עקזיסטירט, האָט נישט געפעלט קיין פּרנסה. אָבער איצט איז אויסגעקומען צו לעבן פון גרייטן, צו זיצן אין אַ ביליקן קאַפע מיט באַקאַנטע, צו וואַרטן אויף מישטיינסגעזאָגט טויטע רווחים.

און פּערלע האָט זיך געהאַלטן ביים מוט. אירע קליידער האָבן, אחוץ זייער אויפגאַבע צו באַדעקן דעם קערפּער, געהאַט אויך די דעליקאַטע פליכט צו איינ־האַלטן פון צעשוואָמען זיך אירע פאַרצערטע מוסקולן.

די אינדיטשקע, וועלכע פּערלע האָט אין די יום־טובים־טעג נישט באַוויזן צו קוילען, האָט געבעבעט אויפן באַלקאָן מיט אַ קינדיש קול. אין אַזעלכע טעג ווירקט אַ זאָרגלאָזע שטים פון אַ קינד, פון אַ שטוב־חיה און אויך פון אַ עוף. עס איז גע־נוג, אַז אַ הון, אַ צוגעבונדענע צום באַלקאָן, זאָל אויסזינגען איר מוטער־ליד נאָכן לייגן אַן איי, אַז דאָס האַרץ זאָל ווערן פול מיט האָפענונג און פרייד, אויך מיט

גליבן אין דער צוקונפט, אַז פאַר די אויגן זאָל אויפשטראַלן אַ הימל און אַ לאַנקע מיט שפּראָצנדיקן שמעקעוודיקן גראָז.

די שפּראַך פון דער אינדיטשקע האָט גערעדט צו די הערצער פון אַלע צוגויפגעלאָפענע. איר קינדעריש מיאַמלען האָט געווירקט ווי באַלזאַם אויף זייערע צעשרויפטע נערוון.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבער געווירקט אויף די אָנוועזנדיקע דער מוזיקאַלישער דיבוק. ער האָט געשטעקט אין איינעם פון די פּראַגער — אין בעמיעם שווער. דער גאַסט איז אַרומגעגאַנגען איינגעשפּאַרט די הענט אין זיין בייכל און כסדר געמרוקעט איין־און־דעמזעלביקן ימים־נוראימדיקן מאָנאָטאָנעם ניגון — אַ טרויעריקן און נאָגנדיקן ביז חלשות. דער ייִד האָט כסדר געציקלט נגונים פון מחזור, האָט אויסגעשריגן מיט איינמאָל:

— המלך!...

בעמיע האָט אים געפרעגט דעליקאַט: צי איז ער נישט אַ בעלן דעם פּאָסטן פון בעל־תפילה אין זעלביקן הויף. יענער האָט אָבער נישט געדענקט, וואָס מיט אים איז געשען.

— כ'הער נישט...

דאָס איז געווען די געוויינלעכע תשובה אויף אַלע פראַגן, וואָס זענען געווען צו אים געווענדעט.

זיין ווייב, בעמיעס שוויגער, האָט געשמעקט פון די כלים, געבודקט דאָס כשרות. אַלע האָבן געשפּירט, אַז מיט יעדן טאָג שטאַרקט זיך איר דעה, זי לאָזט אין גאַנג אירע טרוקענע הענט און זייט מחלוקת אויף יעדן טראָט. זייענדיק טויב, שרייט זי אַליין, און מען מוז צו איר שרייען. זי דרינגט אַריין מיט לייב און לעבן אין יעטווערן שמועס, ווייל אַלץ אינטערעסירט זי. יעדעס פּרעפּלען מיט די ליפּן ווערן איבערגעחזרט פאַר איר ספּעציעל אין אזא טאָן, פון וועלכן בעמיעס אויגן גייען אַרויס פון די ראַמען פאַר פאַרצווייפלונג. פּלוצעם דערמאָנט זי זיך: אין אירע יאָרן קאָן זי זיך דערלויבן צו זיצן ביי קינדער ווי אַ פּריצטע אויף פּענסיע, קינדער מוזן איר אלצדינג בהרחבהדיק צושטעלן.

— איך האָב אייך אויסגעהאָדעוועט מיינע טייערע און געגעבן אייך מענער, — מענהט זי מיט תקיפות און וויל נישט אָפּטרעטן פון אירס אויף אַ האָר.

אָבער ווער ווי ווער, בעמיע האָט וועגן זיין שוויגער אַן אַנדער מיינונג. אָנגעהויבן פון הענט־קושן און רופן זי „מוטער“, ענדערט ער ענדלעך דעם טאָן און שרייט אויס מיט אַלע כוחות:

— גייט אַוועק פון וואַנען איר זענט געקומען! כ'האָב גאָר אייך נישט געשיקט!

עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אַפילו גוטע, וואָס האָט איר האַלב לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ שטילע געלאַסענע פּאַווע, איז אויך געוואָרן רעדעוודיק. צום

ערשטן מאָל, זייט זייער צוזאַמען לעבן, האָט זי אַרויסגעזאָגט איר מאַן, אַלבערטן, איר מיינונג וועגן דער הויכקייט און ווערט פון זיין גייסטיקן צושטאַנד. אָבער אין אַזאַ האַסטיקן און צערעמאָניעלאָזן טאָן, אַז ער האָט מיט איינמאָל פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אומגעהויערער תהום עס טיילט אָפּ אָפּטמאָל מאַן און ווייב.

— דריי יאָר האָב איך געלעבט מיט אַ נאַר, מיט אַ גלאָמפּ... די בעסטע יאָרן פונעם לעבן מיט אַ פערד, מיט אַן אייזל געפּטרט, — האָט גוטע אַראָפּגערעדט פון האַרץ און אויסגעשפּיגן: — אידיאָט!

אַלבערט האָט פון זיין זייט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן. אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערשפּירט אַן אינערלעכע באַפרייטקייט פון אַלע באַנדן, וואָס בינדן צוזאַמען קרובהשאַפט און פאַמיליע־לעבן. ער האָט זיך מיטאַיינמאָל דערזען ווי אַ פרייער פויגל, וועלכער איז נישט מחויב צו זאָרגן פאַרן געזונט פון זיינע אָנגעהעריקע, ווייל זיי זענען זיך צעפלויגן יעדערער באַזונדער לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד.

אַלבערט, וואָס האָט זייט דער אָקופּאַציע נישט פאַרלאָזן די ווענט פון זיין שטוב, מורא געהאַט צו טרעפן זיך אויג אויף אויג מיט אַ מונדירטן פאַרשוין, האָט אָבער איצט אין גאַייל אַרויסגעצויגן דעם מאַנטל. נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, איז ער אַרוים אויף דער גאַס.

גוטע האָט זיך גענומען אויך פאַר די אַנדערע, כדי אויסגלייכן איר חשבון מיט אַלבערטן, לגבי וועמען זי האָט דאָך אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. כדי היימישער, ווייבער־מאַכן דעם טעמפּן קלאַנג פון צונאָמען „אייזל“ און „אידיאָט“, האָט זי געקרוינט מיט די זעלביקע פאַרגלייכן אויך די איבעריקע אָנוועזנדיקע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אָדער בלויז זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער קיך — פערלען פאַר איר פיינשמעקנדיקן אַפּעטיט, מינען פאַר איר פילאַנטראָפּישן געיעג...

אָבער גאָר באַזונדער האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט עסטושען, וועלכע האָט זיך אויך אהער געמוזט אריינציען צוזאַמען מיט וואָלפן. גוטע האָט איר געטאַדלט פאַר איר פּלעגמאַטישקייט און נאַכלעסיקייט. און עסטושע איז טאַקע באמת געוואָרן פויל און אַפּאַטיש.

און ווייל גוטע האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ ביין געוויסן לגבי איר מאַן, האָט זי פון העלער הויט אָנגעהויבן ספּאַזמירן, אַרויסגעבנדיק פון זיך משונהדיקע קולות.

די נאַכט איז געווען אַן אומרואיקע, ווייל אַלבערט איז נישט געקומען און אויך נישט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, וואָס איז געווען טעטיק אין אַ שכנישער וווינונג. די גאַנצע נאַכט האָט גוטע געוויינט. גוטע האָט, דערזעענדיק איר מאַן, זיך אַזוי איבערגענומען פאַר פרייד, אַז זי האָט אים געקושט אין די ליפּן פאַר מענטשן אין די אויגן, אים אַרומגענומען, זיך פאַרענטפערט:

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין דענערווירט, אַז עס פּאַלט מיר פון די הענט, אז דאָס לעבן איז נמאס!?

אלבערט האָט געשמייכלט, געפינענדיק, אז זיין ווייבל פארמאָגט פיל חן נאָך מער ווי פריער. אָבער פון דעם אלעם איז כעמיע ארומגעלאָפן מיט צעווירענע האָר. זיינע דיקע ליפּן זענען געוואָרן גרעבער פון מינוט צו מינוט און זיין קול האָט זיך געשטאַרקט:

— כ'וועל אַנטלויפן פון דאַנען, ווו די אויגן וועלן טראָגן.

ער האָט געשפּירט אַ שווינדלען אין די אויגן און אַ שווערקייט אין קאָפּ. ער האָט געריסן פון זיך אַליין שטיקער פלייש פון פאַרצווייפלונג.

— ווי וועט מען לעבן? צי וועט אַזוי בלייבן? ווען וועט זיך ענדיקן דער פּאַטאַלער קריג?

די פּלענער פון דער מאַכט זענען געווען צוגעדעקט מיט אַ שלייער פון געהיימעניש — צי וועט דאָס געטאָ זיין אַן אָפענער, אַז קריסטן און יידן זאָלן זיך קאָנען קאָמוניקירן, אָדער אַ געשלאָסענער, ווי אין לאָדזש, ווו יידן זענען פון חדשים לאַנג פאַראורטיילט צום הונגער־ און עפּידעמיע־טויט. און אפשר... ווער ווייסט? אפשר איז די גאַנצע פאַראָרדענונג בלויז אַ מיטל צו אויספּרעסן אַ קאָנטריבוציע פון דער יידישער באַפעלקערונג? אָפּטימיסטן האָבן געגלייבט, אַז די גזירה וועגן געטאָ וועט אָפּגעלייגט ווערן ווי אין פאָריקן יאָר.

אַזוי ווי דער טערמין פון שאַפן דעם יידישע באַצירק איז אָפּגעלייגט געוואָרן דורך דער מאַכט אויף אַ האַלבן חודש, האָט אַלבערט, ווי געווינלעך, פּאָליטיקירט:

— דער גאַנצער ענין־געטאָ איז אַ שפּיצל פון פּראָפּאַגאַנדע־אַמט, כדי נאָכאַמאָל צו געווינען פאר זיך דעם בלינדן אַנטיסעמיטישן המון. דאָס געטאָ וועט זיין בפירוש אַן אָפענער, ווייל דאָס פאַרמאַכן דעם געטאָ וואָלט שאָדן געבראַכט דעם דאָרף און דערווירטשאַפט בכלל...

—יאָ, — האָט אַלבערט נאָכגעגעבן — וויבאַלד עס וועט זיין נייטיק צו אונטערוואַרפן אַ ביינדל די אַנטיסעמיטן, וועט די מאַכט, נישט קוקנדיק אויף אַלע נעגאַטיווע רעזולטאַטן, דאָס געטאָ פאַרמאַכן.

דערביי האָט אַלבערט פאָרגעלייגט אויפן קול א רעדע פון פראנקן, ווו ער דרשנט וועגן דעם, אז פוילן (גענעראל גווערנעמענט) איז א טייל פון דייטשישן רייך.

אָבער דעם 15־טן נאָוועמבער, פּונקט 12 ביינאַכט איז צושטאַנדגעקומען דער פאקט, וועלכער האָט קיינעם זיך נישט געלאָזט גלייבן. א וואך פון דייטשע פּאָליציי אין העלמען האָט באַזעצט יענע דורכגענג צווישן די יידישע און קריסטלעכע גאַסן, וועלכע זענען צוליב קאָמוניקאַציע־סיבות נישט געווען פאַרמויערט.

ווען וואַרשעווער איינוווינער האָבן 5 פאַרטאָג זיך געלאָזט גיין צו זייער טאָגטעגלעכער אַרבעט, זענען זיי געבליבן דערשטוינט פון דער פרישער דערשיינונג:

די ייִדישע געגנט איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן אויף אַלע שלעסער פון דער אויסער־לעכער וועלט. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט אומזיסט האָבן די פּאַרמעג־לעכע טיילן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אָנגעגרייט פּראָוויאַנט. די פּרייזן פון לעבנס־מיטל האָבן זיך גלייך געהויבן. ברויט און קאַרטאָפל האָבן פאַרפעלט מיט־אַמאָל אויף ביידע זייטן. און כאָטש קריסטן האָבן נאָך (אין משך פון 10 טעג) יאָ געמעגט אַדורכגיין די פאַרבאָטענע ליניע, זענען די פרייזן פון לעבנס־מיטל כסדר געשטיגן.

אונטער פּערלען האָט געברענט די ערד. זי האָט געכאַפּט פויערטעס פון דער גאַס, געצאָלט פּרייזן, זיך געדונגען און אויסגעדונגען. אין אַ ווינקל פון עסצימער זענען געלעגן קעפּלעך קרויט, מייערן, בוראַקעס און קאַרטאָפל, אויך סאַלעטרע און פּיעטרושקע. ווי די וועלט וואָלט זיך געגרייט אויף אַ מבול, און דער הונגער־טויט וואָלט געלויערט מיט בלוטלאָזע אויגן טאַקע דאָ ביי בעמיען אויף דער שוועל.

די אָפּטע רעוויזיעס אין שכנישע הויפן זענען בעמיען אַריין אין די ביינער.

— מען נעמט צו דעם לעצטן ביסן, — האָט אייגער דעם צווייטן מודיע גע־יוען מיט שרעק — סיי מעבל, סיי בעטגעוואַנט, דעם גאַנצן פאַרמעג...

בעמיען האָט געוואָרפן אין קעלט. ער האָט געשליידערט מיט די טירן, אַז שויבן און ווענט האָבן זיך כסדר געטרייסלט.

— טירן! פאַרוואָס לאָזט איר אָפן די טירן?

אַלע טירן האָבן געמוזט זיין פאַרהאַקט. פון צימער אין צימער, פון עס־שטוב אין קיך... עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער מענטש וואָלט גע־וואָלט איינגאַנצן זיך אָפּשליסן פון דער דרויסנדיקער וועלט און שאַפן אַ וועלט פאַר זיך אַליין, מיטן פאַרמלחמהדיקן קאַפּיטאַליסטישן פּוילן, מיט מאַקסוועקעס און „אָביאַדן“, ווי אויך מיט עכטן „פּעכעליוש“.

געליטן פון אים האָבן איצט די לאָקאַטאָרן, בתוכם די שוועסטער און דער שוואָגער, ווי אויך דער אייגענער זון. אויף לייבושן האָט ער געבילט ווי אַ הונט, אַ בולדאָג, אַז ער איז נישט קיין לייט, ווייל ער שפּאָרט נישט קיין גראָשן.

און טאַקע ער, בעמיע, האָט איבערגעשטיגן אַלעמען אין הויכן טאָן ווי אויך אין אויסדריקלעכער אויסשפּראַך:

— דירה־געלט! אַ דירה קאָסט, באַלייכטונג קאָסט, באַהייצונג...

די אַקציע מיטן מאָנען דירה־געלט האָט ווי אַ דונער איינגעשלאָגן אויך די שוועסטער מיט דעם שוואָגער. אָבער ערגער פאַר אַלע האָט זי געטראָפן מינען, וו'עלכע האָט קיין מזומנעם גראָשן נישט פאַרמאָגט ביי איר נשמה. וואָלפאָווע האָט צוגעזאָגט איר צו באָרגן. בכלל האָט עסטושע זיך געוואונדערט. פון איר כאַ־ראַקטער זענען ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן קליינלעכקייט און קאַרגשאַפט, און דער עיקר — דער פּרעס האָט פאַרלוירן דעם חן. נאָכמער, זי האָט זיך געוווּנדערט

אויף איר אייגענער שוועסטער, אויף פּערלען, וועלכע האָט איר איצט געדינט פּאַר אַ שפּיגל פון אירע אייגענע איבערזעטיקטע טעג.

קוים איז דערליידיקט געוואָרן די אַקציע פון דירה-געלט, האָט בעמיע אויפגעהויבן פרישע פראַגן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שוועבעלעך און קלאָזעטן-פּאַפּיר. און — דער עיקר — וועגן קוילן צו באַהייצן די אויוונס. איבער די קעפּ פון די לאָקאַטאָרן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַמערקונגען:

— ווישט אָפּ, זייט מוחל, די פּיס, ווען איר קומט אַריין פון דער קיך.

— דרייט אויס אין קאָרידאָר די עלעקטרע... ס'ליכט איז נישט בחינם.

פון פּויליש רעדן איז ער איבערגעגאַנגען אויף פּוילישן יידיש:

— יאך בין א מענטש אָן צערעמאָניעס, — האָט ער זיך רעקאָמענדירט פאַר די סובלאָקאטאָרן, וועלכע האָבן זיך כסדר געבויגן אונטער זיין שנײַידנדיקער מאכט.

— — — — — — — — — — — — —

...געטאָ. מען שלאָפט אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעלייגט אין ענגשאַפט איינער לעם אַנדערן אויפן געראַטעוועטן בעטגעוואַנט. עמעצער שרייט פון שלאָף, עמעצער כראָפּעט, עמעצער קריגט זיך אָדער לאַכט. דאָס קינד צעוויינט זיך. דורך די פענצטער זיפּט זיך די בלאַסע שיין פון די נאַכט-לאַמטערן. אין דרויסן איז שטיל. ווי מיטלאַלטערשע שלעסער קוקן איצט אויס אין דער שטילקייט די מויערן. מען הערט נישט קיין הויך פון קיין מענטש. בלויז פון צייט צו צייט קלינגען אָפּ שווערע שטיוול-טריט, די טריט פון דער וואַך — די ריטערס פון שייטערהויפנס און קרייצצוגן.

עס ווייעט מיט קעלט, דער ווינטער רוקט זיך אָן. בעמיעס שווער טרוקעט זיינע ימים-נוראימדיקע ניגונים מיט אַן אָפּשטאַרבנדיק קול. ווי דער ייד וואָלט מיט זיין אַריבערציען זיך פון פּראַגע אַהער צום איידעם שוין האָבן אויסגעזונגען זיין לעצט ליד.

דער אַלטער האָט געשנאָרכט מיט דער נאָז, אַריינציענדיק לופט פון די פּאַרהולנסטע ווינקעלעך אין בעמיעס וווינונג. גלייך ווי אַ הונט, האָט ער באַשמעקט דעם טינק פון די ווענט און די קאַפּל פון אויוון, זוכנדיק דערין כאָטש דעם מיגדעסטן אָנבליק פון זיין פּראַגער וווינונג, וועלכע פלעגט אַרויסשטראַלן וואַרעמקייט און געמיט.

די אינדיטשקע איז נאָך געשטאַנען אויפן באַלקאָן. מיטן געלן שנאָבל האָט זי געפּיקט איבערן גלאָז פון דער טיר-שטוב, און מיט איר בורשטינענעם אייגל געקוקט אויף די געסט. איר פּיפּסן האָט נאָך דערמאָנט דאָס פּלאַפּלען פון אַ קינד. אַזוי האָט די אינדיטשקע אויסגעמיאָמלעט מיט איר קינדעריש קול איר בענקשאַפט נאָכן פאַרלאָזטן היים-דאָרף, וווּ עס זענען פאַרבליבן אירע שוועסטער און ברידער אויפן שמעקעוודיקן טרוקענעם שטרוי. איין בעמיע האָט זיך געבייזערט:

— זי פאַרשליאָכט דעם באַלקאָן, שוין צייט זי צו שעכטן.

אויך די אינדיטשקע האָט אויסגעזונגען איר לעצט ליד — ביים שוחט אין די הענט.

VI

ביי די טייכן און זומפּן פון לובלינער געגנט האָט יידישע יוגנט געטאָן צוואנגס־אַרבעט. אונטער דער אָנפירונג פון דער וואַסער־ווירטשאַפטס־אינספּעקציע און בוי־לייטונג זענען געגרינדעט געוואָרן אַרבעטס־לאַגערן אין פאַרשידענע פונקטן. די אויפזיכט איבער די אַרבעטער האָבן געהאַט די „שוואַרצע“. בעלזשיץ, זאַמאָשטש, הרוביעשאָוו און ביאַלע, ווי אויך אַנדערע שטעטלעך און דערפער אַרום כעלעם און לובלין זענען געוואָרן עדות פון אומפאַרגעסלעכע מעשים, וועלכע וועלן זיך איינקריצן אויף דורות אין זכרון פון מאַסן.

די פעלדער האָבן געגרינט מיטן אויפגעגאַנגענעם ווינטער־ברויט. פרישע גרינזעלעך האָבן אויפגעשפּראָצט פון דער צעאַקערטער ערד, זיך געבאָדן אין בלאַסער אָקטאָבער־זון און קילן פרימאָרגנדיקן טוי.

איין טייל פון פעלד איז העכער געווען פון דער אַרומיקער פלאַך. אויף דעם שטיק האָבן זיך געבערגלט ווי שורות קברים פרישע ערד־הויפנס — אָן דענקמעלער און אויפשריפטן. און אונטער די הויפנס האָבן געטאָטשעט לעבעדיקע מענטשן, יוגנטלעכע און יונגעלייט, וועלכע פלעגן מיט גרויען באַגינען אַרויסקריכן ווי די קרעטן פון זייערע אונטערערדישע לעכער צו לויפן צום זאַמלפּונקט.

דאָס זענען געווען די געצוווּנגענע אַרבעטער, געבראַכטע אַהער פון שטעט און שטעטלעך פון פּוילן צו טרוקענען זומפּן, אויסהאַקן און בויען שאָסייען.

די אַרבעט איז געגאַנגען מיטן פולן טעמפּאָ. רידלעס שטעקן טיף אין דער ערד. די מענטשן נאָך טיפער, ווייל די ערד איז א זומפּיקע, פון תמיד א פאַרפלייצטע. אָבער איצט איז געקומען די צייט, אַז יידן פון וואַרשע, פון לובלין, געוועזענע ביוראַליסטן, סוחרים אָדער ישיבה־בחורים זאָלן אָפּפירן דאָס וואַסער, מיט איין קלאַפּ, אין געציילטע חדשים אויסטרוקענען זומפּיקע סאַדזעווקעס, וועלכע יערן שוין דאָ פון הונדערטער יאָרן...

אין די טעג האָט געמאַטערט דער הונגער. אין די נעכט איז געשטאַנען די געפאַר פון די שטשורעס. זייערע לאַנגע שוואַרצע פּיסקעס האָבן געלויערט גראָד אויף שטאַרקע, וואָס זענען, נישט געקוקט אויף פייכטקייט און קעלט, נאָך אימשטאַנד געווען צו געניסן פון קרעפטיקן שלאָף.

די צוואַנגסאַרבעט אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט פאַר יידן פון פּוילן געזאָלט באַדייטן אַ דערציונגס־קורס, ווי פראַנק האָט אים צוגעטראַכט.

קראָען קראַקען, ביימער קראַכען, אַ האָז לויפט אַרויס פון שכנישן וואַלד. מיט שוואָמען און מאָך שמעקט די רוי־ערד, און נישט איינער פון די אַרבעטער

וואָלט צוגעפאַלן צו איר מיט ליבשאַפט און צוטרויען — ווען נישט דער וואָלף, וועלכער לויערט אויף אים פון דער זייט, וועלכער איז גרייט זיך אַ וואָרף כאַן אויף אים מיט די ציין און אים צעשפּאַלטן דעם בויך. דער צווייפיסיקער וואָלף איז געשטאַנען אַ גרייטער, אין יעדער רגע צו מאַכן אַ געברויך פון זיין אָנגעלאָדענער ביקס, וואָס איז געלעגן אויף זיין האַנט.

בעתן קראַכען פון אַ בוים פלעגט אָפּהילכן גלייבצייטיק אַ קנאַל פון געווער. אַן ארבעטער אָדער צוויי פלעגן פאַלן, נישט וויסנדיק פון וואַנען און פאַרוואָס די קויל האָט זיי געטראָפן.

פיס האָבן ארויסגעשטאַרצט פון אונטער די צווייגן. פיס אין שטיוול, אין עלעגאַנטע שיך, און פיס ארומגעוויקלטע מיט שטרוי אָדער שמאַטעס.

די פּנימער פון די לעבעדיקע זענען געווען פאַרהאַרטעוועטע, די הענט ביינערדיק פון הונגער און קעלט... די ארבעט איז אָבער געגאַנגען כּסדר פאָרויס. פּיפער אין וואַלד און ווייטער אין זומפּ. אָן אַ וואָרט צו רעדן איינער מיט אַנדערן. יונג און אַלט — מעכאַניזמען אויפן באַפעל אָדער ווונק. אזוי זענען געגאַנגען טעג און חדשים אין „דערציערישער" ארבעט פאַרן יידישן פאָלק.

ווי תמיד איז די שווערסטע לאַסט פון די סיסטעמאַטישע גזירות געלעגן אויף די קעפּ פון די אומפּארמעגלעכע, די וועלכע האָבן נישט באַזעסן די נייטיקע געלט־מיטלען זיך אויסצוקויפן אויף אַ לעגאַלן אָדער אומלעגאַלן אופן.

אלבערטן האָט מען צוזאַמען מיט כעמיען אַ נעם געטון פון דער גאַס. בעת כעמיע האָט פון זיין טאַש ארויסגעגראַבלט אַ באַשטעטיקונג פון דעם יודענראַט, ווו ער זאָל האָבן מכלומרשט געארבעט, האָט אַלבערט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרזאָרגן זיך מיט געהעריקע דאָקומענטן. ווי אַ געכאַפּטער הונט אויף אַ פעטליע פון אַ היצעל, איז אלבערט ארייַנגעוואָרפן געוואָרן אין אַ צוגעגרייטן לאַסט־אויטאָ. צוזאַמען מיט צענטליקער אנדערע געפאַנגענע איז ער אוועק אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אזוי איז דעם מענטש אויסגעפאַלן צו טיילן דעם ביטערן כוס פון די אָרעמע — צוליב בלויזן פאַרזען.

פאַר זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ ווארעמע שטוב און אַ קלאָר־ווייסע בעט. כאָטש גאָכן ארויסוואַרפן אים פון זיין אייגענער וווינונג אויף מאַרשאַלקאָווסקע איז דאָס לעבן אוועק אויף אנדערע שליאַכן, האָט עס נאָך פאָרט געהאַט אַ זינען אין פאַרגלייך מיטן איצטיקן הינטישן לעבן. די אָרעמסטע פויערישע חורבה האָט דאָך אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט דער צעטרייסלטער סטאָדאָלע, ווו ער און זיינסגלייכן האָבן זיך איצט געוואַלגערט. וואָלט כאָטש געווען אונטער די זייטן אַ ביסעלע שטרוי צו באַדעקן דעם טרוקענעם בהמישן קויט... אַ הוסט האָט אים געמאַטערט, אַ ווייטיק איז אים אריין אין די ביינער. דער ווייטיק האָט אים שווער געמאַכט די אברים און געשטערט אין דער ארבעט. טאָגטעגלעך האָט ער געפילט דעם אויפזעערס גומי אויף זיין קאַרק, און ער האָט געגלייבט, אַז עס

דערנענטערט זיך די שעה, ווען דער מונדירטער פארשוין וועט אים א זאָג טון אזוי ווי צו אנדערע:

— קער זיך אום, דו פארלייזיקטער!

און א קנאַל פון רעוואָלווער וועט א סוף מאַכן צו אלעם.

אין לאגער זענען געווען אויך גרייז־גרויע פאַטערס, וועמענס זין ס'האָבן זיך גישט געשטעלט אויפן רוף; אויך אײנגעהויקערטע מוטערס צוזאמען מיט זייערע טעכטער. אומגעהייערער אומפּלייט איז ארומגעקראָכן איבער זייערע לייבער, אויסגעביסן לעכער אין הויט און אין פלייש. די שטאַרקערע האָבן זיך געבאָדן אין פרירנדיקן וואסער, די שוואַכערע פלעגן אָן א שפּור פארשווינדן פון דער ערד־פלאך.

מיט יעדן טאָג האָט זיך געמערט אויף די פעלדער די צאָל פון די קברים, זיי זענען אָבער אויסגעגלייכט געוואָרן מיטן ארומיקן פעלד.

אָפּטמאָל האָט די ערד זיך געשפּאָלטן פון יערן, ווי ווארעמער טייג.

די ערד האָט כסדר זיך געגאָלט. דער פרישער געלער זאמד פון אויבן איז אן עדות געווען פון בלוט און פון גרויזאם שגעון.

צווישן די אויפזעערס פון לאגער האָט זיך אויסגעצייכנט א 20יעריקער הויכער יונג, וועמען די מונדירטע חברים האָבן גערופן וואָיטעק. ער האָט געטראָגן א טונקעלן מונדיר פון א פאָלקס־דייטש און ביי דער זייט, אויפן רימען, א אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער פון גרויסן קאַליבר. סיי זיין פיגור, סיי די ראָל, וועלכע ער האָט געשפּילט, זענען אים קענטיק געפאַלן, ווייל ער האָט אָפטמאָל פאַזירט פאר זיין קליינעם קעשענע־שפּיגל און זיך באַשפּריצט מיט פּארפום.

וואָיטעק, וועלכער איז געווען דער איינציקער זון פון מאַזור, דעם קאָמיסאַר, האָט זיך דערצויגן אין א סביבה פון גנבים און מערדער. די העלדן פון כלערליי מינים האָבן געשווינדלט אין דער רעסטאָראַציע פון די עלטערן, געשיכורט, זיך געהאָלדזט ווי געליבטע און איינער דעם צווייטן געשטאָכן מיט מעסערס אין די פּלייצע און זייטן.

א פארבראָכענער דאַשעק איז געהאָנגען איבער צעקודלטע האָר. א מונדשטוק האָט געשיקלט צווישן די ציין. אן ענערגיע פון פארדאַרבן האָט געשפּראָצט אין דער אויגן־הפקרדיקייט, און א ביטול צום מענטשלעכן זיין.

א קינד פון דער שטאָט, האָט ער מיט נייגעריקייט גאָכגעקוקט אויפן דאָרף דאָס פאָרן זיך פון עופות און שטוב־חיות, זייער געבוירן און אומקומען. דאָס שלאָגן זיך פון הענער און ארומרייסעניש פון הינט האָט אים ארייגגעבראַכט אין התלהבות... אָבער מער ווי אלץ האָט וואָיטעקס אויפמערקזאמקייט געצויגן דער שפּין מיט זיין שפּינוועבס. דער בלוטגיריקער אינזעקט האָט מיט הנאה געזויגן דעם מאַרך פון זיין קרבן, בעת יענער האָט זיך געצאַפּלט, האָט געצוקט מיט די

פיסלעך און פליגלעך אין אנגסטן און שמערצן... לאנגזאם, מיט איבעררייסן, האט זיך געצויגן די גסיסה, ביז דער טויט איז געקומען.

וואיטעק האט געוווסט, אז די כלי, וועלכע ער טראגט ביי דער זייט אין א לעדערנעם שייטל, באזיצט א וואונדערלעכן כוח. פון א מינדעסטן דרוק אויף איר מעטאלענעם ציינגל ווערט געשיידט די נשמה פון א לעבעדיקן גוף, פליט אוועק העט ווייט אין בלענקיטנע הימלען. א וואלף פון וואלד דערקוויקט זיך מיטן בלוט, אבער וואיטעק איז א מענטש פון געבוירן און אויסזען. אזא איינער טראכט זיך אריין און פארטיפט זיך. אזא מוז זיך גריבלען אין אנהייב און סוף, אין געבוירן און שטארבן און אפילו מיטבאטייליקט זיין אין ווערק פון דער שאפונג.

נישט קיין וואונדער, וואס ביים ערשטן קנאל האט וואיטעק זיך צוריקגעצויגן מיט שרעק און איבערראשונג, נישט קענענדיק צוקוקן צום געראנגל פון זיין קרבן. די וויטערדיקע שאסן האבן געשאפן גלייכגילטיקייט. א צופרידענער האט ער פעסטגעשטעלט די געניטקייט פון זיין אויג און די שטייפקייט פון זיין הארץ.

ביי יעדן דרוק אויפן ציינגל פון זיין רעוואלווער האט דער העלד פון קערצעליאק געקלאפט אין זיין פלייצע:

— א, וואיטעק! וואיטעק איז א „זוך"[1] און אן איינשטעלער...

דער היינטיקער העלד האט אים באשאנקען מיט לויב־געזאנגען און ארדנס. אפילו דעם טאטנס קול:

— א מענטש וועט פון דיר קיינמאל נישט זיין, נאר א גנב, א ליידאק און מערדער — האט איצט געקלונגען ווי א לויב־געזאנג אין זיינע אויערן.

נאך יעטווערן שאס האט וואיטעק געקוקט אין זיין שפיגעלע, זיך געקעמט די גזשיוועקע.

אן א קאמף און אן געראנגל פאלט אנידער א מענטש. אבער וואיטעק איז בלוט־גיריק. ער וויל, אז דער מענטש זאל קניען, זיך בוקן צו די פיס, זאל קעמפן פארן לעבן, זאל זיך צאפלען אין קראמפן לאנגע מינוטן, ווי א מויז אין די קראלן פון א קאץ, ווי א פליג אין שפינוועבס.

א געוועזן קינד פון די גנבים פון קערצעליאק און דער היינטיקער דינער פון דייטשישן ס.ס., האט וואיטעק צוגעטראכט פלענער פון פיין פאר יידישע ארבעטער איבער וועלכע ער האט געהערשט — — —

— איינטרעטן! — האט געקלונגען דער פרימארגן־רוף פון וואיטעקס מויל.

— פארווערטס! מארש!... מארישקא!

מארישקע, ווייז דאס מיילכל,
ביי דער מאמען פרעג נישט אן,
ווען די מאמע איז יונג געווען,
האט זי אויך אזוי געטאן.

[1] א מאדים.

דאָס זעלנערישע לידל האָט אַרויסגעשאָלט מיטאַמאָל פֿון דער לאַנגער רײ ייִדישע אַרבעטער, מיט װעלכע אַלבערט איז מיטגעגאַנגען. דער װעג האָט געפֿירט צו אַ זומפּיק װעלדל. עס האָט געמוזט אױסגעהאַקט װערן, װײל אױף דעם אָרט האָט געדאַרפֿט אַדורכגעלײגט װערן אַ שאָסײ. דערפֿילנדיק װאַסער אין די שיך, האָט אַלבערט אינסטינקטיװ זיך צוריקגעצױגן. אָבער װאָיטעקס רוט האָט אים געבײטשט איבערן פּנים, אים געטריבן אין זומפּ. אָט שטעקט ער ביז דער קני אין דעם שלאַם, די בײטש טרײבט. אָט דערלאַנגט שױן דאָס װאַסער ביזן בױך.

— לאָז צו דער אַרבעט! — קאָמאַנדעװעט װאָיטעק, װעלכער שטײט אין די שטיװל אױף טרוקענעם גרונט.

אַ טײל אַרבעטער זענען אונטער די בײמער, אָבער אַלבערט האָט צוזאַמען מיט אַנדערע זיך אָנגעהאָנגען אין די צװײַגן פֿון אַ סאָסנע, כּדי זי אָראָפּצױען... װײל אַזױ האָט באַפֿױלן װאָיטעק מאַזור. נאָך אַ מינוט — אָט קראַכט די אונטערגעזעגטע סאָסנע מיט די הענגענדיקע צוזאַמען, װער עס פֿאַרבלײבט צװישן די צװײַגן, און װער אין בלאָטע... דער יונגער אױפֿזעער באַטראַכט זיך אין שפּיגלע, פֿאַרריכט די פֿריזור.

אַלבערט האָט געפֿילט, װי עס שװערן אים די פֿיס. דער קאָפּ, די פּלײצעס און די הענט — דער גאַנצער קערפּער האָט מיט צענפֿאַכער שװערקײט זיך געצױגן צו דער ערד. צו דער ערד האָט זיך געצױגן דאָס גאַנצע ביסל לעבן, װאָס האָט נאָך געטליעט אין דעם מענטשן מיט אַ שװאַכן פֿלאַם. דער הונגער האָט שװאַך געמאַכט דאָס האַרץ, די נאַסקײט איז אַרײַנגעדרונגען אין די טיפֿקײטן פֿון די בײנער. פֿיזישע שמערצן האָבן געשאַפֿן גלײכגילטיקײט צום לעבן. דער באַגער צו אַנטלױפֿן פֿונעם רעשטל דאַזײן האָט אָפּגעטעמפּט די מורא פֿאַרן טױט.

אין אָנגעשפּאַרטער אױף אַ הױכן שטעקן, מיט אַ בלאַס אױסגעמאַטערט פּנים און טיף אײַנגעפֿאַלענע אױגן, װאָס האָבן אױסגעשטראַלט לײד און געדולדיקײט, האָט אַלבערט אױסגעזען װי אײנער פֿון די אַפּאָסטאָלן, װעלכע זענען געװאָרפֿן געװאָרן אױף דער אַרענע פֿאַר רױמישע געצנדינער אין די מײַלער פֿון אױסגעהונגערטע לײבן און לעמפּערטן — — —

טײלמאָל, קוקנדיק אױף דער זעטיקײט פֿון דער אַרומיקער נאַטור, האָט זיך געװאָלט גלײבן, אַז די איבערלעבענישן אױף דער װאָר זענען בלױז עפּיזאָדן פֿון אַ װאַנזיניקן חלום. אַזױ האָט אַלבערט אין זײַן פֿרײַער צײַט אַ גלעט געטון דעם קאַרק פֿון אַן אײַנגעשפּאַנט פֿערדל, װאָס האָט פֿאַרפֿירט פּראָװיאַנט פֿאַר דער קאַנטינע פֿון לאַגער. דאָס פֿערדל האָט אַרױסגעשײלט זײַן קאָפּ פֿון דער טאָרבע, האָט געפֿירסקעט מיט דאַנק פֿאַרן צערטלעכן גלעט. אין זײַן פֿאַרגעסנקײט האָט זיך אַלבערטן געדאַכט, װי ער װאָלט אין אַ מדבר פֿון שלאַנגען און עקדישן געפֿונען פֿאַר זיך אַ לײַבלעכן פֿרײַנד — פֿון פֿערדס נאָזדרעס האָט געשטראָמט צו זײַן האַנט אַ פֿײַכטלעכע װאַרעמקײט. די חיה האָט אים געהירזשעט אַנטקעגן װי

צו א חבר זיינסגלייכן — — — מענטש און חיה האָבן זיך פארשטאַנען אויפן ווונק, זיך געמיינזאם דערפילט אין אויפריכטיקער פארברידערונג. אפילו דאָס הינטל אויפן וואָגן... אַנפאַנגס האָט עס געבילט, אָבער נאָכדעם ווי אלבערט האָט אים אוועקגעשענקט זיין איינציק פיצל ברויט, האָט עס פריינדלעך געפאָכעט מיט דעם עק און אפילו א לעק געטון דעם ברויטגעבערס טויט־בלאַסע האַנט מיט זיין קלעפיקער צונג ביז... וואָיטעקס בייטש־שמעקן האָט ארויסגעפיהט אלבערטן פון זיינע הומאַניטאַרע אריינטראַכטונגען. א האַסטיקער פלעט איבער די פלייצעס פון הינטן האָט אים געגעבן צו דערשפירן די טיפקייט פון תהום, וואָס שיידט לחלוטין פאַנאַנדער א וועזן פון א וועזן — א מענטש פון א מענטש.

די סטאַראַלע האָט פארמאָגט אן אייגענע קאַץ, וואָס איז געשלאָפן צוזאַ־מען מיט די ארבעטער און זיי באַגלייט צו דער ארבעט. א היימלאָזע, האָט זי איר גורל פארבונדן מיטן גורל פון די היימלאָזע יידן, זיך צוגעבונדן צו זיי מיט דער גאַנצער אייגנשאַפט פון איר קעציש מין. אין איינעם פון די געלעגערס האָט די קאַץ געבוירן פינף קינדערלעך. דער אייגנטימער און די סובלאָקאַטאָרן האָבן זיך קעגנזייטיק פארטראָגן, צוזאמען געגאָסן פון אַנגענעמער ווארעמקייט. חברה האָט באַשאָנקען די קאַץ מיט ברעקלעך פון עסן. „קיטי“ — אזוי האָט די מוטער גע־הייסן ביים נאָמען — באַלעקט זיך מיט הנאה. דער לאַגער ווערט פול מיט חנווו־דיקער מיאַוקעניש, פון מוטער־ליבע און היימישקייט.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די אידיליע. ווייל אויך אויף דער קאַץ האָט וואָיטעק געוואָרפן אן אויג. א כאַפּ טוענדיק זי פארן עק, האָט וואָיטעק זי גע־דרייט אין א ראָד מיט א שווינדלערישער שנעלקייט — ביז ער האָט זי א וואָרף געטאָן מיט א טראַסק אויף דער ערד... „קיטי“ איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָט געצאַנקט. — — —

זאָלראטן מיסען מערבען קיסען,
זאָלדאַטן מיסען פרעיליך זיין.

אלבערט האָט שוין מער נישט געקענט באַהערשן זיין שווערן אומעט, האָט ער דאָס פרייילעכע ליד נישט מיטגעזונגען. און טאַקע דערפאר האָט ער דערשפירט אויף זיין לייב די היפשע פאַרציע שמיץ פון וואָיטעקס שפיצרוט.

אין א זונטיקדיקן טאָג, ווען די מענטשן צווישן די דראָט־פארצוימונגען האָבן געגאָסן פון רו, האָט אַלבערט געמוזט אראָפּציען פון זיך דאָס אַנטאָן, כדי ווי־טיקדיקער צו פילן די געדראָטעוועטע בייטש אויפן באַקעטן לייב.

— ציילן! — האָט וואָיטעק פאראָרדנט. ער האָט א נעם געטון מיט לייכט־קייט די רוט אין דער האַנט, זיך פארמאָסטן פון דער ווייט צו דעם ספּאָרט.

עס האָט א פייף געטאָן אין דער לופט, עס האָט אָפּגעקלאַטשט אין א ווייַ־סער מאַסע. א שראַם האָט זיך אַנגעצונדן אויף אלבערטס לייב און איז טונקל געוואָרן. אלבערט האָט אויפגעציטערט, זיך געוואָרפן אין קאָנוולסיעס.

— צײלן! — האָט װאָיטעק װײטער געפּאָדערט — אויב דו װילסט נישט געשמיסן װערן ביז מאָרגן פרימאָג.

און אַלבערט האָט מאַקע געצײלט:

— צװײ... דרײ... פיר...

ביז צען האָט אַלבערט געצײלט און אויפגעהערט. דאַן האָט װאָיטעק גע־שמיסן װי לאַנג ער האָט געװאָלט, ביז שװײס איז אים ארויס אויפן לײב, און א פארבלוטיקטע מאַסע האָט זיך געװאַלגערט אויף דער ערד — — —

— פאָרװערטס מארש! — האָט װאָיטעק געקאָמאַנדעװעט.

מיט יעדן טאָג האָט זיך געמינערט די צאָל פון די יידן, װעלכע זענען גע־גאַנגען צו דער ארבעט, זינגענדיק:

זאַלדאַטן זינד זאָלדאַטן אין װאָרטן אונד טאַטן,
זײ קענען קײנע לומפּערײ, נור א שײנעם מײדל ארײ...

א שיטערער שנײ האָט זיך געזיפּט איבער די דערפלעך און פעלדער פון בעל־זשיץ. דער שנײ איז געפאַלן אויף יונגער װינטער־תבואה, זיך געלײגט איבער גרינע ברוזדעס, װי גרײזגרויע קוטשמעס איבער א יונגיקן קאָפּ. אין דער סטאָדאָלע זענען איצט געשטאַנען נאַרעס, װאָס די ארבעטער האָבן פאר זיך אלײן אײנגע־אָרדנט. אונטער די ברעטלעך פון די נאַרעס האָבן גוססע קראנקע זיך אָפּטמאָל באהאַלטן, כדי אויסצומײדן א קויל פון װאָיטעקס רעװאָלװער, װעלכע זאָל מיט אײן קלאַפּ פארענדיקן זײערע לײדן.

א שטרעבונג צו שטאַרבן מיט א נאַטירלעכן טויט, צו אויסנוצן די לעצטע רגעס פארן אונטערציען דעם סך־הכל פון פארגאַנגענעם, פארן געזעגענען זיך מיט נאָענטע כאָטש אין דמיון, — האָט װי תמיד באַהערשט די אומגליקלעכסטע, װעלכע האָבן פון זײער לעבן שוין גאָרנישט דערװאַרט.

װען אלע זענען אװעק צו דער ארבעט, איז אַלבערט פארבליבן, כדי צו פאר־שטעקן זיך אונטער א נאַרע, װײל זײנע כוחות האָבן אים מער נישט געדינט. איצט האָט ער זיך געפילט װי א שטאַרבנדיקע מויז, װעלכע איז געלעגן פארשאָטן אין די טיפקײטן פון אַ לאָך, צו פארברענגען אָן שטערונג אירע לעצטע מינוטן.

פאר זײנע אויגן האָט נאָכאַמאָל אויפגעשטראַלט א ליכטיקע שטוב, א װאַ־רעמע בעט און זײן גינציקע װײב, גוטע, װאָס פלעגט אים תמיד באַשענקען מיט ליבשאַפט און צערטלעכקײטן.

קײנער אין דער סטאָדאָלע איז נישט געװען. אָבער װאָס קען עס באַדײטן? אין דער שטילקײט דערגרײכט צו זײן אויער א גאָנגדיק קרעכצן. דער קלאַנג איז געגאַנגען פון דער נאָענט.

אַלבערט האָט אויסגעשטרעקט א האנט צו דער שכנישער נאַרע. זײנע פינ־גער האָבן באַרירט א האַנט פון א פרעמדן. די פינגער פון אומבאַקאַנטן האָבן זיך געקלאמערט אין זײנע.

צוויי שטאַרבנדיקע האָבן זיך אין דער איינזאַמקייט איינער דעם צווייטן דערלאַנגט די הענט, זוכנדיק אין דער לעצטער רגע א חבר, א נאָענטן — א באַגלייטער אויפן אומבאַקאַנטן לאַנגן וועג.

VII

גוטעס בענקשאַפט נאָכן מאַן האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. יעדער נערוו פון דער פרוי האָט געציטערט ביי דער מינדסטער פאָרשטעלונג וועגן קוועלן פון דעם מענטש, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געטרעטן מיט געמאָסטענע טריט, גערעדט מיט א שטילן, געלאַסן קול און זאָרגעוודיק אָפּגעהיט די ריינקייט פון זיין געוויסן ווי דעם גלאַנץ פון אן איידלשטיין. די ערשטע וואָכן האָט מען נישט געוווּסט, וווּ אים צו זוכן. ערשט שפּעטער איז אָנגעקומען פון אים א בריוו, וואָס האָט געטראָגן דעם סטעמפּל פון ארבעטסלאַגער אין בעלזשיץ. דאַן האָט גוטע זיך אדורכגעשמוגלט דורך איינע פון די וואכן, גענומען אין „יענער זייט" א דראָזשקע, געהייסן זיך פירן צו דעם פלי־פּלאַץ פון אָקענטשע, ווו ביי איינעם פון די צוגויפגעקלאַפּטע גרינגע הייזלעך איז דער יעפרייטער ניקקעל געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן.

גראָד איז ניקקעל געווען פריי. ער האָט אין הייזל געצויגן פון זיין קרומלעכער פּיפּקע, זיך צוגעהערט צום שמועס, וואָס צוויי קאָלעגן האָבן, ליגנדיק אויף זייערע בעטן מיט די בייכער ארויף, געפירט וועגן יידן. א דיקבייכיקער הויז־באַזיצער פון מינכען האָט דערציילט פאַרן צווייטן:

— אין מינכען האָב איך געלעבט מיט יידן צוזאַמען אין שכנות. פונקט 12 ביינאַכט האָט אַ שטאַרקער ווינט א בלאָז געטון איבער אונדזערע קעפּ (ס'איז געווען א סילוועסטער־נאכט), און מיר האָבן דייטלעך געהערט א פיוקען פון פליגלען. מיין קאָלעגע, א מומחה אין יידישע מנהגים, האָט בייגעוווינט דעם דאָזיקן פאַקט, האָט ער דערקלערט אויף דער שטעל, אז נאָכט און נאַכט, ווען דער זייגער איז 12, קען מאַנכער ייד זיך פארוואַנדלען אין א טייוול, אומגעזען אריינדרינגען דורך געשלאָסענע טירן און שפּריצן מיט פייער און ברענענדיקן שוועבל... עס איז געווען אין דער צייט פון רעטזועלהאפטן פארברענגען דעם בנין פון רייכסטאַג, אין סאמע אויפבלי פון אונדזער פאַרטיי. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אויף דער שטעל צו אָרגאַניזירן א געהיימע וואך, דעם ענין אויסצופאָרשן...

ער האָט נישט באַוויזן צו פארענדיקן די דערציילונג, ווי איינער פון די פּאָסטנס האָט געמאָלדן ניקקעלן, אז א ווייבלעכע פערזאָן מיט א ווייסער אַרעם־באַנד וואַרט פאַר דער שוועל.

אויסהערנדיק גוטעס דערציילונג ווען איר מאַן אַלבערטן, האָט ניקקעל צו־געזאָגט, אז אין די נעכסטע טעג וועט ער זיך אויסבעטן א קורצן אורלויב, כדי ספּעציעל זיך אריבערכאַפּן אַהין, וו אלבערט געפינט זיך און וועט טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי אים צו באפרייען. און טאָקע אים, ניקקעלן, האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען אלבערטן אין די לעצטע מינוטן, ווען ער איז געלעגן אין אויסגעשעפּ־טער אונטער איינער פון די נאָרעס אין דער צעטרייסלטער סטאָדאָלע.

עס איז געווען אינמיטן דער נאַכט, ווען גוטע האָט א צעפלאַמטע געשריגן אין חלום:

— הרגעט אים נישט, גאָט מיינער, געגוג אים צו פּייניקן, מאַכט נישט פון אים קיין קאַליקע.

זי האָט זיך געקלאַמערט ביים האַרצן ווי עמעצנס געטשוועקעוועטער שטיוול וואָלט מיט אכזריותדיקער שווערקייט געדריקט אויף איר ברוסט, איר געבראָכן די זשעברעס.

אויפן הויף האָבן אָפּגעהילכט קלעפּ. עמעצנס פויסט האָט געהאַקט אין דעם טויער. עמעצנס טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף די טרעפּ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. א קלונג פון דעם טיר־גלעקל האָט אויפגעוועקט פון שלאָף און אויפ־געשטעלט אויף די פיס בעטיעס הויז־געזינט. ניקקעל האָט אריינגעפירט אלבערטן אן אָנגעשפּאַרטן אויף זיין אָרעם. א נערוועזער, מיט פּחד אין די אויגן, האָט אל־בערט זיך געדרייט ארום זיך אליין, ווי ער וואָלט נישט דערקענט די וווינונג און די הויז־לייט.

א שטילקייט האָט געהערשט ביים באַגריסן זיך. די שטימונג האָט אָנגעהאַלטן מינוטן לאַנג. עס איז געווען אומהיימלעך.

אַלבערטס ערד־גרויער אויסזען האָט אָנגעפילט די אָנווועזנדיקע מיט שרעק. אויך גוטע האָט דערפילט די אומהיימלעכקייט. איר האָט זיך אויסגעדוכט, ווי נישט איר מאַן וואָלט געשטאַנען פאר איר, נאָר עפּעס א שקעלעט האָט פון אונ־טער די ערד זיך באַפרייט, כדי צו באַאומרואיקן אין חלום זיינע געוועזענע נאָענ־טע, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אויף דער ליכטיקער וועלט. — — — —

נאָך דעם ווי גוטע האָט זיך באַרואיקט, האָט אָנגעהויבן פּערלע. זי האָט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך כסדר געזאָגט, וואָס זי האָט צו ווייניק פּאַרגרייט פּראָוויאַנט, וואָס זי האָט באַצייטנס נישט אָנגעגרייט גענוג קוילן אויפן ווינטער, וואָס דער פּרייז פון דער זילבערפוקסענער פּעלערינע, וועלכע איז צוזא־מען מיט אנדערע טייערע חפצים געווען פאַרבאָרגן ביי אן אָרעמען שכן, איז אזוי געפאַלן, אז עס לוינט זיך בכלל נישט צו מאַכן צו געלט. אַלץ האָט איר גענאָגט: סיי דאָס, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן און געבוירן פון אים א יינגל מיטן יידישן נאָמען לייבל, סיי דאָס, וואָס זי האָט נישט פאַרויסגעזען, אז עס וועט זיין א מלחמה, אז יידן וועלן ווערן אזוי גערודפט. פאר אלעמדינג האָט זי באַ־

שולדיקט בעמיען, וואָס ער האָט זי נישט געגוג באַוואָרנט אויף אדורכצומאַכן אזא בימערע צייט. מער ווי אלעמאָל האָט זי געשאָטן באַמערקונגען איבער ליי־בושעס קאָפּ:

— דריי נישט די שטול... שוין ווידער געפּטרט די זוילן... א מינוט דאַרף מען האָבן פאַר דיר איינעם... ער דרייט זיך ארום בלויז מיטן הונט...

וואָס שייך לייבושן זענען מאַן און ווייב געווען אייניק. כאָטש בעמיע איז גע־גאַנגען פיל ווייטער. איבערן זון האָט ער אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט אין זיך זייט דעם אויסברוך פון קריג. ער האָט אים געשלאָגן איבער די הענט און ווייכן פלייש, ווי ער וואָלט ארויסגעשלאָגן פון אים אלע אומ־זיניקייטן פון דער גאָרער וועלט. אויך דאָס קרומפיסיקע יאַמניקל, דאָס הינטל, וואָס לייבוש האָט באַקומען געשענקט פון זיין פעטער אלבערטן, האָט באַקומען פון בעמיען זיין פּסק און איז אוועק פיסקענדיק. דאָס יאַמניקל האָט פארלוירן דעם גלאַנץ פון זיינע האָר, ווייל קיינער האָט זיך מיט אים נישט אָפּגעגעבן, האָט כסדר גענישטערט נאָך פליי אין זיין פעל, זיי געגאַנגט מיט די ציין.

לייבושן איז געוואָרן ענג הינטער די געמויערטע ווענט און דראָט־פּארצוי־מונגען. אָפּטמאָל פלעגט ער זיך ארויסבאַקומען אויף „יענער זייט" צו קויפן צו־קערלעך פאַר א ביליקן פרייז. נישט האָבנדיק די פליכט צו טראָגן די אָרעם־באַנד (ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 12 יאָר), האָט לייבוש אויסגע־נוצט זיין „אַריש" אויסזען אויף באַזוכן קינאָ און אָפּטמאָל טעאַטער. ער פלעגט פארלוירן גיין אויף שעהן לאַנג.

בעמיע האָט אים פאַרגעוואָרפן:

— לייכטזיניקער יונג, וועסט זיך קיינמאָל נישט צו עפּעס דערשלאָגן, ווייסט נאָר אויסצוגעבן, דיין גאַנצע דערציִונג איז געגאַנגען לאיבוד...

צום סוף איז געקומען די צייט פון באַפרייונג. מיט 2 גילדן אין טאַש איז לייבוש אוועק צו טוישן א בוך אין א שכנישער ביבליאָטעק. ער איז ארויס 2 בייטאָג, אָבער צום מיטאָג־עסן איז ער נישט געקומען, ווי אויך נישט צום אָוונט־ברויט. אין פערלען האָט געקאָכט דאָס בלוט. מיט א פּאס אין דער האַנט איז זי געשטאַנען אויף דער וואך צום מקבל־פּנים זיי דעם געצערטלטן יונג, וועלכער פארשאַפט איר אזויפיל זאָרג. דרייסיק מינוט אויף 9. די באַוועגונג אויף דער גאַס שטאַרבט אָפּ. 9 אָוונט — פּאָליציי־שעה — לייבוש איז נישטאָ. פערלע דער־פילט א מישונג אין קאָפּ. בעמיע ווארפט פאַר זיין ווייב:

— דו מיט דיין שטייגער דערציען האָסטו דערצו געבראַכט. האָסט אים פארשלאָסן אין א שטייג, ווי א ווילדן הונט...

די נאַכט האָט פערלע נישט צוגעטון קיין אויג. אינדערפרי האָט בעמיע ארומגעבלאָנקעט איבער אלע קאָמיסאריאַטן פון געטאָ, זיך פארבונדן מעלעפאָ־נישט מיט די איבעריקע — עס האָט אָבער קיינער פון יינגל נישט געוווסט. קרו־

בים און פרייגד האָבן זיך פאראינטערעסירט, גענישטערט איבער שפּיטעלער און ארעסט־הייזער. א צווייטע נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. א שווערע, א פולע מיט שרעק און האָפענונגסלאָזיקייט. יעדער קלונג אין דער טיר האָט זיך אָפּגערופן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אין הארצן פון די עלטערן. נאָכאַמאָל טאָג... א בריוו־טרעגער דערלאַנגט א קאַרטל מיט אַן אויסזיכט פון וואוועל, מיט א בליי־פעדער אויף שנעל געצייכנט:

„טייערע מאַ! איך בין געווען אין קראָקע... איך פאָר קיין זאַקאָפּאַנע. דיין לייבוש".

און ווידער א קלונג. דאָסמאָל א באַקאַנטער קלונג פון לייבושן אליין. אָט ליגט די מאַמע א צעחושטע אין זיינע אָרעמס. פארגעסן אין פאַס, פארגעסן אין צאָרן פון די שרעקלעכע שעהן און מעת־לעתן.

— מיין זון, מיין איינציקער... דו לעבסט!

— איך האָב זיך נאָך אייך פארבענקט, — איז לייבוש איר ארייגעפאלן אין די רייד — כ'וואָלט ארומגערייזט וואָכן־לאַנג.

בעמיע מורמלט אין זיך:

— אַן אוואַנטורניק! א וועלט־וואנדערער, אַן ארומשלעפּער...

טיף אין הארצן איז אָבער בעמיע מוחל זיין זון די טרוימערישע געזינונג. ער איז שטאָלץ אויף זיין אַנטשלאָסנקייט און דרייסטקייט. לייבוש שילדערט און דערציילט פון וראָפּשטראָמענדיקע רוישנדיקע טייכן, הויכע בערג און אלטער־טימלעכקייטן, פון וועלכע ער האָט געלייענט אין פוילישע ביכלעך; ווי אזוי ער איז געפאָרן אויף גאַפּע, ווי אזוי ער האָט די נעכט פארבראַכט אויף וואָקזאלן, געוואכט און געהונגערט.

אזוי ארום האָט פערלע פארשטאַנען, אז איר זון נייטיקט זיך נישט מער אין מוטערלעכער השגחה, אז ער איז ארויס פון איר רשות.

עס האָבן נישט געפעלט קיין טרוימער פון אַן אנדערן מין. איצט, ווען די יידישע גאסן זענען געווען איינגאַנצן אָפּגעשניטן פון דער ארומיקער „גויאישער וועלט", האָט נישט איינער פון די דאָרפישע פויערים געטרוימט זיך ארייצובאַ־קומען אין די גרענעצן פון געטאָ, כדי צו פארקויפן זיינע פּראָדוקטן.

צו די טרוימער פון געטאָ האָבן געהערט אויך סעקוועסטראַטאָרן פון שטיי־ער־אַמט, די שטענדיקע פיאַוועקעס אויפן יידישן קערפּער, וועלכע האָבן תמיד גע־מאַכט פאר זיך פארמעגנס. די פארשווינען האָבן ווי פריער ארייגעדרונגען אין יידישן באַצירק, רויבנדיק פאר זיך און פאר דער אָקופּאַציע־מאַכט.

אויך די פּאָליציי־לייט פון פארמלחמהדיקן פוילן, וועלכע זענען פארבליבן אויף ווייטער אויף די פּאָסטנס, האָבן אויף טריט און שריט געדינט דער אָקו־פּאַציע־מאַכט אין דער יידנפרעסערישער אקציע.

VIII

אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון די אָרעמע. דאָס שליסן דעם געטאָ האָט זיי געטראָפן ווי אַ פּלוצלינגער הוראַגאַן. צווישן בעמיעס סובלאָקאַטאָרן האָט אַמאַיינסטענס געליטן מינע, ווייל אָנשטאָט צו גרייטן פּראָוויאַנט, האָט זי באַצייטנס פאַרגרייט אַ הונדערט פּיאַווקעס, זיי סאָרטירט לויט דער גרייס און באַזונדערע פלעשער, און וועלכע זי האָט אָפט געטוישט דאָס וואַסער. דערצו האָט איר פאַרפעלט אפילו קאַרטאָפל. ווייל נישט באַקומענדיק קיין פּלאַץ אין פּערלעס קעלער, איז מינע געווען געצוווּנגען צו אָפּטרעטן איר גייטיקע שפּייז — טאַקע פּערלען גופא. איצט איז איר זופּ באַשטאַנען פון שיטערן קלייַ. זי האָט זיך געפילט אָפּגעשוואַכט און מיד. בלויז די פּיאַווקעס אין די פלעשער האָבן נאָך תמיד לוסטיק, ווי די שלענגלעך, אַרומגעשווומען, זיך שפּילנדיק איינע מיט די צווייטע ווי אין אַ פרייען באַסיין.

ביילע האָט אַ דאַנק מינען באַקומען אַ וווינונג אין בעמיעס הויף ביי אַ יונגן פּאָרפאָלק, וואָס האָט צוזאַמען מיט זייער קינד פאַרנומען אַ קעלער. דאָס קליינוואַרג האָט געהונגערט. אָנגעהויבן האָט זיך פון אָפּשפּאָרן אָוונט-ברויט. שפּעטער אויך פרישטיק, זיך באַגרענעצנדיק בלויז מיט אַן איינמאָליקער זופּ, וואָס די קאָמיטעטן האָבן געגעבן פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז. פאַרענגדיקט האָט זיך מיט פולשטענדיקן פאַסטן, ווייל עס האָט געפעלט דער מינימאַלער לוין צו באַצאָלן פאַר דער שפּייז. דאָס קענען הונגערן האָט זשעניע דערפירט צו אַ מדרגה פון קונסט, וואָס איז באַשטאַנען פון קענען האַלטן הויך דעם קאָפּ ביי אַ ליידיקן מאָגן. זי האָט אויסגעזען אָפּגעמאַטערט און שוואַך מיט אַן אויסגעאיידלט דורכזיכטיק פּנים, אַ שווייגנדיקע און אָן סימן פון פּראָטעסט. אַ הוסט האָט זיך געשטאַרקט, און גענאָגט האָט איר האַרץ פאַר שוואַכקייט, וועלכע האָט זיך געשפּרייט איבערן יונגן גוף. — — —

דער איינגעטימער יאַנקל איז אין פּרילינג אין זעלביקן יאָר צוריקגעקומען פון קריגסגעפאַנגענשאַפט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגעוויזן זיין צוגעבונדנקייט צו פרוי און קינד. אַליין אַ דערצויגענער אין יתומים-הויז, נישט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן פאָטער- און מוטער-ליבע, האָט ער גישט געקאַרגט קיין צערטלעכקייטן פאַר זיין צוויי-יעריק מיידעלע און זיין לעבנס-חברטע פאַניע.

פאַניע האָט געשטאַמט פון אַ ווייסרוסישן גוט, האָט געאַרבעט ביי בעמיען נאָך פאַרן קריג. אויך איצט האָט זי זיך פאַרנומען מיט רוימען די שטובן ביי פאַרמעגלעכע לייט. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, איז יאַנקל געגאַנגען טאָגטעגלעך אַרבעטן צו די דייטשן פאַר אַ נידעריקן לוין.

איצט, ווען די דריי פאַמיליעס האָבן געלעבט צוזאַמען, האָט אויך דוד אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל זיין פעלד-בעט. אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפילט אין ענג-

שאָפּט ווי איין משפּחה. ווי די מענטשן וואָלטן זיך פון לאַנג געקענט און געווען באַפּרייַנדעט. איינע האָט געהאָלפן די צווייטע אין רוימען. פאַניעס מיידעלע איז געלעגן אין איין וויג מיט בלימטשעס יינגל.

דודס חבר, משה — ער איז געווען פון פאַר א סטאָליער — האָט געשריגן איבער די הויפן „שויבן, שויבן!" און קוים פאַרדינט אויף לעבן. פון צייט צו צייט האָט ער אַרייַנגעבראַכט מיט אין קעלער־שטוב דורך זיין ענערגיע און געזונטקייט. טאַקע אים האָט געהערט דער איינפאַל מיטן אויסנוצן די קיך, וועלכע איז געשטאַנען אַן אומבאַנוצטע מיט אירע פייערקעס און פּלאַטן.

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט איינאָרדענען א וועשעריי אין דער ליידיקער קיך? — האָט משה צוגעגעבן מיט — איר וועט האָבן אויף ברויט און צום ברויט.

דער פּלאַן איז געווען א געלונגענער. איצט איז געווען אַרבעט פאַר אַלעמען איבערגענוג. אַלע צוזאַמען האָבן אינדערשטיל זיך באַשעפטיקט, און יעדערער באַזונדער האָט אויסגעפילט א פליכט. איינער האָט פאַרשריבן און קוויטירט, א צווייטער האָט געצייכנט מיט פאַרב די אָנגענומענע וועש. די איבעריקע האָבן געוואַשן און געפּרעסט. אויף דער קיך איז געשטאַנען א בלעכענער קעסל, דאָס קאָכן זיך פון די וועש האָט דערמאָנט אין דעם שפּרודלען פון א טייכל, געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון א געמיטלעכער היים.

אין דער צווייצימערדיקער קעלער־וווינונג פלעגן פון שבת צו שבת זיך פאַר־זאַמלען געסט, צו געניסן פון דער וואַרעמקייט. צווישן די אָפטע אַרייַנבליקערס איז אויך געווען רייזל, א הויך און סובטעל פרייל מיט א פרישער בליענדיקער גע־זיכט־צערע, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דאָס מיידל וואָלט געהאַלטן אין וואַקסן. אירע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטן אין צעפּ. זיי האָבן געגלאַנצט מיט סאַמעטענעם זייד. פאַניע האָט געקענט רייזלען פון לאַנג. אינדערשטיל איז זי גע־ווען אייפערזיכטיק אויף איר מאַן. דאָס אויסזען פון שלאַנקן מיידל האָט אָנגע־פילט פאַניען מיט שרעק.

משה האָט געהאַט אַריבער דרייסיק. אַליין אַן אומדרייסטער אין אומגאַנג מיט פרויען, האָט ער אין דער צוואַנציקיעריקער רייזלען געזען א שפּיגל פון זיין אייגענער יוגנט, דאָס געשטאַלט פון זיין טרוים. אָפּטמאָל איז דאָס געפיל צו רייזלען געווען פון אַזא אַרט, אַז ער האָט זיך געבויגן אונטער זיין שאַרפקייט. רייזלס גלייכגילטיקייט האָט אים אַוועקגענומען דעם מוט, ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. זיינע טריט זענען געווען אומזיכער. דער שניי אונטער זיינע פיס האָט געסקריפּעט אין זיינע אויערן ווי אַן אומעטיק ליד.

משה און רייזל האָבן זיך פאַרשטענדיקט אויפן ווונק. פון אירע בליקן האָט אַרויסגערעדט:

— ביסט אַן עלטערער ברודער, א גינציקער פריינד, אָבער נישט דער פריינד פון מיין האַרץ, נישט מיין לעבנס־חבר.

רייזל איז געווען א טאָכטער פון אַ סטאָליער. זי האָט פארנומען א בוידעם־שטיבל צוזאמען מיט איר מוטער. ווייל דער פאָטער איז אומגעקומען בעת דער קאַנאָנאַדע. גלייכצייטיק זענען חרוב געוואָרן דער גאנצער וואַרשטאַט און די פארמלחמהדיקע דירה.

קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט אזוי נישט נאָכגעפאָלגט דאָס פארהעלטע־ניש צווישן די צוויי ווי פאניע, ווייל קיינער אחוץ פאַנייען האָט נישט געוווּסט די סיבה, צוליב וואָס רייזל באַווייזט זיך טאָגטעגלעך אין דער קעלער־שטוב. בלויז פאניע האָט געוווּסט, אז רייזל איז דער אָביעקט פון יאַנקלס האַרץ אין די יאָרן פון רייף ווערן, אז בלויז צוליב דער שטערונג פון איר פאָטער איז נישט צושטאַנד געקומען זייער געזעצלעכע פארבינדונג. — — —

די גאסן האָבן געשפילט און געזונגען, ווי בעת א גרויסן פאָלקס־יום־טוב. אָרקעסטערס האָבן אויסגעפירט פארמלחמהדיקע שלאַגערס, קאַליקעס האָבן אויסגעגאָרגלט זייערע מאָנאָטאָנע ניגונים, קינדער האָבן געפּילדערט. א גרימפּל פון פידלען, א צימבלען פון פויקן, א טראָמייטערן האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיט ווילדע געשרייען פון מלחמה און פּראָפעסיאָנעלע בעטלוירים.

— מיך הונגערט...

דאָס געשריי האָט זיך געריסן פון קעלער־שטובן, פון בוידעם־שטיבלעך, פון קינאָס, פאָלקס־שולן און בתי־מדרשים, פון די אלע „פונקטן“, ווו די אָרעמקייט פון פּראָווינץ און וואַרשע איז געווען קאָנצענטרירט. פאר דער גאס זענען געלעגן פארחלשטע, און עס האָט זיך געדוכט, אז די פלאַטן פון טראָטואַר גיבן ארויס פון זיך דאָס פארצווייפלטע געשריי:

„ברויט! ברויט!...“

דער אלאַרמירנדיקער רוף האָט געשוועבט איבער הויפן, איבער גאסן און פלעצער, האָט זיך געריסן פון הונדערטער, פון טויזנטער מיילער, ווי א פאַראייניַ־זאמטער קול אין דער ווייטקייט אין מדבר:

— מיך הונגערט...

און ווי ערב א גרויסן פאָלקס־יום־טוב, צו וועלכן מען מוז פארגרייטן וואָס מער מאכלים אויף צופרידנשטעלן די געסט, זענען די שפּייז־געוועלבער פול געווען פון פארמעגלעכע קויפער. די פרייזן זענען געשטיגן, און די צאָל פון די הונגע־ריקע האָט זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. א ייד האָט געפרעגט דעם צווייטן:

— צי וועט מען דאָס איבערלעבן? ווען וועלן זיך ענדיקן די אלע גרוי־זאמקייטן?

אַז אָפּגעזונדערט שטיק שטאָט, ווו מענטשן שווּבלען אהין און צוריק, ווי מוראַשקעס, שטויסן זיך צונויף, צעקריגן זיך, האַסן און ליבן זיך, — אזא שטיק שטאָט איז געלעגן אין צפון און באַזונדער אין דרום. די ביידע שטיקער שטאָט זענען געווען געאייניקט דורך דער טייל פון דער אייזנגאַס. די שמאָלע גאס איז געוואָרן

דער פאַרבינדונגס־אָדער צווישןביידע פּערטלען, וועלכע האָבן געציילט צוזאַמען אַ האַלבן מיליאָן יידישע נפשות. טאָקע אויף די ראַגן פון דער גאַס, וועלכע איז תמיד געווען פאַרפולט פון דורכגייער, האָבן די דייטשע פּאָליציימענער אויסגע־לאָדן זייער ווילדונגערישע ענערגיע.

א זונטיקדיקער טאָג. די זון שיינט ביי א לייכטן פרעסטל. די מונדירטע וואַך האָט א גוטן הומאָר, פאַר אזא טאָג פאַסט זיך א קאָנצערט, מיט אַקראָבאַטן א צוגאָב, אינמיטן דער גאַס. גראָד גייט פאַרביי א יידישער אָרקעסטער, און דעם פּאָסטן פעלט איין אים אַוועקשטעלן אויף א ראָג, צו פאַרווײַלן דעם עולם פון ביידע זייטן. דער אָרקעסטער שפּילט, און דער עולם וווּנדערט זיך, וואָס ער שטייט אויף דער קריסטלעכער זייט. אָבער באַלד ווערט דער ענין פאַרשטענדלעך, ווייל אַן עלעגאַנט יידיש מיידל און אַן איינגעהויקערטער גרייז־גרויער ייד דערלאַנגען זיך ביידע די אָרעמס צום טאַנץ — אויפן באַפעל פון דער וואַך.

גראָד איז משה געווען ביי דער גרענעץ. ער איז דערשטוינט געוואָרן, דער־זעענדיק רייזלען אַ טאַנצנדיקע.

דורכגייער זענען מיט שרעק און עקל פאַרבייגעלאָפן. דאָס בילד האָט זיך ווייטיקדיק איינגעקריצט אין זייער זכרון.

דער ראָג פון לעש און אייזנגאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון א צירק: בלינדע בעטלער האָבן אויסגעזונגען זייערע סקאַרבאָווע ניגונים, און צופעליק געכאַפּטע דורכגייער האָבן שעהן־לאַנג מיט שטיינער אין הענט גימ־נאַסטיקירט אויפן באַפעל פון א שמייכלענדיקן מונדירטן כוליגאַן, וואָס איז אונ־טער העלם און ביקס געשטאַנען אויף דער וואַך.

די אָנוועזנהייט פון משהן האָט נאָך פאַרערגערט רייזלס שטימונג. כאָטש ער האָט זיך באַמיט איר צוגעבן מוט, איז געגאַנגען פאַרביי איר און אָנגערירט איר אָרעם. דער טאַנץ האָט זיך פאַרצויגן. מעכאַניש, ווי א שאָטן מיט א געצוווּנ־גענעם בימערן שמייכל אויף די ליפּן, האָט רייזל זיך באַוועגט. איר פּנים האָט גע־פלאַמט פאַר חרפּה. ווי אַן אויסגעטועטע נאַקעט אינמיטן מאַרק, האָט זי זיך גע־פילט דערנידעריקט ביז צו איבלקייט. אין קאָפּ האָט געשווינדלט, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך געדרייט ארום איר אין משוגעדיקן טאַנץ.

זי האָט זיך געשטאַרקט נישט אומצופאַלן. דאָס דרייען זיך מיט דעם אַלטן האָט זיך געצויגן אָן אויפהער. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס וועט נישט נעמען קיין סוף צו דער אומזיניקייט פון מונדירטן, וואָס האָט מיט א שטאָלן אייגל צופרידן געשיקלט צום פוילישן פּאָליציאַנט פון דער קעגנאיבערדיקער זייט.

צום סוף האָט דער פּאָסטן זיך געטוישט. דער פרישער מאַן האָט אָפּגע־שטעלט דאָס גרימפּלען פון אָרקעסטער. כדי עפּעס אויפצוטאָן ממשותדיקס, האָט ער באַפוילן דעם אַלטישקן צו באַצאָלן די שפּילער פאַר זייער מיפולער אַרבעט.

רייזל האָט געפּיבערט, האָט נישט דערקענט קיין מענטשן. דאָס האַרץ האָט געוויטיקט. דער פֿאַרגאַנגענער טאָג איז געווען אַ הונגער־טאָג, אַ ווייטיקדיקער ווי אַ יאָר פֿון נויט. אין מאָגן האָט געדריקט, ווייל דער אָרגאַניזם האָט פֿאַרלאַנגט זיין טאָגטעגלעכע שפּייז. די באַוואָלטע נאַטור האָט זיך איצט נוקם געווען. אָבער אמת, אַזאַ געפיל רופט אַרויס אָפּטמאָל ביי מענטשן אַ שרעק, באַזונדער ווען אין האַרצן ברויזט דאָס יונגע בלוט. דאָס גאַנצע לעבן ליגט פֿאָרויס ווי אַן אומפֿאַרשריבענער בלאַט, אין וועלכן עס לאָזן זיך מאָלן מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבן בלומען פֿון צוקונפֿט און פֿרייד. אָבער עמעצנס אומציכטיקע האַנט האָט דאָס בלאַט פֿאַראומרייניקט און אַפילו קיין שורה נישט געלאָזט אויף אַ וואָרט פֿון טרייסט.

רייזל איז צעטומלט. אַ שוואַכקייט שטראָמט פֿון האַרצן צום קאָפּ. דער באַוווסטזיין פֿאַרלאָזט זי, עס באַהערשט איר אַ שלאָף אַ שווערער, אַן אומענדלעכער ווי אַ הייל פֿון קבר. אָבער וועמענס שווערע האַנט דריקט אירע שלייפֿן, פּאַטשט איבער די באַקן, פירט זי ארויס מיט געוואלד פון דעם צושטאַנד!

— משה!...

רייזלס שטאָלץ איז געבראָכן. דערפֿאַר איז אָבער אַ פֿולער מיט האָפֿענונג געגאַנגען לעם איר משה. מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט האָט ער געקערעוועט זייער גאַנג אויפן באַוועגפולסטן ראָג פֿון קארמעליצקע און לעש. משה האָט זיך געהיט, אַז רייזלס געשטאַלט זאָל אים נישט פֿאַרבלענדן די אויגן, ער זאָל נישט אַרויפֿשפּאַרן אַ ריקשע אויף אַ יאָגנדיקן טראַמוויי אָדער גאָר אַ מיליטערישן אויטאָ.

כאָטש רייזל האָט אים נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערן:

— פֿאַרוואָס הערלויבסטו זיך דאָס... ווער האָט דיר געגעבן דערצו רעכט?

כאָטש משה האָט זיך געמוזט גריבלען, אויסטראַכטן פֿאַרשידענע אַרגומענטן, כדי צו באַרעכטיקן אַן אָנריר ביי אָרעם מיט דער האַנט צי מיט די ליפּן — האָט אָבער אין דעם בחור זיך אַלץ מיטאַמאָל צעזונגען. ווי די וועלט וואָלט נישט געזונקען אין אַ ים פֿון בלוט, ווי אַ חלום וואָלט זיך געוועבט אויף דער וואָר איבערן קאָפּ פֿון ברוטאַלער ווירקלעכקייט.

נישט שנעל איז רייזל צו זיך געקומען. זי האָט געפֿילט אַן ענגשאַפֿט אין דער ברוסט. דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט ווי אַ לעבעדיקער שלאַנג, וואָס איז גרייט אדורכצוזעצן די שטייג, אין וועלכן ער איז פארשלאָסן.

אין אַזעלכע מינוטן האָט משהס אָנוועזנהייט געווירקט אויף רייזלען דערמוטיקנדיק. זי האָט געדריקט זיינע האַרטע שטאַרקע הענט און אַליין זיך געשטאַרקט צו ווערן געזונט.

אָבער צוליב וואָס האָט זיין פֿיזישע נאָענטקייט איר צוריקגעשטויסן? וויפֿיל מאָל זי האָט זיך אליין געשטעלט די פראגע — דער ענטפער איז געווען מטושטש. איינס האָט רייזל געוווסט, אַז דער בחור פֿלעגט דערוועקן בלויז איר מיטגעפֿיל.

— מסכים? — האָט משה ווי זיין שטייגער זי געמאַטערט. אירע געלאָקטע האָר האָבן געגלאַנצט ווי זייד. ער האָט זי געגלעט דעם קאָפּ, ווי געקעמטע וואָל פון אַ מילכווייסן פודעל.

— רייזל, נאַיווע קינד.

צוויי שפּראַלנדיקע אויגן האָבן געקוקט צום סופיט. עפּעס האָט אין איר זיך געראַנגלט צווישן פריינדשאַפט און מיטלייד. זי האָט אָפּגעלייגט איר באַשלוס פון טאָג אויף טאָג. עס איז געשען אָבער אַזוינס, וואָס האָט אינגאַנצן אַוועקגענומען ביי רייזלען איר אינהאַלט און געבראָכן דאָס אייז.

פּאַרוווקע (פּאַרע=באָד) — די משוגהדיקע אַקציע איז באַשטאַנען דערין, אַז דער טויער פון אַ יידישן הויז איז מיטאַמאָל פאַרמאַכט געוואָרן אויפן שלאָס — אויף אַ וואָך אָדער צוויי. אַן אויפשריפט אויף אַ געלן ברעט האָט געלויטעט:

„פלעק=פיבער. בעטרעטן און פאַרלעסן שטרענג פאַרבאָטן".

דעזינפעקטאָרן (פּוילישע און יידישע) האָבן געגנבעט, באַצירק=דאָקטוירים האָבן אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט שוחד=געלט... די רייניקונגס=אַקציע איז געווען איינע פון די פּלאָגן פון דעם יידישן באַצירק.

צוזאַמען מיט אַנדערע לאָקאַטאָרן איז רייזל געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אַ באָד=אַנשטאַלט, ווייל גראָד איז געקומען די ריי אויפן הויף צו געניסן פון אַ פּאַרע=באָד אויפן חשבון פון דער שטאָט. אָבער צוריקגעקומען איז רייזל מיט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אַן אויסראַזירטן ביז צו די וואָרצלען...

ווידער האָט דאָס האַרץ געווייטיקט פאַרן חוזק=מאַכן, פון בושה און באַליידיקונג. כאָטש ער האָט זי געטרייסט:

— ביסט אַ ייִנגל... ווי אַן אָפּגעשוירענער שעפּס... ביסט פיל שענער ווי געוועזן...

אין איינעם אַן אָוונט האָט משה מודיע געווען אין קעלער=שטוב, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט ער חתונה=האָבן מיט רייזלען. מיט אַ טיכל באַדעקט דעם נאַקעטן קאָפּ, איז דאָס מיידל געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ בליענדיקע, מיט איר איינגעטימלעכן קינדערישן חן אויף די באַקן. נישט בחינם האָט ביילע אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל:

— ביסט אַ לייט, משה. ווען נישט דער קריג, וואָלסטו זי, ברודער, קיינמאָל נישט געקריגן. דאָס האָט די מלחמה אָנגעמאַכט אַזאַ יקרות אויף אייך מענער...

אויך בלומטשע האָט אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל:

— ביסט אַ לייט, משה. האָסט געוווּנען דעם קריג און לאַכסט פון דער וועלט.

כדי צו שאַפן אַן אילוזיע פון טראַדיציע, האָט עמעצער א לייג געטון אַ פעדער אויף דער פּאָדלאָגע, זי צעטרעטן מיט די פיס.

— מזל־טוב! — האָט אָפּגעהילכט ווי אין די אַלטע צייטן. באַזונדער איז פּאַניען אַראָפּגעפֿאַלן אַ שטיין פֿון האַרצן, ווייל זי האָט כּסדר פֿאַרדעכטיקט איר מאַן, אַז ער איז נישט אינגאַנצן גלייכגילטיק צו זיין אַמאָליקער פֿריינדין.

איצט האָט משה געפֿילט אַ פֿעסטן גלויבן אין זיין אייגענער צוקונפֿט און אין דער צוקונפֿט פֿון דער וועלט. עס האָט אים מער נישט געאַרט דער ווילקיר און די אַכזריותן, ווייל ער און די חבֿרים זענען געוואָרן איינס. אַ שטראָם פֿון פֿרייד האָט געפֿלאָסן צו זיין האַרצן, אים געהויבן אין דער לופֿט.

IX

דער הויף אויף שוויענטאָיערסקע, אין וועלכן עס האָט געוווינט רייזל מיט איר מוטער, האָט פֿאַרן שאַפֿן דאָס געטאָ געהאַט אַן אַרויסגאַנג אויף דער דלוגע. איצט איז ער געווען פֿאַנאַנדערגעטיילט אויף צוויי העלפֿטן: די זייט פֿון דלוגע איז געווען „אַריש", די זייט פֿון שוויענטאָיערסקע — יידיש. דאָ אין דעם הויף האָבן יידן און קריסטן זיך געקענט קאָמוניקירן דורך די דינע ווענט פֿון די אַנדערע וווינונגען. ביי־דערנאַכט, ווען די טויערן זענען פֿון ביידע זייטן געווען געשלאָסן, האָבן מיט דער הילף פֿון לייטערס צוגעשפּאַרטע צום צוים, יידישע און קריסטלעכע שמוגלער געמאַכט זייערע טויישן.

משה, וועלכער האָט פֿון איצט אָן געוווינט ביי רייזלען, האָט דורך די פֿענצטער זיך צוגעקוקט צום ריזיקאַלישן שפּיל. ווייל דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל פֿאַרדינט, האָט ווייט נישט געקלעקט צו דערנערן זיין וואָגיקן גוף, האָט ער באַשלאָסן גלייכצייטיק זיך צו וואַרפֿן אויף שמוגל. דאָס געשעפֿט איז געווען אַ ריזיקאַליש, אָבער צוליבן גרויסן דיפֿערענץ אין פּרייזן פֿון „דער" און „יענער" זייט האָט געלוינט איינשטעלן.

משה האָט זיך געגרייט צו זיין חתונה מיט רייזלען. דערצו נאָך האָט זיין לעבן אָנגעהויבן שמייכלען מיט פּרנסה און תּכלית. משהס השגות זענען אָבער כּסדר געוואַקסן. ער האָט געצילט, אַז אָנשטאָט צוצושטעלן אַ לייטער צו דער צוים, זאָל מען אויסהאַקן אַ לאָך אין דער בשותּפֿותדיקער וואַנט צווישן יידישע און קריסטלעכע וווינונגען. גראָד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן רייזלס וווינונג און דער וווינונג פֿון דעם קריסטלעכן שכן איז פֿאַרמויערט און פֿאַרקלעפּט אַ געוועזענע טיר. נאָך אַ קורצן אָפּרייד מיטן שכן איז די טיר געעפֿנט געוואָרן. אַזוי אַרום איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די מחיצה צווישן ייד און קריסט.

דער פּראָפֿיט האָט איצט געקאָנט זיין אַ גרויסער, אָבער דער גאַנצער ענין האָט געמוזט אָפּגעהיטן ווערן ווי דער שטרענגסטער סוד. נישט בלויז זעקלעך מיט פֿלייש האָבן געקענט אַדורכגעטראָגן ווערן פֿון יענער זייט — דורך דער

אָפּענער טיר האָט געקענט אַדורכגעשטופּט ווערן מיט איר אָנגעקוואָלענעם מילך־אייטער אַ באַבערדילטע ציג, וועלכע האָט געשאַפֿן דעם יסוד פֿאַר משהס באַלעבאַטישקייט.

דער ריווח איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג גרעסער. די איינשטעלונג פֿון די שותּפֿים, דעם יידישן און דעם קריסטלעכן, איז אָבער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַנשטאָט צו מישן זיך איינער מיטן צווייטן מיט סחורות, איז משה געגאַנגען אָן אַן אָרעמבאַנד איבער קריסטלעכע גאַסן צו קויפֿן פּראָוויאַנט, און דער קריסט — מיט דער אָרעמבאַנד איבער יידישע גאַסן צו איינשאַפֿן פֿאַבריקאַטן.

ביז עלף אַווענט האָט משה געוויילט אויף דער קריסטלעכער זייט, ווו די פּאָליציי־שעה איז געווען אַ שפּעטערדיקע. צוריקגעקומען פֿון קויף, האָט משה אַריינגעבראַכט פֿרישן פֿראָסט אין דער איינציממערדיקער וווינונג. מיט שטילע טריט איז ער אַדורך פֿאַרביי רייזלען, כּדי זי נישט אויפֿצוּוועקן. אַ לאַנגע שעה האָט אָבער רייזל געהערט ווי משה וואַרפֿט זיך ווי אַ פֿיש אויף זיין פֿעלד־בעט. קענטיק, אַז אים גענעמט נישט קיין שלאָף.

צי האָט רייזל סוף־כּל־סוף דערוויסט פֿאַר משהן אין איר האַרצן אַ סענטימענט? ווייל זי איז אַראָפּ פֿון איר סאָפּקע, אויף וועלכער זי איז געשלאָפֿן, מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צו דער קיך, ווו משה האָט גענעכטיקט. אַ שפּיץ פֿון אַ פּאַפּיראָס האָט אַרויסגעפּינקלט פֿון זיין מויל, געוואָרפֿן אַ שיין אויף איר בלענקיטנגנעם נאַכט־העמד. משה האָט איר פֿאָרזיכטיק גענומען ביי דער טאַליע, זי דערנענטערט צו זיך. אַ שטאַרק געפֿיל, אַ געמיש פֿון היימישקייט, געמיטלעכקייט און האַרציקייט האָט אים איצט באַהערשט. צוליב פֿולקייט פֿון געפֿיל האָט משה נישט געקאָנט איינשלאָפֿן.

מיטן פֿרימאָרגן האָט ער אָבער דערפֿילט אַ לייכטקייט, ווי פֿליגלען וואָלטן אים אויסגעוואַקסן, אים געצויגן אין דער לופֿט. די גרענעצן פֿון געטאָ האָבן אים געשטיקט מיט זייער ענגשאַפֿט. ווייל זיין פֿרייד האָט געקוואָלן אין אים מיט אַ שטייגנדיקער קראַפֿט. דורך דער בשותּפֿותדיקער טיר איז ער אַרויס אויף דער פֿריי. מיט אים צוזאַמען איז געגאַנגען דוד. אַזוי איז געקומען צום עפּיזאָד מיט משהן אויף דער קריסטלעכער זייט ערב ניי־יאָר.

אויפֿן פּלאַץ פֿון אייזערנעם־טויער האָט ער צוזאַמען מיט דודן פֿאַרקויפֿט גאַלאַנטעריע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער קליינער וואַליזע. אַ ציוויל־געקליידעטער מאַן האָט זיך צוגעקוקט פֿונדערווייטנס. ער האָט צוגעפֿירט אַ פֿאַרשוין אין אַ העלם צו לעגיטימירן די פֿאַרדעכטיקע פּאָר. עס איז גענוג געווען די דערשיינונג פֿון אַ מונדירטן דייטש, אַז משה און דוד זאָלן מיט איינמאָל באַגרייפֿן די סכּנה, אין וועלכער זיי זענען צוליב אייגענער שולד אַליין פֿאַרקראָכן. דאָס בילד פֿון דער בלוטיקער עקזעקוציע ביי פּאַרטשעוו האָט זיך געשטעלט פֿאַר די אויגן.

גיישט פארטראכטנדיק זיך איבער די פאלגן פון זייער האנדלונג, האבן זיי, ווארפנדיק זייער סחורה, זיך געלאזט לויפן.

— האלט!

א שאס נאך א שאס. משה הערהפילט אין זיינע אינגעווייד א ווארעמען שטראם, וואקלט זיך און פאלט אנידער מיטן פנים צו דער ערד. ער פרוווט זיך אויפהייבן, זיך עפעס דערהאלטנדיק. ער לויפט ווייטער און פאלט. מיט אים צוזאמען פאלט א דורכגייער, וועמען די קויל האט דורכגעלעכערט דעם קאפ.

משה איז פארבליבן אין א קאלוזשע בלוט. בלויז הודן האט זיך איינגעגעבן אין טומל צו אנטלויפן — צו ברענגען די בשורה דער וואכטנדיקער רייזלען — — —

* * *

נאכדעם ווי דוד איז געווארן ארויסגעווארפן פון מיינעם קיך אויף גראניטשנע, איז ער ארומגעקראכן איבער דער שטאט און ארבעט. דערביי האט געוויזקט די טאג-טעגלעכע מורא צו ווערן געכאפט פאר איינעם פון די לאגערן. דורכן שטימונג איז געווען א געדריקטע אויך צוליב דער בענקשאפט נאך וואנדען. ווייל געווען איז זי פאר אים גיישט בלויז א חברטע, נאר א פרוי, מיט וועמען ער האט געהאט בדעה זיך צו פארבינדן אויף לעבן-לאנג. אים האט געפעלט די איבערגעגעבנקייט פון דעם הארפישן מיידל, וועלכע איז גרייט געווען צו פארקניפן איר שיקזאל מיטן גורל פון א רעכטלאזן יידן.

שוין דריי חדשים ווי וואנדע איז נישטא... ווי גרויס איז אבער געווען זיין איבערראשונג, ווען מיינע האט אים דערלאנגט פון וואנדען א בריוול:

„איך בין געזונט, — האט זי געשריבן — איך האב גענוג צו עסן. איך געפין זיך אין א ווארעמער שטוב. עס איז פרייליך... וואס מאכט איר אלע אין געזונט? איך גריס אייך הערצליך...“

ווייטער בעט זי אנזאגן אירע עלטערן אין דארף, אז זי געפינט זיך אין האמבורג צוזאמען מיט אנדערע יונגע פוילינס. א קליינע צושריפט אין דער זייט האט געלויטעט: „קלויבט פאסט-מארקן“.

דאס קארטל איז געווען צעקנייטשט, פון א לענגסטיקער דאטע. ווי א פרעמדער וואלט זיך אונטערגענומען דאס קארטל צו באזארגן און פארגעסן אויספירן די דעליקאטע שליחות.

א צווייטער בריוו איז אנגעקומען:

„דוד! איך וויים נישט, צי דו דערהאלטסט מיינע בריוו. מיין איצטיק בריוול איז מסתמא דאס לעצטע. איך בין קראנק. ווען מיינע עלטערן וועלן קומען אין שטאט, זאלסטו זיי טרייסטן...“

ווידער האָט אַן אויפשריפט אין דער זייט געלויכטעט: — „קלויבט פּאָסט-מאַרקן".

אַ געדאַנק האָט אים אַ שאָס געטאָן אין קאָפּ: אַראָפּקלעפּן די פּאָסט-צייכנס, אונטער וועלכע עס איז פֿאַראַן זיכער אַ צושריפט, וואָס איז אימשטאַנד צו אויפקלערן וואָנדערס לאַגע. אין געאייל האָט דוד אַראָפּגעריסן די מאַרקע. די שריפט אונטער איר איז אָבער נישט געווען דייטלעך. מיינע האָט ביי אים צוגענומען די קאַרטל, זיי געהאַלטן אין קיך איבער אַ קאָכנדיקן קעסל. אונטער דער ווירקונג פֿון דאַמף איז אַראָפּ דאָס פּאַפּיר-געוועב. מיינע האָט די ערשטע אַרויסגעלייענט די קליינע אותיותלעך:

„איך בין אין אַן אַרבעטס-לאַגער".

ווי אָנגעגליטע שפּיזלעך וואָלטן דורכן לייב אַדורכגעלאָפֿן — אין אַ לאַגער! — אין אַ לאַגער! אין רשות פֿון דייטשישע ס.ס.-לייט... צי וועט זי עס איבערלעבן? צי וועט מען דאָס איבערלעבן? ווען וועט זיך ענדיקן דער אַכזריותדיקער קריג?

די פֿראַגן האָבן כסדר געשוועבט אין דער לופֿט. און נישט איינער האָט אויף די פֿליגלען פֿון זיין פֿאַנטאַזיע זיך פֿאַרטראָגן אין אַ ממשלה פֿון טרוימען, אין אַ קעניגרייך פֿון אַ פֿרידלעכן ערגעץ-לאַנד... עס האָט זיך געגלוסט צו גלייבן:

...אַ צענטליק יאָר וועט פֿאַרביי. אַ מוטער וועט דאָס קינד פֿאַרוויגן מיט איר וויג-ליד. אַ וואַסער וועט זיך פֿרייליך קוויקלען איבערן טאָל, און זיינע פֿאַליעס וועלן דערציילן וואונדער-מעשיות פֿון אַמאָל. בלויז צלמים און דענקמעלער וועלן עדות זאָגן פֿון אַ פֿאַרגאַנגענעם שטורעם, וועלכער האָט פֿאַרשלונגען מיליאָנען קרבנות.

1940... בלויז אין אַ צענטליק יאָר אַרום וועלן יידישע עלטערן דערציילן פֿאַר זייערע מיינדערייעריקע קינדער, וואָס אַלץ האָט פּאַסירט אין דעם יאָר. דאָס קליינוואַרג וועט מיט פֿאַרריסענע אויגן זיך נייגעריק צוהערן, און עס וועט מאָרגנע קלינגען אין זייערע אויערן די צאָל — 1940.

דערווייל איז דער קריג אין פֿולן ברען. עס קען קיינער נישט פֿאָרויסזען זיין סוף. אָבער איינעם איז קלאָר פֿאַר דעם, ווער עס האָט דורכגעמאַכט דעם גורל פֿון אַ ייד:

באַרימטע נעמען פֿון היינט וועלן ווערן פֿאַרוואַנדלט צו שאַנד. ווי לעגענדעס פֿון אוראַלטע צייטן וועלן קלינגען דערציילונגען פֿון נאָענטן עבר, ווען לויטער חיהשע אינסטינקטן זענען געוואָרן די הערשער איבער שכל און געפֿיל.

1940! ביסט אויסגעשפּראָצט אין בלוט פֿון דיין פֿאָרגענגער און אין בלוט ביסטו אויפֿגעוואַקסן. צי וועט דיין אָנהויב און סוף אויך דער וועג פֿון דיין נאָכפֿאָלגער זיין?

פוילן פון 1940. וויפל אומעט ועם הענגט אויף די צווייגן פון דיינע ביימער, וויפל אומזין עס שוועבט איבער דיר אין דער לופט!

נאכאמאל שטייט געבויגן א נייער אויף דער שוועל. ווי א פארמישפטער צום טויט קוקט ער פארן תלין א פולער מיט פחד. אבער א האפענונג טליעט אויף אין זיין הארץ. ער ווארט אויף הילף אין דער לעצטער מינוט — אויף דער בשורה פון גנאד און באפרייונג — — —

X

איבער די ווארשעווער גאסן האבן זיך געצויגן־פורן מיט בעבעכעס פון דער נאענטער און ווייטער פראווינץ. קינדער אין קאשקעטלעך אויפגעכאוועטע אין ישיבות, לאבוסאוואטע יונגען מיט בליקן פון גנבישע פוקסן, ארבעטער און סוחרים מיט געוואלד ארויסגעטריבענע פון אייגנגעווארצלטע היימען — דאס אלץ האט זיך געצויגן צום יידישן באצירק, לויטן באפעל פון דער מאכט.

יעדע ווילע האט זיך באוויזן א פלאמפארמע מיט קינדער און פרויען, געפאקטע ווי נענז, מיט אראפהענגענדיקע פיס, אדער צוגעטוליעט אין ענגשאפט איינער צום צווייטן. אט שמייכלט אראפ פון וואגן א יונג מיידל, וועמענס אויגן שטראלן אויס דעם אפגלאנץ פון בין־השמשות מיט זיין אומעט און געמיטלעכקייט. אן אלטע באבע פארברעכט די הענט, אנקוקנדיק צום ערשטן מאל אין איר לעבן די גרויסע מויערן פון דער גרויסער אומבאקאנטער שטאט... ווי מיט א כיוון זענען די מויערן אייגעריכט אין פארברודיקטן שניי, האס וועטער — דורכדריגנענדיק־פויל, און מענטשן פון דער גאס — אנגעכמארעט און אומפרייגדלעך.

— א פחד פאלט אן. סיזן גאט אליין זאל אויף אונדז זיך מרחם זיין.

— מיר וועלן דא אויסגיין פון הונגער און קעלט.

— וואלט איך געהאט א נאענטן, א פריינד צו איבערנעכטיקן די נאכט.

— מען ווייסט נישט וויסן, ווו ס'וועט אהינקומען אונדזער געביין.

שווארץ נביאות־זאגן פון בארערעוודיקע ווייבער האט אנגעיאגט א שרעק אויף די שווייגנדיקע מענער. זיי האבן געדעפטשעט ביי דער זייט פון די פלאטפארמען, זיך ריכטנדיק צו די פונקטן פאר היימלאזע, וואס זענען געווען פאר זיי אנגעגרייט. — — —

איבער די גאסן און הויפן האט אפגעהילכט א געשריי:

— ביי זיך אין דער היים בין איך געווען א האַרעפּאַשניק א שמיד, כ'האב געקאוועט פרנסה מיט האמער און צוואנג, הייגט גראב איך מיין קבר מיט אייגענע הענט און גיי אויס ווי א ליכט. מיין הארץ גוססט פאר הונגער צוליב א מאנגעלע ברויט, צוליב א לעפל געקעכטס, צוליב א קרישקעלע שפייז.

— יידן, בני=רחמנים, העלפט! אין זכות פון די אָרעמע, וועלכע איך האָב אַליין געשפּייזט, בזכות פון די קראַנקע, וועלכע איך האָב אַליין געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס.

אימפּראָוויזאַציעס האָבן אויפגעהערט צו ווירקן, ווייל געבעט=רייד און תחנונים האָבן זיך איבערגעחזרט וואָס אַמאָל שוואַכער מיט אַ קול פון אַ פאַרמישפּטן. פון די שטאָקן איז זעלטן אַראָפּגעפאַלן אַ גראָשן, ווייל קיין איינער פון די בעטלערס האָט נישט געהאַט די חוצפה צו די פענצטער אַרויפשרייען מיט גאַל אויף די ליפּן:

— פאַרפלוכט זאָלט איר ווערן, ענגהאַרציקע פּרעסערס, פאַרטריבן פון וווינונג און שטאָט! אייערע קינדער זאָל טרעפן דער גורל פון אונדזערע! אייערע מענער פאַרדאַרט, אייערע ווייבער געשוואָלן זאָלן זיך פליקן די האָר פאַר פאַרצווייפלונג און פּיין.

די רעסטאָראַציעס האָבן נאָך קאָקעטירט צו דער גאַס מיט געשמאַקע ביסנס — ביי זייערע שוועלן האָבן האַלב=נאַקעטע אַפּעלירט צו יידישע הערצער. טייל האָבן געמאַכט התחיבותן, אַנדערע זענען געשטאַנען אין רעזיגנאַציע פאַרשטיינערט און גאָרנישט פאַרלאַנגט. דער שאָטן פון הונגער האָט מיט געשוואָלענע לאַפּעס געדריקט אויף זייערע זשעברעס, געשאַפן טריקעניש אין מאָגן און מאַרך. זיי האָבן געפילט דעם שוואַכן פּולס פון זייערע הערצער ווי דאָס שטילע טיקען פון אויסגייענדיקע זייגערס.

ווער=נישט=ווער איז געלעגן אויפן בעטאָן ווי אַ געבונדענער שעפּס. ווער=נישט=ווער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, נישט וועלנדיק נאָכגעבן דער שוואַכקייט פון זיין גוף. די פלאַטן פון טראָטואַר האָבן זיי אָנגעפילט מיט שרעק, זיי האָבן געוואַרט אויף אַ נס. זייערע ליפּן האָבן זיך באַוועגט:

— יידישע הערצער, האָט רחמנות...

אָבער אויך זיי האָבן געפילט דעם לאַסט פון זייער גוף, ווי דער מאַגניט פון דעם ערד=קערן וואָלט געבראָכן אויף צוויי זייערע שווינדזיכטיקע אבֿרים, כדי אַמשנעלסטן צו קומען מיט זיי אין באַהעפטונג.

אַ טשוויטשערן פון שוואַלבן האָט אָנגעזאָגט דעם פרילינג. די ביימער האָבן זיך צעבליט מיט מאַי און בעז. די פרילינגס=זון האָט געמונטערט צום לעבן, געהויבן אין דער לופט. דער אינסטינקט פאַרן לעבן האָט אויפגעריסן זייערע מיילער און געמאַכט אויסשטרעקן די ביינערדיקע הענט:

— גוטהאַרציקע מענטשן!

איינציקע זענען געלעגן איינגעוויקלט אין זעק. זייערע גלידער זענען געווען שטייף און די ציינער פאַרשטשעמעט. פון צייט צו צייט האָט אַ קלונג געטאָן פאַר זייער נאָז אַ קופּערנער גראָשן, אַ גוטהאַרציקע פרוי האָט אַריינגעשפּאַרט אַ צוקערל

אין מויל פון א פארשטאַרטן. די גלייכגילטיקייט איז געווען אַ באַוויז, אַז דער מענטש וועט שוין מער קיין שפּייז נישט געברויכן, אַז זיין אַפּעטיט איז פאַרביי.

איינגעוויקלטע אין לאַנגע בויגנס פאַפּיר, וואָס עמעץ האָט געשענקט לשם־מצווה, זענען מתים געלעגן ווי געפאַלענע פערד, אויף וועלכע קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

— האָט רחמנות, מיר גייען אויס פון הונגער און נויט... ווי קענט איר עס צוזען?

— א שטיקל ברויט! — האָבן אין כאָר דעקלאַמירט גאַנצע פאַמיליעס.

עמעץ האָט געפּרעפּלט פסוקים פון תהילים, אויסגעזונגען זמירות, חסידישע ניגונים.

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ ליכטיקער טאָג. די לבנה האָט באַלויכטן פינצטערע פּנימער פון געפאַלענע. זייערע גלידער האָבן געציטערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ערגעץ־ווו אין א „פּונקט“ האָבן קינדער נישט דערוויישט טאַטע־מאַמע אויפן האַרטן געלעגער. מיט יעטוועדן טאָג האָבן זיך געמערט די צאָל פון די ליגנדיקע קינדער. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין די פּלאַטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, צו האַמעווען אויף דער גאַס די באַוועגונג פון די זאַטע, וועלכע האָבן מיט פעסטקייט געשטעלט זייערע פיס.

ערגעץ־ווו פאַר דער גאַס האָבן קינדער געיאָמערט, געריסן צום לעבן א גע־שוואָלענע מאַמע: „איך האָב מורא, איך ציטער“... און זייערע אויגן האָבן געפּי־בערט פאַר שרעק פאַרן מאָרגן; זייער גורל איז געווען א געחתמעטער.

— יידישע הערצער — פאַרשטיינערטע הערצער!...

ווי תמיד זענען הערצער פון פאַרמעגלעכע געווען פאַרשטיינערט. די מורא פאַרן הונגער האָט געשלאָסן זייערע הענט און געקרעפּטיקט זייערע מאָגנס. ווי די ערד אליין וואָלט נישט געקענט שטילן איר אומגעזעטיקטן אַפּעטיט, געדראָט מיט פאַרשלינגען אין א ריזיקן מויל.

דער הונגער האָט געלויערט אויף זיין רויב. ווי אַן אומגעהייערע שפּין וואָלט פאַרשפּרייט זיין געוועב איבער די דעכער פון געטאָ — — —

* * *

זייט זיבן חדשים האָט ביי פּערלען זיך געצויגן די מלחמה מיט איר מאַמען.

— דיר געפעלט נישט קיין חזיר־פלייש, מעגסטו הונגערן צוזאַמען מיט אַלע. האָסט אַן אָרעמע טאָכטער, וואָס קען דיר נישט אויסהאַלטן, — האָט פּערלע זיך געבונטעוועט אַנטקעגן דער מוטער, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו בודקן דאָס כשרות פון דעם געשיר.

— גוילנישע הערצער, ווי קענט איר מיך צווינגען? א לעבן אָפּגעלעבט ווי א יידישע טאָכטער, — האָט די אלטע זיך געבעטן.

— איז גענוג שוין צו לעבן, — האָט די טאָכטער איר צוליב געטון.

— אָבער דאָס חזיר=פעטס פארסמט מיר דעם מאָגן און מאכט מיר א לוי=פעניש...

— טאָ עסט מען איבגאנצן נישט...

— משומדתטע, — האָט די אלטע זיך געווערט — הערשטיקט ווען האָט אַזעלכעס געדארפט אייער ס'האָט דערזען די ליכטיקע שיין.

דערפאר האָט לייבוש הנאה פון דעם ווייס=ברויט מיט חזיר=פעטס, פון דער סאלאטקע מיטן שמאנט, ווי אויך פון דער פרישער שמעקעוודיקער שינקע, וואָס א טראמוויי=קאָנדוקטאָר פלעגט פון צייט צו צייט אריינברענגען פון „יענער" זייט.

— זאָל די באָבעשי נישט עסן, — איז לייבוש געשטאַנען אויף דער זייט פון דער מאַמען.

אויך בעמיע איז צוגעשטאַנען צום כשיתפותדיקן פראָנט קעגן דער שוויגער.

— זאָל זי זוכן אן אכסניה אזא ווי איר געפעלט...

דערקעגן איז לייבוש געוואָרן סטאַטעטשנע. ער מישט צוזאַמען סאַהזע מיט פעטס און פאַקט עס אין ליידיקע שאַכטלען פון פאַסטע, כדי צו פאַרקויפן. ער לערנט די מלאכה פון קינסטלעכן זייף. דער טאַטע איז צופרידן, וואָס דער זון באַמיט זיך צו פאַרדינען אַ גראָשן. מיטן היגטל האָט זיך לייבוש געזעגנט, האָט עס אָפּגעלאָזט מיט א כיוון אין א ווייטער גאס. איז אָבער דאָס יאמניקל אליין צוריקגעקומען און שטייט פאר דער טיר ווי אַ פארוואָרלאָזט קינד מיט אַ וויינענדיק קול... ער גליבעט מיט זיינע קרומע פיסלעך אין שמעטניק פון הויף און דערלאָזט נישט קיין אָרעמען צו נישטערן אין מיסט.

ביי פערלען אין שפייז=קאמער גלאָצן אויף די שאפעס געשייערטע שלעסער. אָבער אין א פארשלאָסענער שאַנק האָט זיך אריינגעכאפט שימל. אָנגעהויבן פון ווורשט און שווייצער=קעז, האָט דער שימל זיך איבערגעוואָרפן אויף די ברויט=סוכאריעס און געהויבערטער חזיר=זייט, אריינגעבליקט אין וויינפערלעך און טרוס=קאוועס, באצירט מיט בלומען די דילעס פון שפייז=שאַנק... סלאָיעס קאָנפיטורן, געזאלצענע פוטער און הערינג=מארינאד האָבן געשימלט צוזאמען מיטן ווייצן=מעל, מיטן האָבער=גריץ און פערל=קאשע. כאָטש שווער איז אָנגעקומען דעם שימל דאָס געראַנגל מיטן צוקער=מעל און ברויגעם מאַרמעלאַד, האָט ער איבעראַל איבערגעלאָזט זיין איבלדיקן געדויר, ווי באַקציל פון א פעסט. פערלע האָט זיך געכאפט צו עפענען די שאַנק ערשט דאן, ווען פרעמדע אריינגייער האָבן געצויגן מיט די נעזן און באטראכט די זוילן פון די שיך. אויך אין קעלער האָט געבאַלעבאַטעוועט א פארדארבנדיקע האנט. קארטאָפל האָבן געפוילט פון אונטן ביז אויבן צוזאמען מיט מייערן און קרויט, בוראקעס, פיעטרושקע און רעטער. די הורבע

קוילן האָט זיך געמיינערט מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, ווי עמעץ פון די שכנים וואָלט געמאַכט א נאָכשליסל, כדי צו גענייסן פונעם קאָסטבאַרן שטאָף.

בעמיעס הויז איז געווען געשפּאָלטן זייט דער קאַנאָנאַדע. נישט בעמיע און נישט זיינערצייטיקער קאָמיסאַר מאזור האָבן געלייגט דערויף א געהעריקע אכט. אזוי איז געקומען אינגאַנצן אומגעריכט צו דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין א מיטן העלן טאָג. עס האָט געקנאַלט ווי א דונער, און גלייך האָט זיך א שאָט געטון דער סופיט מיט א געוואַלדיקער שווערקייט אויף דער פּאָדלאָגע. אַלץ האָט געזונקען אין דער נידער צוזאַמען מיט דער ווירטשאַפט און די ווענט.

דאָס הויז האָט זיך כסדר צעשאָטן אויף שטיקער. בעמיעס וווינונג איז געווען צערואינירט. אונטער די חורבות זענען פאַרבליבן צעשאָטענע שאַפעס מיטן צעבראָקלטן פּראָוויאַנט. פון אונטער די רואינען האָבן ארויסגעשטאַרצט מענטשישע אברים. פאַרצווייפלטע קולות האָבן גערופן נאָך הילף.

לייבוש איז געקומען צו לויפן פון דער גאַס. פון אונטער די ציגל האָט ארויסגעשטאַרצט א קאָפּ ענלעך צו זיין טאַטנס. דער קאָפּ האָט נישט ארויסגעגעבן פון זיך קיין קלאַנג, איז געווען פון גלאַנציקן ערדישן קאָליר. לייבוש אליין האָט געקענט פעסטשטעלן גלייך אויפן אָרט, אז דער קאָפּ געהערט צום מאַרמורענעם ביוסט, וואָס אַ באַקאַנטער סקולפּטאָר האָט אויסגעפורעמט אויף באַשטעלונג, כדי צו פאַראייביקן פאַר דער וועלט זיין פאָטערס געשטאַלט. דער קאָפּ פון דער סטאַטוע האָט איבערגעגעבן מיט דער גענויעסטער פּינקטלעכקייט די שטריכן פון בעמיען, זיין אָנגעברוגזט ענערגיש פּנים מיט הענגענדיקע גראָבע ליפּן.

בעמיע אליין איז אָפּגעקומען מיט שרעק. געליטן האָט פערלע, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם געלעגן צו בעט מיט א צעשפּאָלטענעם ביין. דער פאַרגרייטער פּראָוויאַנט איז געלעגן א צעשאָטענער אונטער די חורבות. דאָ איז אויך געלעגן די זילבערפוקס=פעלערינע מיט אלע אירע עקן, ווי אן אויסטערלישע חיה פון זאָאָלאָגישן גאָרטן.

אלבערט האָט נאָך מיט א צייט צוריק געהאַט זיך ארויסגעצויגן, אויך עסטושע און מינע. דער קעלער, אין וועלכן יאַנקל האָט געוווינט מיט זיינע סובלאָקאַטאָרן, איז פאַרבליבן אַ גאַנצער. אָבער וווינען אין אים האָט מען נישט געקענט צוליב דער געפאַר פון איינפאַלן, ווייל אויף אים האָט געלאַסטעט א שווערער גרוז. סייווי סיי האָט די וועשעריי נישט מער פּראָספּערירט. צוליב דער טייערקייט פון קוילן און זייף איז דער פּראָפיט פון דער ארבעט געווען אַ נישטיקער. דאָס טעפּעלע געקעכטס האָט אָפּטמאָל געפעלט אויף דער קיך ביז עס איז פאַרשוואונדן. סיי ביילע, סיי בלימטשע, ווי אויך יאַנקל מיט זיין פאַמיליע, האָבן פאַרנומען א צימער אין איינעם פון די „פונקטן“ צוזאַמען מיט די הונדערט טויזנט אנדערע היימלאָזע, וועלכע

האָבן אומזיסט געהאָפט אויף אַן אונטערשטיצונג פֿון וואַרשעווער און אמעריקא=נער „הזשאָינט“ — — —

דאָ זענען געזעסן די אלע, וועלכע האָבן יעטוועדן עול פֿון זיכן און פֿאַרדינען פֿאַר זיך שוין געהאַט אראָפּגעוואָרפֿן. אויסגערוטע און וואַרטנדיקע פֿון זופּ צו זופּ, האָבן אלע גערעדט אויף דער איינציקער טעמע — פֿון דער לייטונג, אירע מעלות און חסרונות.

— דער קיעראָווניק פֿון אַנשטאַלט וואָרנט זיינע קינדער, זיי זאָלן זיך נישט שפּילן מיט אונדזערע, ווייל זיי וועלן זיי פֿאַרלויזן.

— יאָ, דער וואַזשני איז אויך אַ לייט... ווען אַ מיידל געפֿעלט אים, נעמט ער זי אַרויף צו זיך אין צימער און גיט איר אַ געדיכטע זופּ.

— וואָס רעדט, פֿאַר וועמען בלייבט די געדיכטע, אויב נישט פֿאַר זיי? פֿון זיי האָט קיינער נישט קיין געשוואָלענעם קאָפּ.

— מיר, בלויז מיר גייען אין „אָבאָז“ (ארבעטס=לאַגער) אוועקצולייגן די קעפּ. די גמינע ווייסט בלויז אונדזער אדרעס. זייערע ווייסט זי נישט. מיר, האָט זיי זענען מיר דאָס כפּרה=הינדל פֿאַר אַלע קאָר=לעפֿל.

— יאָ, דער „אָבאָז“... דאָס האָט דער „אָבאָז“ מיך צוגעטשוואָקעט צום בעט אין צושטאַנד פֿון אַ קאַליקע און... צום „פּונקט“, — האָט זיך געבונטעוועט אַ יונגער=מאַן, וועמענס עלטער איז אוממעגלעך געווען פֿעסטצושטעלן — אונדזערע אָרד=נונגס=מענער [1] האָבן מיך פֿסח=צייט אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט, אַ פֿייער און זיי, אינמיטן דער נאַכט, איבערגעגעבן די מונדירטע חיות אין די הענט. יידן — אַ יידן.

— ווי אין די צייטן פֿון די קאַנטאָניסטן, — האָט ווער אַריינגעוואָרפֿן — די רייכע פֿאַרקויפֿן דעם אָרעמען...

— אַזוי איז עס טאַקע, מיינע פֿריינד, די רייכע דעם אָרעמען... האָבן זיי מיך אַוועקגעשלעפּט אינמיטן דער נאַכט, כדי צו רעגולירן בײַ גאַרוואָלין דאָס וואַסער. האָבן מיר געשטעקט אין די זומפּן, געזונקען ביז איבערן בויך, האָט אַנטון האָט געפֿרוירן צום לייב סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט... בררר... זענען מיר די פֿיס געוואָרן ווי קלעצער און אָנגעהויבן טונקלען... האָט מען זיי געמוזט אַראָפּשנײַדן באַצייטנס צו פֿאַרמיידן אַ פֿאַרגיפֿטונג.

— אויך מיר, אויך מיר האָבן די גמינע=הינט געפּאַקט אויף דער גאַס, און איך האָב זיך אויף זיי נישט געריכט, — האָט אַ זיבעצניעריקער יינגל דערציילט מיט גלייכגילטיקייט פֿון זיינע איבערלעבונגען — אין „זשימנאַ=וואָדאַ“ ביי גראָ=הזיסק בין איך געווען דער שטאַרקסטער פֿון אַלע... אַז די פֿיס האָבן מיר אָנגע=הויבן יערן, האָב איך באַשלאָסן: איך צי נישט אַראָפּ די שיך פֿונעם לייב, ווייל

---

[1] יידישע פּאָליציי — באַמ. פֿון רעד.

ציט איר אַראָפּ — קענט איר זיי מער נישט אַרויפֿטאָן פֿונסנײַ... יאָ, האָט אַ דאָקטער מיך באַטראַכט, האָט ער באַפֿוילן אַוועקנעמען די שיך פֿון מײַן לײַב צוזאַמען מיט די פֿיס ביז די קנעכלעך... צי האָב איך אים געפֿאָלגט? דער טויט איז דער טויט — זאָג איך — איז איין מאָל געשטאָרבן... און, זעט איר? — אָט שטיי איך אויף נאַטירלעכע אייגענע פֿיס...

— און מײַן געשווילעכץ וואָלט פֿײַנע אַריבער, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ יונגער סטאָליער — איך בין אַ בעל־מלאכה, איך האָב פֿאַרדינט פֿון טאָג אויף טאָג, נישט געמאַכט קיין אָפּשפּאָרונגען... ווען איך זאָל האָבן כאָטש איין וואָך פֿלעגע, כאָטש אַ טאָפּלטע פּאָרציע זופּ, וואָלט איך געקומען צוריק צו די כּוחות און אַוועק צו דער אַרבעט...

— אָבער, פֿרוי, זאָלט איר לעבן, שלאָגט אים נישט מער, גענוג אים צו פּײַניקן... שלאָגן אַ הונגעריק קינד איז דאָס זעלבע, וואָס הרגענען אַ מענטש... וואָס זענען זיי שולדיק, די שוואַלבן? שולדיק איז דער גאַרישער טאַטע, וואָס האָט זיי געבראַכט אויף דער וועלט אומגעבעטענערהייט...

די לעצטע ווערטער זענען געווען געווענדעט צו ביילען, וועלכע האָט אין פֿאַרביטערונג געשלאָגן ביאָמעלען, איר יונגסטן זונדל, איבערן נאַקעטן לײַב פֿאַר פֿאַרלאַנגען אַ צוגאָב צו זײַן שיטערער זופּ, אים געמוסרט אָן אויפֿהער:

— הער מיר אויף צו דערקוטשען, מיר צו מאַכן דעם טויט.

דאָס ייִנגל איז אַרומגעקראָכן מיט אַ צעדראַפּעטער נאָז און צעביילטן שטערן, ווײַל נישט אײַנגייענדיק אויף די געזעצן פֿון די דערוואַקסענע, האָט ער זיך גענומען אַ בייגל פֿון אַ הענדלערס קויש.

אין איינעם פֿון די מאַי־טעג האָט ביילעס משפּחה איבערגעלעבט די טראַגישסטע שעה זינט דער מלחמה. אין דעם טאָג איז אויסגעפֿאַלן דאָס פֿאַרטיילן ברויט אויף באָנען. אַן אַנדערטהאַלבן ברויטלעך האָט זשעניע געטראָגן אין אַ קוישל. אַ טייל פֿון געבעקס האָט געהערט צו בלימטשען. ביים טויער פֿון הויז האָט אַ פֿאַרסמאָליעטער יונג האַסטיק אַ פּלעם געטון זשעניען איבערן אָרעם, איר אַרויסגעפּליקט פֿון דער האַנט דאָס פּעקל. דאָס מיידל האָט געמאַכט אַ געוואַלד און נאָכגעיאָגט דעם רויבער. דורכגייער זענען איר געקומען צו הילף און אָנגעכאַפּט דעם כאַפּער ביים סאַמע גאָרגל. יענער האָט אָבער געקרישלט שטיקער פֿונעם ברויט, זיי געשטופּט אין מויל צווישן די באַקן, געשלונגען ווי אַ גאַנדז — ביז ער האָט זיך פֿאַרכלישניעט. אַ צווייטער האָט אים אַרויסגעכאַפּט פֿון מויל דאָס ברויט. ווי פֿון אונטער דער ערד איז אַרויסגעוואַקסן אַ דריטער, אַ פֿערטער, אַ פֿינפֿטער — אַ טשאַטע הינט, אויסגעהונגערטע, אין ווילדן געיעג נאָך אַ פֿעטן ביסן. איינער נאָכן צווייטן, איינער איבערן אַנדערן — איינער האָט דעם צווייטן געביסן די נאָז, געפּליקט פֿאַר די האָר — ביז די ברויטלעך זענען געוואָרן צעפּלאַטשט און צעריבן. אַפֿילו קיין פּיצל האָט זשעניע פֿאַר זיך נישט געראַטעוועט, ווײַל די ברעקלעך זענען

אָפּגעלעקט געוואָרן פונעם ברודיקן שטיין צוזאַמען מיטן מיסט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן ברוק.

אין דעם טאָג האָבן ביילעס קינדער זיך געלאָזט איבער דער וועלט, ווו די אויגן וועלן טראָגן. זייערע מאָגערע הענטלעך האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו דער גאַס אויף חסד פון גוטהאַרציקע — — —

אויך יאַנקל האָט פאַרזוכט דעם טעם פון „אָבוז“ און קומט נישט צו די קרעפטן. זינגט ער פאַר דער גאַס זיינע אייגענע לידער, ווי אויך לידער פון יתומים-הויז, ווו ער האָט זיך דערצויגן. זשעניע העלפט אים. נייגיריקע גאַפן. פון צייט צו צייט קריגן זיי געשענקט אַ פּאָר גראָשן. אָבער דורך דעם גאַנצן טאָג זאַמלט זיך נישט צונויף אַפילו אַזוי פיל, וויפל אַן אָרעמער מענטש באַדאַרף האָבן אויף אַ שיסעלע באָרשט... דאַן קומט די רעזיגנאַציע. דאַן שטרעקט זיך האַנט צו דער גאַס אין שטילשווייגעניש. דאַן קומט די שוואַכקייט פון האַרץ און געשוואָלענע פיס, אונטער די אויגן אַ בלויקייט און אַ שוים אויף די ליפּן.

עס חלשט די האַנט, די פיס ברעכן זיך אונטער. אויף די טרעפּ פון נייעם געריכט-פּאַלאַץ אויף לעש זיצט זשעניע, אַ גלייכגילטיקע צו אַלעם, פאַרשטיינערט, ווי אַ סלופּ ביים אַריינגאַנג. מיט גרויסע אויסגעלאָשענע אויגן, לאַנגע שוואַרצע ברעמען, פאַרטרוקנטע ליפּן... בלויז פון צייט צו צייט באַוועגט זיך איר שמאָלער ברוסט-קאַסטן, אָבער וואָס אַמאָל שוואַכער, אומבאַמערקבאַרער... דורכגייער ווערן אויפמערקזאַם אויפן דורכזיכטיקן לייב פון יונגן מיידל. ווער-נישט-ווער וואַרפט צו אַ נדבה. עמעץ שטופּט אין זשעניעס מויל אַ צוקערל, פּרוווט איר פולס, רייבט אירע שלייפן. פון ערגעץ באַווייזט זיך אַ גלאָז לימאָנאַד און אַ לעפל זופּ. זשעניע באַוועגט נישט מיט קיין אבר. אָבער יעדער טראָפּן לימאָנאַד פאַלט אויף איר צונג ווי אין גליענדיקן אַש. און נאָכאַמאָל קלאַפּט דאָס האַרץ מיטן שוואַכן ריטם פון אַ שטילגעוואָרענעם מאָטאָר, וועמען ברענשטאָף איז געוואָרן צוגעוואָרפן אין דער לעצטער מינוט. מיט ווילדן אימפּעט קנאַקן די ציינער. יעדער שלונג ציטערט אָן אין די אויגן אַ פייער און אין די גדערעם. אַט ווערן די אויגן אויפגעריסן, קריכן אַרויס פון די ראַמען פאַר פאַרוווּנדערונג און שיסן מיט בליצן..

פאַרן בנין פון געריכט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פור. יידישע אָרדנונגסמענער האָבן געזאַמלט פון טראָטואַר די ליגנדיקע מענטשן, וועמענס קערפּערס זענען געווען אויסגעטריקנטער שטרוי. פון אונטער צעפוילטע לאַכעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויסגעברודיקטע אברים. געפּאַקטע וועגענער מיט לעבעדיקע שקעלעטן האָבן זיך געצויגן איבער די גאַסן אין דער ריכטונג צו קוואַרטאַנעם, ווייל די מאַכט האָט באַפוילן צו מאַכן אָרדנונג פאַר יעטווידן פּרייז. פון די פּלאַטפאָרמען האָבן אַרויסגעקוקט פינצטערע פּנימער. פון זייערע אויגן האָט געשפּריצט אומזיניקע ווילדקייט. ווען-נישט-ווען האָט אַ הויפן ביינער, באַצויגענע מיט הויט, אויסגע=

שטרעקט אַ האַנט צו אַ דורכגייער. מיילער האָבן געגאַוועט, מיט יערנדיקער סמאַע צו פאַרבייגייענדיקע:

— ליבע מענטשן, אַ צוקערל, אַ ציבעלקע, אַ סאַכאַרינקע — — — — צו דער־כאַפּן דאָס האַרץ.

XI

מיט אַן אויסגעפּוקלטן בויך, ווי אַן אָנגעפּלטע פּאַס, וועמעס אייזערנע רייפן פאַרהיטן פון פּלאַצן, האָט דער מיזבעניער פּריץ און היינטיקער פּאָסטן פון לופט־פּלאַץ אויף „אָקענטשע", אַן אַרומגעגאַרטלטער, געשפּרייזט איבער די שמאָלע טראָטואַרן פון סמאָטשע און גענשע. קינד און קייט האָבן אים געמאַכט פּלאַץ אויס דרך־ארץ און מורא פאַר זיין געשמאָלצענער גאָמבע. ער האָט ברייטלעך געוואָרפן זיינע פיס און הענט און כסדר געפּראַסקעט מיט זיין פליישיקער דלאָניע, געקאָפּעט מיט די פיס און מיט די פויסטן אונטערגעשלאָגן אויגן פון דורכגייער, וועלכע האָבן אין צעשמעטערטקייט נישט באַמערקט די מונדירטע מאַסע, איר נישט אָפּגעטרעטן פון וועג, אַנטבלויזנדיק דעם קאָפּ. פיל ערגער האָבן אָפּגעשניטן די ייִדן, וועלכע זענען געגאַנגען פאַר אים פאַרויס און זיך אויף גאָרנישט גערוכט... וויַגישט־ווי איז אויפן טראָטואַר געלעגן אין חלשות אַ מענטש, פאַרצוימענדיק אים דעם וועג. דער פּריץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל אין זיין גאַנג. פון זיין האַלדז האָט געהוילט אַ געוואָי:

— גאָטספאַרשאָלטענעם פאָלק...

ער האָט פאַרקאַשערט אַ פאָלע פון זיין ברייטן מונדיר, האָט אַרויסגעגראַבלט פון טאַש אַ פענינ־שטיק און האָט אַ שמיץ געטון מיט אַ קלונג פאַרן בעטלער. ער האָט באַפוילן די דורכגייער צו פאָלגן זיין ביישפּיל. מאַיעסטעטיש און הראָנע־דיק האָט דער פּריץ געשטאַרצט אויף די צעשרויפטע פיס, אַלאַרמירנדיק די גאַס. ביז דער בעטלער האָט אַ דערשראָקענער זיך אויפגעהויבן, זיך פאַרבאַהאַלטן הינ־טערן צוים פון בית־עלמין.

די בילדער, וואָס האָבן געוואַרט אויפן פּריץ אויפן בית־עולם, האָבן איבער־געשטיגן זיינע אַלע פאָרשטעלונגען. ער האָט צורעכטגעמאַכט זיין אַפּאַראַט צו קענען פאָטאָגראַפירן. אָבער דאָס געשטאַנק פון הונדערטער זיך צעלייגנדיקע קער־פּערס איז אים אַריין אין די בייגער, און ער האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן, באַקו־מענדיק קראַמפּן. זיין מאַסיווער גוף האָט זיך געטרייסלט אין קאָנוווּלסיעס. די אָדערן פון שטערן און קאַרק האָבן געדראָט מיט פּלאַצן צוליבן צופלוס פון בלוט. די אַריינמישונג פון אַ דאָקטער איז געווען נייטיק צו ברענגען אין גלייכגעוויכט די צעשרויפטע נערוון, צו אויסמיידן אַ קאַטאַסטראָפע טאַקע גלייך אויפן אָרט.

ביי אַ טיפער אָנפאָרמיקער גרוב זענען אָנגעוואָרפן מתים...

גישטאָ קיין ווערטער אויף אויסדריקן די מיגועמן פון גוססן צוליב הונגער... איגמיטן דער גאַס אין אַ ליכטיקער שעה. אָבער ס'איז דאָ אַ מאָמענט, ווען דער טויט איז פּשוט און נאַטירלעך. ווען ער קומט ווי אַן אויסלייזער פון יסורים־דיקע טעג. דער לעצטער אָטעם — ווען די חושים זענען אָפּגעשטומפּט, דער געדאַנק איז פאַרנעפּלט און דער ווילן פּאַראַליזירט — קומט ווי אַן אויסלייזער פון יאוש און פּיין.

דער טויט האָט אַ סוף געמאַכט צו זייערע אַלע שוואַכקייטן. די שווינדזיכטיקע אויסגעטריקנטע גופים וועט אין אַ מיגוט אַרום באַדעקן די געדולדיקע ערד. טייל געזיכטער האָבן דערייבער אויסגעדריקט געלאַסנקייט, ווי זייערע טרעגער וואָלטן דערגרייכט צום געווונטשענעם ציל.

דער שטח פון אָנגעמאָמעגדיקע ברידער־קברים איז געוואָקסן ווי אַ מכה מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. זענען הונדערטער מתים געלעגן אין שטויסן אין אַ לאַנ־גער שאַפּע אָנגעוואָרפענע איינער אויפן אַנדערן. פּיס צו קעפּ און קעפּ צו פּיס. ווי לאַנגע צעוואָלטע הערינגען, פון וועלכע הויט און לייב איז אָפּגעשטאַנען פון ביין צוליב דויער פון צייט.

אַ קנויל פון מענער און פרויען. פיילנדיקע אברים האָבן געשטאַרצט פון נאַקעטע גופים. צעפרעסענע פון הונגער, שקראָפּל און פלעק־פיבער, האָבן אברים פאַרלוירן פאָרעם און פאַרב. איינער איינגעקלעפּט אין צווייטנס שוויים. איינער איינגעגראָבן אין צווייטנס פלייש. ווי אַ געמיינזאַמער הויפן פון פוילונג און מיסט. אויסגעפּוקלטע אויגן, אויפגעריסענע מיילער האָבן געוואַרט אויף אַ זכות, אַז די ערד זאָל זיי צודעקן.

ערגעץ ווייט לעבן צוים האָט ביילע געלאָזט אין גאַנג איר אָראַטאָרישן טאַ־לאַנט. איר זון נאָמעלע, וואָס האָט זיך תמיד געבונטעוועט, פאַרלאַנגענדיק פאַר זיך אַ טאָפּלטע זופּ, האָט אַ ברוגזדיקער פאַרלאָזט דער מאַמעס ווינונג צוזאַמען מיט דער וועלט. און איר איינגאַרטיקן ניגון האָט די מאַמע זיך געזעגנט מיט איר יינגסטן זונעלע:

— נאָמע, שייד זיך אָפּ פון אונדז, נאָמע, און לאָז אונדז צורו. האָרך, נאָמע, זאָלסט אונדז נישט דערקוטשען, כ'האָב שוין גענוג קרבנות געבראַכט... גיי צו דיין טאַטן סראָלקע — נאָמעשי, הערסט וואָס איך זאָג? — זוך אויף דיין טאַטן, עליו־השלום, און דיין פעטער כילן, אַ ליכטיקער גן־עדן אויף אים, זאָלסטו אויפזוכן — זאָלן זיי זיך מיען און איינלייגן וועלטן, אַז די געפאַר זאָל זיך אָפּטאָן פון זייער משפּחה.

איבער פרישע קברים האָט אָפּגעקלונגען איר יללה, וואָס האָט זיך אַוועק־געקייקלט איבערן בית־עולם־צוים און אויסער די גרענעצן פון געטאָ.

— נאָמעשי! שייד זיך אָפּ פון אונדז, מיין טייער קינד, און האָב נישט אויף אונדז קיין פאַריבל...

דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. ווו-ביסט-ווו האָט אַ מאַמע באַקלאָגט אירע פאַרהונגערטע קינדער מיטן געוויין פון אַ סאָווע. אַ פאַראיינזאַמטער טאַטע איז געלעגן אויף דער ערד ביי אַן אָפענעם קבר. זיינע ליפן האָבן געמורמלט:

— באַגראָבט מיך פאַראייניגטערהייט צוזאַמען מיט זיי.

אַ וואַטע פון בלוט, איז די זון פאַרגאַנגען אין קופּערנעם גלאַנץ. מיט פרעמדקייט האָט געוויעט די לופט. אַ טעמפּקייט האָט אָנגעפילט מוח און האַרץ — — —

פון פרימאָרגן אָן האָט עסטושע געצירט מיט פרישע בלומען דאָס עלעגאַנטע קברל פון איר איינציק טעכטערל. ערשט פּסח-צייט איז געשטאָרבן איר פאָטער. ביז דער לעצטער מינוט האָט דער אַלטער נישט געגלייבט אין די נצחונות פון דער דייטשישער אַרמיי. ביז דער לעצטער רגע האָט ער געמורמלט מיט דער נאָז ימים-נוראימדיקע ניגונים. ווען ער האָט דערפילט, אַז עס האָט אויסגעשלאָגן זיין אַנטשיידענע שעה, האָט ער געבעטן די טעכטער, איר און פערלען:

— קומט צו גיין צו מיין קבר מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז עס האָט זיך געענדיקט דער כוס פון נסיונות, אַז דער מבול איז אַריבער. דאַן וועל איך רואיק שלאָפן אין קבר.

דער פאָטער איז געשטאָרבן. אַלבערט איז נאָך געלעגן צו בעט אַ קראַנקער, און דער איידעם, כעמיע, האָט, ווי זיין טבע איז, אַזוי לאַנג זיך געדונגען פאַר אָפּצאָל פון אַ פלאַץ אויפן „גוטן-אָרט“... ביז דער בר-מינן איז פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור — אין דעם געמיינזאַמען גרוב צוזאַמען מיט הײמלאָזע.

עסטושע איז געזעסן אין טיפער פאַרטראַכטקייט. אירע בליקן זענען געהאָנגען איבער אַ קליינעם בלאַנקענדיקן שטיינדל, וואָס זי האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעוויקלט פון וואַטע. ווייט פון געשטאַנק, פון נבֿלהשע ריחות, האָט דאָס קליינע קערנדל געדערט צו איר האַרצן מיט אַ מיסטישער אוראַלטער שפּראַך פון אַ בשופֿדיקן לעגענדאַרישן לאַנד. דאָס געשליפענע שטיינדל האָט אויפגעוועקט אין זכרון יאָרן פון יוגנט און פלירט און פון טייערע מתנות. דער בריליאַנט האָט געפינקלט מיט בלאַנדזשענדיקע ראָזע פייערלעך אויף אַ בלוילעכן פאָן — דאָס אַלץ, וואָס עסטושען איז איצט פאַרבליבן פון דעם פאַרמלחמהדיקן פאַרמעגן.

אַ שעה פאַרלויפט נאָך אַ שעה. עסטושע איםפּראָוויזירט אַן אומעטיקן ניגון, מרוקעט אַרויס דורך דער נאָז. כאָטש איין רגע פאַרגעסנקייט: זאָל זיך דוכטן, אַז עס איז גאָרנישט געשען, אַז אַ מאַמע פאַרוויגט איר קראַנק געוואָרן קינד צווישן שפּראָצנדיקן גרינעם גראָז... אָבער פאַרוואָס פליסט דער ניגון אַזוי טיפהאַרציק און טרויעריק? פאַרוואָס פינקלען די אויגן מיט טרערן, וואָס פאַלן אויף די בלומען פון דער אויסגעבעטער וויג?... יאָ, וואָס דען? איז דאָס לעבן אַ טרוים — דאַן איז רוי-ערד אַ וויג, און דער טויט נישט מער ווי אַ פאַרכשופטער שלאָף... מיט אַ מעסיקן טראָט בלאָנדזשעט עסטושע צווישן די קברים, אַזוי ווי אַ לונאַטיקערין. אירע בליקן בלאָנקען אין ווייטקייטן, פאַרטיפן זיך אין חלל צווישן

הימל און ערד. עפּעס וויל זי זיך דערמאָנען, עפּעס זעט זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. עפּעס וויל זי באַגרייפן — די טיפקייט פון שאַפן און פאַרוואַנדלונג — דעם געזעץ פון דער נאַטור.

ווי פון הימל אַראָפּ איז פאַר איר דערשינען צווישן די שטיינער, מיט דער געשווינדקייט פון אַ שטשור, די קליינע פיגור פון משומד פייפער, מיט זיין שמאָלן באַוואַקסענעם געזיכט.

— אויך איך, אויך איך בין אַ ייִד, — איז ער צוגעטרעטן גלייך צום עניו, אָנווייזנדיק אויפן יידן־באַנד פון זיין אָרעם — אַלע גלייך... וואָס שייך דעם פאַ־שיזם — האָט ער אַרויסגעטאַנצט פון העלער הויט, ווי ער וואָלט פאָרגעזעצט די דיסקוסיע פון אַ געפירטן שמועס — בין איך פולשטענדיק מיט אים מסכים. דער געדאַנק, אז מענטשן מוזן געהאַלטן ווערן אויף א צוימל, איז פולשטענדיק ריכטיק. אָרגאַניזאַציע איז הויפּט־זאַך. אפילו מיטן ראַסיזם בין איך מסכים. מיר, ייִדן, ווייסן גאַנץ גוט, אַז גראָד אונדז האָט דער אַלמעכטיקער אויסדערוויילט צו געבן אַ תורה און פאַרפליכטעט מיטן אויספירן די תרי״ג מצוות... „אין חדש תחת השמש“ — האָט שלמה המלך געזאָגט, און דער „פירער“ האָט גאָרנישט באַנייט. נישט אין טעאָריע און נישט אין פּראַקטיק, — האָט פייפער דער דענטיסט גע־שאָסן מיט פּערל — געטאָ איז געווען, און געטאָ וועט זיין אין הונדערטער יאָרן אַרום. אָבער גראָד אין דער איזאָלירטקייט צעוואַקסט זיך דער יידישער גייסט פון די אָבות, ווי אַ בוים, וועלכער שטרעקט זיינע וואָרצלען אין דער טיף, ווייל עס פאַרפעלט אים פּלאַץ אין דער ברייטקייט.

ער האָט מיט לייכטקייט אונטערגעטאַנצט פאַר התפעלות, וואָס אים איז געלונגען אַרויסצוברענגען אַ קלינגענדיקן זאַץ.

— איין חסרון האָט דער פאַשיזם, וואָס ער האָט אַ טעות וועגן אונדז ייִדן... אפשר ווייסט איר, וווּ מען באַקומט אַ קופאָן אויף אַ אָנצוג? — האָט ער איבער־געריסן זיך אַליין — כ׳מיין, ווער עס האָט צו פאַרקויפן מאַנופאַקטור...

עסטושע האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד. זיינע קליינע כיטרע אייגעלעך האָבן ביי קיינעם נישט דערוועקט קיין איבעריקן צוטרוי.

* * *

יאַנקל, אַ באַלעגאָלע פון פּראַגע, האָט ביים איינפירן דאָס געטאָ פאַרטוישט זיין דירה מיט א קריסט פון סטאַוקי־גאַס, וווּ ער האָט זיך אויך איינגעאָרדנט מיט דראָשקע און פערד. אַזוי ווי וואָגן און פערד האָט ער געמוזט אָפּגעבן אין רשות פון דער מאַכט, האָט ער זיך געשאַפן אַ ריקשע אויף דיקע אָפּאָנעס און אויסגעדרייט פרנסה מיט די אייגענע פיס. אָבער אויך די ריקשע האָט אים ווער רעקווירירט... גראָד האָט אים דאָס ווייבל געבוירן אַ קינד. האָט יאַנקל איינגעלאַדן חברה „שטאַרקע“ צו פאַרטרינקען די נויט. יאַנקלס ווייב, וועלכע איז מיידלוויז

געווען אַז עקספּעדיענטקע אין אַ רייכער פירמע, האָט דערציילט פאַרן עולם וועגן די גרויסע אויפטועכצן פון איר שעף, וועגן זיין ריזיקן באַנקראָט און אַנדערע מאַכינאַציעס, וועגן דעם הויז אויף מער־גאַס, וואָס ער האָט געקויפט פאַרן קריג פאַר אַ גאַנצן מיליאָן.

— די טרייפענע מאַכן אַדורך דעם קריג, אָבער נישט מיר... מיר וועלן פאַלן ווי די פליגן, — האָט יאַנקל אַוועקגעלייגט שוואַרצע נביאות — אונדזערע ברידער און שוועסטער וועלן ליגן אויף די גאַסן ווי געפּגרטע קעץ. קיינער וועט נישט וויסן, ווו דאָס געביין וועט אַהינקומען.

עס האָט ווער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט: „גמינע“ און „גמינע־לייט“. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן:

— ווער איז זי, די גמינע? גאַכאַלניקעס, בורזשויען, אָנגעפּרעסענע וויעפּשן זיצן אויף פּאָסאַדעס. ווער האָט זיי פאַרטיילט די פּאָסאַדעס, געמאַכט פאַר קאָמענדאַנטן פון פּערטלען?... געקויפטע פּאָסאַדעס! פאַרן אָנגעגנבעטן געלט...

אַ כוסה האָט דערוואַרעמט די געדערעם צוזאַמען מיט דער נשמה. די שטימונג איז געוואָרן אַ געהויבענע, ווייל אין דער לופט האָט געשמעקט מיט פּרנסה.

— דער פּאָליציאַנט גר... איז אַ גוי, וואָס נעמט אין יד אַריין, — האָט יאַנקל פאַרטרויט פאַר די אויסדערוויילטע געסט — אויך דער יעקע וועט העלפן ווי ווייט ער וועט קענען, און דער דענטיסט — אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! — טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ קאָפּ פון אַ משומד...

דערביי האָט יאַנקל אַרויסגעוויקלט פון טאַש אַ פאַרשריבן פּאַפּירל, וואָס פייפער האָט אים אויסגעאַרבעט. אונטן האָט זיך געפּאַרכט אַ קיילעכדיקער סטעמפּל: „שעף דעם דיסטריקטס וואַרשאַ“... די אויגן פון דער חברה האָבן געגלאַנצט מיט צופרידנקייט, אַפילו די שוויגער האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס מיט איר אייגנאַרטיקן לשון:

— כאָטש אַ פאַרסאַרגעטע יידענע, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט, בענטש איך מיינע ליבע קינדער, אַז דער אויבערשטער זאָל אייך העלפן, איר זאָלט מצליח זיין...

* * *

אין געטאָ איז אָנגעגאַנגען דער פאַרביסענער האַנדל מיט לעדער, טעקסטיל און גאָלד. חברה האָבן דעריבער געגישטערט, ווער פון וואָס איינער מאַכט אַ לעבן, כדי צו שאַנטאַזשירן. פּאַרמיטלער האָבן געהאָרעוועט צו שליסן „געשעפטן“. די אַרבעט איז געגאַנגען וואָס אַ טאָג אינטענסיווער. די צאָל קרבנות איז געוואָקסן. אַ פּראָפיט איז געווען נישט קיין גרויסער, אָבער יעדער פון דער חברה האָט געכאַפּט צו קייען און אויסגעמיטן די סכנה פון הונגער.

איינער פון די ערשטע קרבנות איז געפאַלן אַלבערט. אין אַ פאַרויסבאַשטימטער זוינונג אויף לעש איז ער געקומען קויפן דענטיסטישן שמעלץ, ווייל עס האָט זיך געלוינט די אַרבעט פון ראַפינירן דאָס גאָלד. די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און „צופעליק" איז אַריינגעקומען אַ פוילישער פּאָליציאַנט... איצט פּאָלגט אַ רעוויזיע, קאָנפיסקאַציע פון דעם טייערן אַרטיקל און אַ צוגאָב — אויסקויף־געלט.

אויך עסטושע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער חברה. זי האָט געוואָלט פאַרקויפן איר לעצטן בריליאַנט, זיך שאַפן אַ דירה און ווי־עס־איז לעבן. ערשט אַלבערט איז איר פאַרויסגעלאָפן דעם וועג, אַרויסזאָגנדיק זיין חשד וועגן פּייפערס פאַרמיטלונג. — — —

געטאָ־פרימאָרגן. יעדער געעפנטער טויער האָט פון זיך אַרויסגעפרעסט אָרעמע מענטשן מיט פאַרסמאָליעטן אָנטאָן. יעדע טיר האָט זיך געשוואַרצט ווי אַ גאַנגרענע־וווּנד, פון וועלכער ס'האָט פון פרימאָרגן אָן כסדר געפלאָסן אַ קלעפּיקע ראָפּע. די גאַס האָט זיך פאַרפולט מיטן שטראָם פון אָפּגעמוטשעטע מענטשישע געשטאַלטן. ווי־נישט־ווו האָבן פון דער מאַסע „געוועזענע" אַרויסגעבלאַנקט רויטע ליפן פון אַן אָנגעשמינקטער שמוגלערין, אָדער אַ בראָנזענער קאַרק פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר.

אַלבערט האָט געזוכט אַ שטאַרק וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן דעם זינען פון דער היינטיקער צייט. מיטן אויפגיין פון טאָג איז ער געגאַנגען איבער אויפגעוואַכטע גאַסן, האָט געטיילט נדבות די אָרעמע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף טראָטואַרן ישוין פון באַגינען אָן. איינער פון די ליגנדיקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געשריגן:

— ברודער...

די געשרייען און דער בליק פון דעם ליגנדיקן האָט אַלבערטן געהאַלטן אין שפּאַנונג. דער שאָטן פון בעלזשיץ האָט אים נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן. ער האָט געשאַרט אין די קעשענעס, ווי איינער וואָס וויל אַוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, כדי זיך אויסקויפן און לויז ווערן פון אַ גרויסער פּלאָג.

אָבער, זע! צי האָט ער געקענט זיך אַזעלכעס פאָרשטעלן? נישט קוקנדיק אויף דער פריער שעה, האָבן פון אַלע לעכער זיך אַ שאָט געטון קליינוואַרג מיט דאַרע געשנירלטע הענט. יעדערער האָט זיך געשאַרט נענטער צו אַלבערטן, אים געדריקט און געצופּט ביי די אַרבל און הענט.

— מיר. אויך מיר, גוטער פאַן. פאַרוואָס גיט איר נישט מיר?

— איך גיי אויס. איך פאַל פון די פיס.

— איך נעם זיך דאָס לעבן אָט דאָ אויפן אָרט.

אַלבערט האָט זיך דערפילט אין אַ קלעפּיקן געוועב, פון וועלכן עס איז נישט מעגלעך געווען זיך צו באַפרייען. די חברה האָט זיך כסדר פאַרמערט. דער רינג אַרום אים איז געוואָרן ענגער, און ער האָט באַשלאָסן זיך צו ראַטעווען אויף

אַ ריקשע, וואָס איז גראָד געשטאַנען בײַ דער זײַט. אָבער אפילו דער ריקשע־יאָגער האָט נישט געקענט לויז ווערן פון דעם קליינוואַרג, וואָס האָט געהאַמעוועט די באַוועגונג פון די גומענע רעדער, זיך אַרויפכאַפּנדיק אויפן טרעפּל פון זיץ. מיט אַלע כוחות האָט ער געטריבן דאָס וועגל, צו ראַטן זיין צעשראָקענעם פּאַסאַזשיר. אַלבערט האָט זיך דערמאָנט אין דעם פּראַקטישן אויסדרוק פון זיין שוואָגער, כעמויען:

— ביסט אויסן זין, אויב דו דענקסט צו זאט מאכן די גאנצע וועלט...

באמת, דאָס איז דאָך דער ריכטיקער אויסדרוק, וואָס ער האָט געזוכט: אומזיניקייט, פּסיכאָז... אויסן זין זענען די, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם קריג, וועמענס סיסטעם עס איז אַ מעטאָד פון פאַרדאַרבונג, אָבער קיינמאָל נישט פון בויונג. אויסן זין איז אויך דער היטלערער עגאָיזם, וואָס דערלאָזט צו הונגער־טויט אינמיטן דער גאַס.

* * *

פּראָטעקציע, פילאַנטראָפּיע — דאָס זענען ווערטער, וועלכע באַצייכענען שרעקלעכע מעטאָדן בײַם רעגולירן די פאַרהעלטענישן צווישן אָרעם און רײַך. באַזונדער, ווען די בײַדע פּלאָגן גייען האַנט בײַ האַנט און בפרט אין אַזאַ צײַט, ווען אַ צופעליקע קלייניקייט דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון דײַן פרויאָ און די פערזאָנען פון דײַן משפּחה.

דירעקטאָרן פון יידישער סאָציאַלער־הילף, דירעקטאָרן פון יודענראַט, דזשאָינט, פון הויז־ און רעוויר־קאָמיטעטן, לייטערס פון „פּונקטן“ און קינדער־אַנשטאַלטן — זענען שנעל, ווי די שוואָמען, אויפגעוואַקסן אין זייער ביוראָקראַטישער פּראַכט, נישט לינדערנדיק די נויטן פון די ברייטע מאַסן. ליטעראַטור און קונסט צוזאַמען מיט וויסנשאַפט פון כלערליי מינים האָבן געבויגן די קעפּ פאַר יעטוועדן גאַסט, וואָס האָט באַזעסן דאָס צווייבער־שטעקל פאַר איינשאַפן קאַשע, ווי אויך מאַרמעלאַדע און טונקעלע פערפל. גייסטיקע ווערטן זענען געווען געשאַצט לויט דער מאָס פון חן, וואָס דער אָדער יענער שעפער האָט אין משך פון קריג זיך דערוואָרבן בײַ ברויטגעבערישע אָרגאַנען.

דזשיקע 3 — הויז פון נויט, אײַנגעשרומפּעטע מאָגנס, געשוואָלענע פיס און בלוטלאָזע פנימער. פאַר אַ פענצטערל בײַם אַרײַנגאַנג זענען געשטאַנען איינס הינטערן אַנדערן אייניקע הונדערט אַזעלכע געשטאַלטן מיט אָפּגעריבענע טעפּלעך און בלעכן. טייל האָט זיך געקריגט און געשאָלטן, טייל איז געלעגן אין דערשעפּונג אויף דער ערד. אַנדערע האָבן געשמועסט צווישן זיך, קריטיקירט די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר זייערע אויגן.

— פּראָטעקציע, פּראָטעקציע ביי א שטאַרקן, ביי אַ הויז-וועכטער, ביי א שמעטעניק-פּוצער, ביי יעטוועדן-קאָבלעפּל — דאָס איז דאָס ריכטיקע פּנים פון אונדזער פילאַנטראָפּיע. אַט זעט איר די אָרדנונג: שוין זעקס שעה שטיי איך אויף די פיס, איך חלש, און קען זיך נישט דערשלאָגן צו קיין לעפל געקעכטס. די שטאַרקע באַקומען די ערשטע, די שוואַכע און שטאַרבנדיקע וואַרטן דעם גאַנצן טאָג, ביז עס פעלט אויס...

— יאָ, די שטאַרקע זיי זענען אונדזער אומגליק, — באַשטעטיקט א צווייטער, זיי קריגן צו פרעסן אין דער צייט. קודם וואַרט, מוזט קודם באַצאָלן דעם שטאַרקן.

— ווי צו אונדזערע קעפּ, מיין מאַן איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט מיין איידעם. די מענער — זיי פאַלן ווי די פליגן, — האָט אַן אַלטע געבראָכן אירע הענט — יאָ, ווי די פליגן, 800 יידן אין 3 חדשים.

— קיינער וועט פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער, פון דעם פאַרכשופטן הויז.

9 אָווגוסט. דער טויער איז פאַרמאַכט. שטיל ווי אין א קבר. מען הערט נישט קיין געוויין פון אַ הונגעריק קינד, קיין קרעכץ פון א געשוואָלענעם, וועמענס ריי עס איז געקומען צו גוססן. אַ געדיכטער שטויב הענגט נאָך איבערן ענגן הויף. אָבער אַ וואַרעמער רעגן הייבט אָן צו טריפן וואָס אַמאָל שטאַרקער, שלעפּערט איין דאָס פאַרכשופטע הויז. די הונגעריקע קורטשן זיך אויף זייערע פריטשעס. דאָס טריפן פון רעגן דערמאָנט זיי אין די פאַרלאָזטע היימען און פרוכטבאַרע פעלדער פון לוויטש, סאָכאַטשעוו, פרושקאָוו, פון זשיראַרדאָוו, אמשינאָוו, ווי צענטליקער אַנדערע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען זיי זענען געוואָרן אויסגעריסן אין געציילטע מינוטן.

יאַנקל איז געזעסן ביים פענצטער. דער רעגן האָט אויפגעהערט. ווי אַן אָפּגעהאַקטער מענטשישער קאָפּ האָט די לבנה זיך אַרויסגעשאַרט פון צווישן די וואָלקנס.

— איבער אונדזערע העלזער הענגט א געשליפענע האַק, — האָט יאַנקל באַמערקט, קוקנדיק אויף די געשוואָלענע סטאָפּעס פון דער שלאָפנדיקער פּאַניע.

— דאָס געשווילעכץ פון די פיס שטייגט העכער צום האַרץ, און צו דער מלחמה נעמט נישט קיין סוף, — האָט ביילע אַריינגעטראָפן אין זיין געדאַנק.

— אין אַמעריקע האָב איך א רייכן ברודער, ממש אַ מיליאָנער, און מען זעט נישט פון אים קיין הילף, — האָט עמעץ געברומט אין א ווינקל פון צימער.

יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין קרובים: נישט קיין אָרעמע און נישט קיין רייכע. האָט ער אויף נסים נישט געוואַרט. ער האָט זיך געפילט באַוווסט פון דער אומבאַרעכטיקער אָרדנונג. בייענדיק זיך תמיד אונטער די שווערע לאַסטן, סיי פון

זיין קלאַס און סיי פון זיין פאָלק, האָט ער פון זיין קינדהייט אָן געהאַט די נייגונג אויסצולאָזן דאָס האַרץ דורך אַ געפאָרעמטן פערז.

— שילדערן דעם הונגער אין זיין גאַנצן שוידער קענסטו בלויז זאַטערהייט, — האָט יאַנקל אויסגעדריקט זיין דערפאַרונג. — ווען איך וואָלט אָפּעסן איין מאָל צו דער זאַט, וואָלט איך זיך גענומען צום שרייבן, צו שילדערן די גרויזאַמקייטן פון מענטשן...

אָפטמאָל, ווען דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט בלײַ, אין די געהירן פילסטו אַ דריקונג, דערשפירסטו אַ באַדערפעניש צו ביילן די פויסטן אָדער זיך אויסצוווייזן, דאַן שאַפסטו... איך שאַף נישט פאַר דער וועלט, איך שאַף פאַר זיך און מיינע נאָענטע פריינד.

יאַנקל איז אָנגעכמאַרעט און שווייגנדיק. בלויז פאַר רײזלען איז ער זיך גערן מתוודה. אָבער רייזל, ווען זי פאַלט אַריין אויף אַ מינוט, קומט זי נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט הודן — זיי ברענגען אים אַ מאָלצייט. דאָס קרענקט אים און דערוועקט אין אים קנאה. אויך פאַניע פילט זיך נידערגעשלאָגן דורך רייזלס מונטערן אויסזען. זי באַהאַלט מיט זאָרג אירע געשוואָלענע פיס, ווי אַ צייכן פון שאַנד וואָלט געלאַסטעט אויף איר גוף, און צווינגט אירע ליפּן צו אַ צופרידענעם שמייכל.

יאַנקלס בליקן בלאָנדזשען איבער אַ זייטל פּאַפּיר. ער נאָגט די ליפּן און באַוועגט נישט מיט קיין אבר. צי באַזיצט ער באמת טאַלאַנט? צי איז ער אימשטאַנד צו שילדערן די אייגענע אָנמאַכט, זיין אייגענעם צער, דעם אייגענעם ווייטיק פון באַליידיקטן געפיל... אָט איז רייזל אוועק. זי קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף זיין צעקראָכענעם אָנטון און חברט זיך מיט הודן. זיי מאַכן אַ לעבן פון בשותּפותדיקן שמוגל... אָט גליטשט זיך אים אַרויס פון אונטער די פיס דער באָדן — צוליב אַ פיצל פאַרדאַרט ברויט, צוליב אַ קאַרטאָפל-שאָל, צוליב אַ קערנדל שפּייז, וואָס אַ פויגל געפינט אין פרייעם פעלד און אַ הונט אין דעם מיסט-גרוב...

אָבער... צי איז דאָס באמת נישט קיין חוזק-מאַכעריי איבערן אָרעמען מענטש? פון דער נאַטור אַליין? אָבער פון וואַנען נעמט זיך צו אים די צוגעבונדנקייט צום לעבן און אַזאַ דראַנג צו אויסלעבן זיך? פון וואַנען נעמט זיך צו אים די שטרעבונג צו צייטן פון פולקייט און פרייד?

עפּעס איז ער מיט איינמאָל אויפגעמונטערט געוואָרן. לעם אים איז געשטאַנען זיין ווייב פאַניע. אין דער האַנט אַ ברויט-שטיקל, וואָס רייזל האָט זיי אין דעם טאָג געבראַכט אין איר טעקע. האָט זי געבעטן מיט איר שטילן האַרציקן קול:

— יאַנקל, מאַטער נישט דעם קאָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט. יאַנקל לייג זיך שלאָפן!

פאַרן בלאָסן לבנה־שיין האָט פּאַניעם געשטאַלט אין לאַנגן נאַכט־העמד געמאַכט דעם איינדרוק פון דעם לעגענדאַרישן טויט מיט אַ לאַנגער קאָסע אין זיין ביינערדיקער האַנט — דאָס געשטאַלט פון הונגער.

ווי אַ צעפּליקטער אויף שטיקער, האָט דער שלאָף זיך אָפּגעטון פון יאַנקלס בלוטלאָזע ברעמען. שטיל, אויף שפּיץ־פינגער האָט געשפּאַנט די נאַכט, וועבנדיק איר טרוים איבער שלאָפנדיקע רוחות, ווען דער שטראַל פון באַגינען וועט אַנפּילן מיט גרויל.

יאַנקל האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. זיינע בליקן האָבן געוואַנדערט אין אין־סוף, זוכנדיק אַן אָנהאַלט אין דער פינקלדיקער בלויקייט. די בלויקייט פון הימלען איז די בלויקייט פון ים. זיין גוף — בלויז אַן אָטעם אין אומענדלעכקייט. צי איז אין ים פון עלנט נישט גענוג אַ שטויבעלע, זיך צו האַלטן אויף זיין רוקן ווי ווייט ס'וועט זיך לאָזן?

און אויב עס קומט נישט פון ערגעץ קיין רעטונג פאַרן גוף, זאָל כאָטש אַ פונק פון דער נשמה, ווי אַ שטערנדל, אויפלויכטן איבערן הויפן פון מענטשן אין פאַר־ עפּושטן בנין.

ווי פון ערגעץ אַ געהויל וואָלט געזשומעט אין די אויערן. אַ קריצעריי פון שטערן און הימלען אין דער שטילקייט פון אומענדלעכן רוים. אזוי וואַיעט דאָס שווערלעכע וויי־ליד פון געמיט, פאַר וועלכן יאַנקל האָט געוואָלט געפינען דאָס גליענדיקע וואָרט, דעם אויסדרוק אין פערז — דאָס וויי־ליד פון הונגער.

„דאָס ליד פון הונגער“.

ער האָט, קייענדיק דאָס ברויט, געשריבן דאָס קאַפּל, אָבער — מער נישט קיין וואָרט. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוברענגען דעם ים פון האַס, וואָס האָט פאַרפלייצט זיין פּאָלקס הארץ, דעם פּראָטעסט קעגן שנאה צו די אָרעמסטע און אומשולדיקסטע, דעם צער איבער די ליידן פון אויסגעהונגערטע קינדער. דער מוח האָט אָבער גישט געקאָנט אַרויסגעבן קיין געדאַנק. די שוואַכקייט פון די אברים האָט באַהערשט אויך די חושים, געשאַפן פלאַץ פאַר פוסטקייט.

איבער דעם נישט געשריבענעם ליד איז יאַנקל איינגעשלאָפן מיטן אייביקן שלאָף. אַ געבויגענער איבערן פאַפיר־זייטל, מיטן בלייפעדער אין דער האַנט, מיטן שטיקל ברויט אין מויל צווישן די ציין, האָט ער אָן אַ קרעכץ זיך געזעגנט מיט דער אכזריותדיקער וועלט.

— — — מיט יעדער וואָך האָט זיך געמינערט די צאָל פון באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיט בענקשאַפט באַגלייט זייערע פאַרשטאָרבענע פריינד. ווי דער ווייטיק פון פאַרלוסט וואָלט פאַרלוירן זיין שאַרפקייט אין דער קריטישער צייט. איינדערשטיל

פלעגט פאָרקומען די געזעגענונג ווי אויף א צייט פון חדשים, אין משך פון וועלכע פרייַנד וועלן זיך טרעפן אין א לעבן פונדאָסניי — — —

עס איז געווען א פארשטויבטער יוני=טאָג מיט זיין לאַנגקייט און פוילקייט. פאר דער גאס האָבן הענדלער אָנגעבאָטן ברויט און אייער=קיכל. די קרעמער האָבן זיך געקלאָגט אויף דער נידעריקער טענדענץ פון די אויפגעשרויפטע פרייזן, וועלכע האָבן זייט אַ וואָך ניט געוואָלט מער שטייגן. ווי אין פריערדיקע טעג, האָבן אָרעמע געיאָמערט אויף פארשפיגעלטע טראָטואַרן, זייערע צערעפעטע פיס אויסגעשטרעקט צו דער גאס. א טאָג אַ נאָגנדיקער, ווי א שקראָפל=מכה. בלויז מעגאפאָנהילכערס האָבן אָנגעזאָגט די נייעס, אז די דייטשישע ארמיי האָט „מיט גאָטס הילף“ אויפגענומען דעם קאמף קעגן דער באָלשעוויסטישער „פעסט“ — אין נאָמען פון „יושר, ציוויליזאציע און פראָגרעס...“

VANCOUVER PERETZ
SCHOOL LIBRARY

אינהאַלט:

	זייט
זלמן סקאַלאָוו (פּלוסקאַלאָווסקי)	
פאָרוואָרט פון ב. מאַרק	5
ערשטער טייל	9
צווייטער טייל	70